STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00304

# GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

Yonah Rozenfeld

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*The Weiss Mishpucha*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאמעלטע שריפטען

פון יונה ראזענפעלד

דריטער

באַנד

אַרויסגעגעבען פון דער
יונה ראָזענפעלד קאָמיטע
נ יו יאָרק : 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

# פרויען

# אינהאַלט:


ביים ברעג טייך — 9—36

צו חלום — 37—43

„מאַנקא" — 45—50

אויף אן אכסניה — 51—60

צו גאסט — 61—66

ניט מיט אלעמען — 67—75

צווישען אייגענע — 77—92

צו שפעט — 93—102

נאָך א קינפעט — 103—112

אַ יונגע אלמנה — 113—119

די מאָדעל — 121—129

אַן אומגליקליכע — 131—138

אין וואַגאָן — 139—148

צווישען צוויי פייערען — 149—156

„היימישע" — 157—171

בענקשאפט — 173—184

דריי — 185—220

פיר — 221—250

קינסטלערישע קאפריזען — 251—259

דער מערדער — 261—276

אַ באַשערטע זאך — 277—286

# ביים ברעג טייך.

שטיל אומבאמערקט האָט זיך דער טאָג אָפּגערוקט, און מיט אומעט און קיהלקייט האָט די נאַכט אָנגעהויבען צו פאַלען. איבער'ן הימעל האָבען זיך שיטערע וואָלקען צושפּרייט, און א פּאָר געצעהל־טע טראָפּענס רעגען זיינען געפאַלען שטיל אָהן דונער און בליץ; און געשטאָרבען איז דער טאָג אומבאמערקט ווי א שווינדזיכטיגער, וועלכער ענדערט זיך ניט נאָכ'ן טויט און מעהר ווי אומעטום האָט זיך דער אומעט ביים טייכעל געשפּירט. געדוכט האָט זיך, א שפּיגעל פון טרויער פליסט, א טרויעריגער שפּיגעל, אין וועלכען ס'האָט נאָר וואָס א מת אריינגעקוקט, אָדער ווי מ'וואָלט פון דאָר־טען ערשט ניט לאַנג א דערטרונקענעם ארויסגעשלעפּט. ניט גע־הערט האָט זיך דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, וועלכע פאַרהילכען די לופט, באַלד ווי די נאַכט הויבט אָן צוצופאַלען, כאָטש עפּעס האָט זיך יאָ וואו ניט וואו, פון צייט צו צייט געלאָזט הערען א קוואַקע, ער איז אָבער באַלד אַנטשוויגען געוואָרען, ווייל ער איז ניט גע־וואָרען אונטערגעהאָלפען פון אַנדערע זשאַבעס און דאָס איז געוועזן דער ערשטער סימן, אַז די נאַכט וועט אויך זיין א קאַלטע... זשאַבעס ווייסען... זשאַבעס פיהלען...

אין א שיפעל, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג צו א סטויפּ־טשיק צוגעשלאָסען, איז געזעסען מרים, א פערצעהניאָהריג מיידעל און אין א רעשעטע איבערגעוואַשען די געלינקע שוועמלאַך, וועלכע זי האָט ערשט ניט לאַנג פון וואַלד געבראַכט. זי האָט מיט איין האַנט די רעשעטע אויפ'ן וואַסער געהאַלטען און מיט דער צווייטער געוואַשען די שוועמלאַך און געוואָרפען אין טעפּעל אריין, וואָס איז אין שיפעל געשטאַנען. אַנטקעגען איהר האָט, ווי פון הינטער דער רעשעטע, אין וואַסער זיך באַוועגט אַהין און צוריק עפּעס א שוואַרץ

קיילאָכדיג שטיק, האָט זיך עפּעס אַזוי ווי געוואָלט אָפּרייסען און אָוועקשווימען, האָט זיך פון צייט צו צייט צוגאָסען ווי אַ שוואַרצע פלּיסיגקייט. און מרים׳ל, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז דאָס שפּיגעלט זיך אָפּ דער קאָפּ איהרער, האָט דאָך מורא געהאַט צו קוקען אויף דעם שאָטען.

די נאַכט איז אַלץ געדיכטער און געדיכטער געוואָרען. דער וואַלד, וועלכער האָט זיך אַ ווערסט אַנדערהאַלבען פון יענער זייט טייך געפונען, האָט זיך שוין לאַנג צונויפגעגאָסען אין איין געדיכט־שוואַרץ שטיק, און געדאַכט האָט זיך, אַז די פינסטערניש גיסט זיך פון דאָרטען און פּיהלט אָן די לופט מיט שרעקליכע וואַלד־סודות... ווען מרים׳ל האָט אַהין אַ קוק געוואָרפען, האָט זי זיך ניט געוואָלט גלויבען, אַז זי איז ערשט ניט לאַנג פון יענעם שרעקליכען אָרט געקומען און אַז זי וועט נאָך אַמאָל זיין דאָרטען, און האָט דערפּיהלט אַ גוטסקייט דערפון, וואָס זי געפינט זיך איצט זעהר ווייט פון דעם גרויזאַמען וואַלד. וואו ניט וואו זיינען, ווי שאָטענס אָדער ווי נעגאַטיווען אָפּגעפאָטאָגראַפירטע, פון ביימער געפּענטעטע פערד געשטאַנען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, און דייטליך האָט זיך געהערט, ווי זיי גריזשען דאָס גראָז. פון צייט צו צייט זיינען זיי אריבער־געשפּרונגען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען, שטאַרק אויפגעהויבען דעם פעדערשטען טייל קערפּער, פון וואָס די גריוועס זייערע האָבען ווי שוואַרצע פאָנען געפלאַטערט אין דער לופטען. איין פערד איז געשטאַנען ביים ברעג און האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין וואַסער מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און דער וואַסער־פערד האָט זיך דייטליכער און בולט׳ער אָנגעזעהן פון׳ם אָריגינאַל. און געדוכט האָט זיך, אַז דער אמתער פערד איז דער וואָס אין וואַסער, און דער וואָס שטעהט פון אויבען ווי צוגעטשעפּעט ביי די פיס צום אונטערשטען איז אַ שאָטען פון׳ם לעצטען.

פון דער זייט ברעג, ניט ווייט פון מרים׳לען איז ווי אַ טשערעפּאַכע געזעסען אויפ׳ן טייך דעם פּאַראָם, און דער שטריק, וועלכער האָט זיך געצויגען פון איין ברעג צום אַנדערען, האָט זיך געדוכט פון ווייטען, ליגט אין וואַסער ווי אַ אויסגעבויגענער לאַנגער

שטעקען אריינגעשטורכעט איןביידע ברעגען. א אַנדערהאַלבען קלאַפטער פונ׳ם פאַראַם איז א קליין פיצעל שטיבעלע געשטאַנען, א שטיבעלע אָהן טירען און אָהן פענסטער, נאָר צוויי שווארצע לע־כער, איינע א לאַנגע (דאָס איז געווען די טיר) צום פאַראַם צו, און די צווייטע, א דריטעל פון דער ערשטער, איז געווען אין דער זייט, וואו מרימ׳ל האָט זיך געפונען. איצט איז דאָרטען קיינער ניטאָ, ווייל דער רויטער בחור, וואָס זיצט טאָג ווי נאכט אין דעם שטי־בעלע, געהט פאַרנאַכט אוועק אין שוהל אריין מנחה־מעריב דאַוו־נען, קדיש זאָגען נאָכ׳ן פאָטער. און שפּעטער, אַז ער קומט, צולייגט ער זיך דאָרטען א גרויס פייער אין שטיבעלע (אויף דער ערד צו־לייגט ער דאָס פייער), און ס׳ווערט אזוי ליכטיג, א שרעק! מרימ׳ל איז דאָרטען ביינאַכט קיין מאָל ניט געווען, בייטאָג האָט זי שוין ניט איין מאָל אריינגעקוקט אהניצו, נאָר ביינאַכט איז איהר נאָך ניט אויסגעקומען. נאָר זי צווייפעלט ניט, אַז ביינאַכט איז דאָרטען פיל בעסער ווי בייטאָג... שוין דאָס פייער אליין, וואָס דאָרטען ברענט, ציהט זי אהינצו מיט א געהיימער קראַפט. אָט די ליכטיג־קייט, וואָס ציטערט און פלאַטערט (זי זעהט עס אלע אָוועגד דורכ׳ן פענסטער־לאָך) ווינקט צו איהר ווי מיט א כשוף: געה מרימ׳ל, אהער, וואָס טויג דיר דאָרט זיצען אין דער פינסטער מיט׳ן בלינ־דען? זי טראַכט פונ׳ם „קאַשטאַן" אָפּט. ער איז זעהר א גוטער, אלע טאָג פיהרט ער זי אריבער אהין און צוריק פון איין ברעג צום אנדערען און וויל דערפאַר ביי איהר גאָרניט נעמען. און דאָך האָט זי ווי עפּעס מורא פאַר איהם און וועט אויף קיין פאַל אהין אין שטיבעל ניט געהן. בכלל פיהלט זי זיך עפּעס אומרוהיג, ווען זי זעהט איהם און בענקט נאָך עפּעס אומדייטליכעס ווען זי זעהט איהם ניט. אין אזעלכע פאַלען ווערען אזעלכע מיידלאַך שטאַרק צוגעלאָזט צו די מוטערס, און דאָס איז, זעהט אויס, געווען די סבה, וואָס מרימ׳ל האָט פּלוצים אָנגעהויבען בענקען נאָך דער מוטער, וואָס זי האָט שוין געהאַט כמעט ווי פאַרגעסען אָן איהר.

באַזונדערס הויבט אָן מרימ׳ל צו בענקען פאַרנאַכט, ווען די זון הויבט זיך אָן אראָפּצולאָזען ערגעץ דאָרטען אין יענער זייט, וואו

דאָס הייליגע אָרט געפינט זיך... שרעקליך איז איהר „יענע זייט". ביי איהר האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ נעפּעלדיגער גערעאַנק, אַז אַלץ, וואָס „פאַרגעהט", איז נאָר אין יענער זייט... אַהין ווערען אַלע לע־בענס פאַרשוואונדען... אַ אייביגער סוד שוועבט דאָרטען אויף יע־נעם וועג, אויף יענער זייט... עפּעס מתים'דיגס פלאַטערט אין דער לופט... אפילו אין דער פישטשעריי פון די פויגעלאַך, וועלכע פילען דאָרטען אָן דאָס בית־הקברות און דעם גאַנצען שטח אַרום, פיהלט זיך אויך דער שרעקליכער סוד... דאָרטען אויף יענעם וועג, כאָטש זי קומט אַהין זעלטען, האָט זי שוין אַ פּאָר מאָל געזעהן, גע'פּגר'טע באַשעפּענישען און האָט עס געפונען אַזוי נאַטירליך, וואָס זי האָט עס נאָר דאָרט אויפ'ן וועג פון „אונטערגאַנג" און ניט ערגעץ אַנ־דערש געזעהן, ווייל אַלץ, אַז ס'שטאַרבט, מוז אַ מקום מנוחה דאָרט געפינען...

ווען זי האָט געענדיגט די אַרבייט, האָט זי זיך פאַמעליך, מיט געמאָסטענע טריטעלאַך געלאָזט געהן אין שטוב, וואָס האָט זיך גע־פונען אַ דריי קלאַפטער ווייט פונ'ם טייך. די שוואַרצע איינגעהוי־קערטע פענסטער, וועלכע זיינען געווען אַ האַלב אַרשין הויך פון דער ערד, האָבען אומעטיג און מיט אַ קליינשטיבעלדיגער עלענד־קייט אַריינגעקוקט אינווענינג, וואו ס'איז געווען צונויפגעגאָסען אין איין שטיק פינסטערניש, אָרימקייט און עפּעס נאָך אַ זאַך, וואָס האָט געהייסען מענש.

נאָר דאָס, וואָס האָט געהייסען מענש איז געווען בלינד, ווי די פינסטערניש און דאָס אָרימקייט אַרום איהם.

און מרים'ל האָט זיך אין די געדאַנקען אַ פרעג געגעבען: „וואָס טוט ער דאָרטען איצט?" „ער טוט גאָר ניט", האָט איהר עפּעס ווי אימיצער אין אַ ווייטע אַרום געענטפערט און דאָס גאָר ניט טאָן זיינס האָט זי געשווידערט.

וואָס נעהענטער זי איז צוגעקומען צו דער שטוב, האָט זי אַלץ פאַרקלענערט דעם שפּאַן. די ווייס־באָרוויסע פיסלאַך האָבען זיך געבלייכט אויף דער טונקעל גרינער ערד, און אַזוי ווי ס'איז גע־

ווען שטארק פינסטער, האט זיך איהר געדוכט, אז ס'גייען א פאר פיסלאך אהן א מענשען...

צוגעקומען נאהענט צו דער שטוב האט זי פלוצים באמערקט, ווי אימיצער לאזט זיך פון בארג אראפ, פון הויכען בארג, וועלכער איז בארגיג פעסט געזעסען הינטער איהר שטוב, און אויבען, אויף דעם בארג, איז פעסט און זיכער געשטאנען דער הויכער ווייסער קלויסטער, וועלכער האט איצט ביינאכט נידעריג אויסגעזעהן ווייל די מעשענע קופאלען און די צלמים זיינען פארטרונקען געווען אין דער פינסטערניש. מרים'ל איז שטעהן געבליבען און אן אומבא־וואוסטע אומדייטליכע אומרוהיגקייט האט דורכגענומען דאס גאנצע ווען איהרס... צי זעהט זי דען דאס ערשטע מאל א מענשען פון א בארג אראפלאזען זיך? זי האט אינסטינקטיוו דערפיהלט עפעס א נאהענטען מענשען. און איידער נאך זי האט דעם מענשען דער־קענט, האט צוזאמען מיט'ן הארץ־קלאפ א געדאנק אויפגעשפרונ־גען: „ס'איז דער קאשטאן". און איהר איז דערפון גלייכצייטיג אי אומעטיג אי פרעהלאך געווארען.

— א גוטען אוונט דיר! — האט ער אויסגערופען אפשטעט־לענדיג זיך אנטקעגען איהר, האט א קוק געגעבען אויף איהרע הענט און געפרעגט, וואס זי טראגט דארטען. און מרים'ל האט גע־מאכט אן אומנאטירליכע באוועגונג, א ביסעל אויפגעהויבען די הענט און אהן ווערטער איהם געוויזען, וואס זי טראגט.

דער „קאשטאן" האט אריינגעשטעקט די הענד אין ביידע קע־שענעס פון רעקעל אפציהענדיג פון פארנט די פאלעס און איהר אריינגעשמייכעלט אין פנים; און מרים'ל איז עפעס געווען, אי פון דעם קוקען, אי פון דעם וואס ער האט איהר אפגעגעבען „גוטען אוונט", צומישט... דאס ערשטע מאל פיהלט זי אויף זיך אזא מין קוקען... דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען זאגט מען איהר „גוטען אוונט".

געהסט ערשט קאכען וועטשערע? — האט ער געפרעגט מיט א שמייכעלע.

— יא! — האט זי געענטפערט און באלד חרטה געקראגען,

ווייל איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט ניט דאָס באַדאַרפט ענט־פערען, נאָר עפּעס אַנדערש...

— אויב דו ווילסט — האָט ער געזאָגט — קענסטו מיט מיר צוגעהן אַהין (ער האָט מיט'ן קאָפּ אָנגעוויזען צו זיין פינסטער שטי־בעלע) און וועסט דאָרט אָפּקאָכען וועטשערע... איך וועל צולייגען אַ גרויס פייער, ראַז, דוואַ, איז פאַרטיג...

מרים'לען האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסען אין הארצען... זי האָט דאָך נאָר וואָס אַליין געטראַכט פון אריינצוגעהן אַהין און דאָ האָט ביי איהר גאָר פּלוצלונג אויפגעפלאַמט יענער אינסטינקטיוו עקשנות'דיג פרויען־געפיהל, זיך ניט אונטערצוגעבען דעם מאַנסביל, זיינע פאַרלאַנגען.

— ניין, איך וועל ניט געהן אַהינצו קאָכען! — האָט זי אַנטשלאָסען געזאָגט. זי האָט פּלוצלינג אין פינסטערען פאַרהייזעל, נעבען וועלכען זיי זיינען נאָהענט געשטאַנען, טריט דערהערט. ביי־דע האָבען אויסגעדרעהט די פּנים'ער צו דער שוואַרץ־אָפּענער טיר, פון וועלכער עס האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום אַ האַנט באַוויזען, האָט אַ פּאָר מאָל אַ שוועב געגעבען אין דער לופטען און איז ווי צוגע־קלעפּט געוואָרען צו דער ראַם פון טיר; און שפּעטער אַ ווײַלע איז פון דער פינסטער אַ גרויסער ווייסער פּלע אַרויסגעשוואומען, וואָס האָט זיך אויף דער שוועל אַוועקגעשטעלט און געפרעגט:

— ווער איז דאָ?

— איך! — האָט זיך מרים געכאַפּט צו ענטפערען און אַ צו־מישט פאַרשעמטען קוק אויפ'ן קאַשטאַן געוואָרפען, וואָס זי האָט איהם פאַרלייקענט.

— דו האָסט דאָ, דוכט זיך, מיט אימיצען גערעדט... האָסט גערעדט מיט אימיצען — האָט דער אַלטער שטיל געזאָגט מיט אַ זיכערען און דאָך צווייפלענדיגען טאָן.

דער קאַשטאַן האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפ'ן מויל, האָט זיך אַ ביסעל איינגעבויגען און זיך אָנגעהויבען שטיקען פון געלעכטער און אויף לעצט אויסגערופען:

— אַ גוטען אָוונט אייך, רב שמואל'ע!

אויף דעם אַלטענס פּנים האָט זיך אַ נייעגריג צופרידען שמייכעלע צוגאָסען און יענע נעפּעלדיגע אומרוהיגקייט, וואָס ער האָט געהערט זי מיט אימיצעןריידען און געפיהלט דעם „אימ־צען" ניט ווייט פון זיך און ניט געוואוסט, ווער דאָס איז, איז פאַר־שוואונדען...

— דוכט זיך, דער קאַשטאַן, אַ ?... אַ שייגעץ איינער ! — האָט ער פרעהליך געזאָגט און גלייכצייטיג טרויעריג אַ טראַכט געטאָן : ניט קיין חידוש, וואָס איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט לייזער'ס (לייזער — דעם קאַשטאַנ'ס פאָטער) קול. און אַלס בלינדער טוט איהם זעהר הנאה, וואָס ער האָט קיין גרויסען טעות ניט געהאט...

— דער קאַשטאַן ! — האָט דער רויטער בחור פרעהליך אויס גערופען — איהר האָט דערקענט... איהר געדענקט, ווי איהר פלעגט מיר דרעהען די אויערען אין שול דערפאַר, וואָס איך האָב געקאָמאַנדעוועט !

— כע, כע, צי איך געדענק ! — האָט דער אַלטער גוט־מוטיג מיט אַ געלעכטערעל געזאָגט — ביסט שוין איין מאָל געווען אַ שייגעץ, פון די פייערדיגע ! ...

דער קאַשטאַן האָט אונטערגעכאַפּט :

— היינט אויך, רב שמואל'ע !

— היינט אויך ? — האָט דער אַלטער מיט אַן אונטערטעניג שמייכעל איבערגעפרעגט — נו, טאָ קום זשע אַהער, איך וועל דיר שוין ווייזען, ווי צו זיין אַ שייגעץ ! — האָט אויסגעצויגען די האַנט, און דער קאַשטאַן האָט מיט אַ גוט־האַרציג געזונט געלעכטערל אונטערגעטראָגען דעם אויער, און דער אַלטער האָט איהם אָנגעהויבען צו דרעהען, שרייענדיג דערביי :

— פ־ז־ע־ע־ער ! ! ! — און דער קאַשטאַן האָט גערעוועט, ווי אַן אָקס, האָט גלאַט גערעוועט, כאָטש איהם האָט עס גאַר ניט וועה געטאָן, און באַפרייט זיך, אַ מינוט צייט מיט דער דאָלאָניע פון האַנט געריבען דעם אויער, ווי ער וואָלט איהם אָפּגעפראָרען אין אַ שטאַרקען פראָסט.

— אָ, רב שמואל'ע, איך האָב געמיינט, אז איהר האָט שוין פארגעסען... גוואלד, ס'ברנעט, ס'ברענט!

— פארדינסטו עפּעס געלט? —האָט דער אַלטער איהם געוואָלט אריינציהען אין אן ערנסטען שמועס...

— א דאנק גאָט! — האָט דער קאַשטאַן געענטפערט.

— ווען דו וואָלסט געווען א וואוילער בחור, וואָלסטו מיר געבראַכט א פּעקעל טאַבאַק! — האָט דער אַלטער געזאגט מיט א צובראָכען בעטלערישען קול — איך האָב שוין צוויי טעג קיין שמעק טאַבאַק ניט.

— אָך, בתשואות חן! — האָט דער קאַשטאַן גאנץ ערנסט געזאגט — מאָרגען ברענג איך אייך א פּעקעל טאַבאַק פּערווי סאָרט... אפשר וועט איהר דערווייל איצט רויכערען א ציגאר?

און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, האָט ער ארויסגע־כאפּט פון בוזעם א פירעקעדיגע בלעכענע פּושקע, וועלכע האָט זיך געעפענט מיט א הילכיגען קנאַק, און האָט אָנגעהויבען וויקלען א ציגאר.

דער אַלטער רויכערט אפילו ניט און דאָך, זייענדיג געוואוינט שוין א לענגערע צייט צו „נעמען", האָט ער ניט געקענט ביי־שטעהן דעם נסיון.

געמאכט צוויי ציגארען, איינעם פאר זיך און איינעם פאר דעם אלטען, האָט אָנגעצונדען א שוועבעלע, צוגעטראָגען צום בלינדען, וועלכער האָט שוין געהאלטען צווישען צוויי פינגער דאָס ציגארעלע אין מויל. דאָס קליינע בלאַסע פּנים, וואָס איז באשטאַנען פון א נאָז מיט צוויי אָפענע בלינדע אויגען, איז ארום און ארום געווען ווילד באוואקסען מיט לאַנגע גרויע האָר און די שטיקלאך באקען אונטער די אויגען האָבען פיבעריש געציטערט, קענטיג מורא געהאַט פאר'ן פייערל, וואָס ער האָט געפיהלט און נעפּעלדיג געזעהן נאָהענט נעבען זיך. דער פאר־שמאָלצענער דאשעק פון היטעל, וועלכער איז געווען אראפּגע־רוקט אריבער די ברעמען און האָט דערמאָנט עפּעס א חורבה

מיט פארקלאפטע פענסטער, האט געגלאנצט אנטקעגנען פייער און עפעס זעהר פיל עהנליך געווען אויף די בלינדע אויגען...

נאך איהם האט דער קאשטאן פאררויכערט, נאר מיט א צווייטער שוועבעלע, ווייל די ערשטע האט אין גאנצען אויסגעברענט, בעת ער האט געגעבען דעם אלטען פאררויכערען. די שוועבעלע האט באשיינט א פנים פונקט דעם היפך פונ'ם ערשטען: קיילעכדיג, גרויס, יונג און פריש, מיט געדיכטע געלע הארט־קורצע וואנס.\ פאררויכענענדיג האט ער געקוקט אויף מרים'לען, וועלכע איז אנטקעגען איהם ווי א הילפלאז שעפעלע געשטאנען מיט פארנומענע הענט, און אויך איהר געזיכט איז העל באלויכטען געווען. די בלויע גרויסע קינדערשע אויגען האבען זיך געפלאנטערט, ניט געוואוסט וואוהין צו קוקען. און פוןביידען, אי פון איהם, אי פון איהר האבען זיך אפגעצויגען אויף דער ערד צוויי לאנגע שווארצע שאטענס. נאר די קעפ זיינען ערגעץ פארלארען געגאנגען אין דער געדיכטער פינסטערניש.

— פאראמ־שטשיק! — האט פלוצים א קול דורכגעשניטען די פרישע לופט, און ערגעץ ווייט האט א ווידער־קול געענטפערט.

דער קאשטאן איז זיך רוהיג געשטאנען, ווי ניט איהם מיינט מען, האט פאמעליכקע געצויגען דאס ציגארעלע, און ביי יעדער ציה איז ווי ארויסגעשוואומען פון דער פינסטער דאס קיילעכדיגע רונדע פנים זיינס, וואס איז די גאנצע צייט געווען געווענדעט צו מרים'לען. דער אלטער האט איהם אויף לעצט אויפמערקזאם געמאכט, פארוואס ער געהט ניט געבען דעם פאראם, און צוגעגעבען:

— איצט פארשטעה איך שוין, אז דו ביסט א גרויסער פויליאק... איך האב געמיינט, אז דו האסט אזא שטארקען שלאף... איך האב געהערט, ווי איינער איז שיער ניט צוריסען געווארען, שרייענדיג פאראמשטשיק... מיין מירקע האט אפילו אויך געהערט, האט מיך געפרעגט: „טאטע, דו הערסט, ווי מ'שרייט פאראמשטשיק?"... איך בין געווען זיכער, אז דו שלאפסט,

איצט פארשטעה איך שוין, אז דו האָסט זיך פשוט געפוילט אויפ־צושטעהן...

מירמ'לען איז עפּעס אומעטיג געווארען אויפ'ן הארצען... זי האָט זיך דערמאָנט אן דעם שרייען „פּאראָמשטשיק"... וואס זי הערט כמעט אַלע נאכט. יעדעס מאָל, ווען זי הערט דאָס, דערמאָנט עס איהר די שרעקליכע מעשה, וואָס די מאַמע האָט איהר שוין זעהר לאַנג געהאט דערצעהלט פון א שד, וועלכער איז אַלע נאַכט גע־קומען רופען עפּעס איינעם א אידען משה לייב, וועלכער האָט געהאט „געשעפטען" מיט די „ניט־גוטע", און נאָכדעם, ווען ער האָט זיך שוין געוואלט אפּטשעפּען פון דער „חברה", האָט מען אַלע נאכט געהערט רופען: „קום אהער! קום אהער!"

— פּאראָמשטשיק! — האָט זיך דאָס צווייטע מאָל געלאָזט הערען, נאָר שוין שטארקער, ווי דאָס ערשטע מאָל, און די שווארצע פיגור פונ'ם „שרייער" האָט זיך דייטליכער ווי דער אָריגינאַל אָפּגעשפּיגעלט אין וואסער, מיט'ן קאָפּ אראָפּ.

דער קאשטאַן האָט א וואָרף געגעבען „א גוטע נאכט" און איז פארשוואונדען געווארען אין דער פינסטערער נאכט.

* * *

אין א פּאָר וואָכען אַרום, אין איינעם א שעהנעם זומערדיגען פריהמאָרגען, ווען די זון האָט מיט בלענדענדיגער ליכטיגקייט פאר־גאָסען דאָס אָרימע שטיבעלע, וואָס איז מעהר עהנליך געווען אויף א חורבה, ווי אויף א שטוב, איז מרימ'ל געשטאַנען אנטקעגען א קליין בלעכען שפּיגעלע, וואָס זי האָט טאקע דעם זעלבען פריה־מאָרגען געקויפט אויפ'ן יריד פאר צוויי קאָפּיקעס, און האָט זיך געפלאָכטען די גראָבע בלאָנדע צעפּ, און אומבאוואוסטע שרייען־דיגע געפיהלען האָבען געברויזט אין איהר יונג הערצעל. דאָס גאַנצע וועזען איהרס איז געווען דורכגענומען מיט אן אומבא־גרייפליכער פרייד. ווי ביי א פייגעלע א סאמקעלע, וועלכע האָט דאָס ערשטע מאָל די פליגעלאך צולאָזט און זיך א לאָז געגעבען מיט א קווינטשיג אין דעם בלויען, פרייען לופט־ים. מיט נערוועזע באוועגונגען, כמעט מיט ציטערדיגע הענט, האָט זי א פּאָר מאָל

די האָר צוקעמט און צוריק פאַרפלאָכטען, און פלעכטענדיג האָט זיך איהר אַ תאוה'דיגע זיסקייט צוגאָסען איבער'ן לייב. איהרע אייגענע האָר האָבען זי געררייצט, און די באַוועגונגען זיינען געווען אַזעלכע צאַרטע, גלייך ווי זי וואָלט ניט אויסגעוואַקסען דאָ אין דער גרויזאַמער אָרימקייט, דאָ ביים ברעג טייך, ווייט אָפּגעזונדערט פון מענשען... אין איהר האָט אויפגעוואַכט די פרוי מיט אַלע קאָקעטישע תנועות, מיט אַלע יענע איידעלע געפיהלען, מיט וועלכע גאָט האָט נאָר באַשאָנקען די פרוי, קיין חילוק ניט, וואו, אין וואָס פאַר אַ ספערע זי זאָל ניט אויפוואַקסען. אַזעלכע מיידלאַך ווי מרים'ל דערמאָנען יענע שעהנע פאַרשיידענפאַרביגע בלומעלאַך, וועלכע וואַקסען אַרוים ניט פאַרזייט, אין מיסטיגע, מיט דערנער פאַרוואַקסענע ערטער, און עס קומט אויס זיך צו וואונדערען: ווי קומען אויסצואוואַקסען אויף אַזעלכע ערטער אַזעלכע שעהנע בלומען?...

מרים'ל איז יענעם טאָג איבער'ן ירידאין וואַלד אַריין ניט געגאַנגען, און חוץ דעם האָט זי אַלץ איינס געקלערט בלייבען אויף אַ טאָג אין דער היים איבערוואַשען די ברודיגע וועש, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין אַ היבשער צאָהל. און וואונדערליך, ווי דאָס מאָל האָט זי זיך מעהר ווי אַלע מאָל גע'מיאוס'ט צו נעמען אין די הענט אַריין דעם פאָטער'ס וועש און אַריינגעוואָרפען אין טאָפּ אַריין האָט זי עס מיט אַ שפּענדעלע...

דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער, און נאָך הייסער איז געווען אין קליינעם שטיבעלע, וואָס איז אינגאַנצען באַשטאַנען פון איין פיערעקיג צימער, און אַ פערטעל פון דעם האָט דער אויווען פאַרנומען. די צוויי בעטען, וועלכע זיינען געשטאַנען ווי אַ „ד", איינס מיט אַ ווענטעל נעבען אויווען, און דאָס צווייטע אַנט־קעגען, זיינען געבליבען ניט פאַרבעט; די ערד מיט גריבלאַך, וועלכע עס האָבען אַמאָל געמאַכט עופות נאָך אין דער צייט, ווען די בעל־הבית'טע האָט געלעבט, איז געבליבען ניט אויסגעקערט און נאָס פונ'ם גרעט־וואַשען. מרים'ל איז געשטאַנען מיט פאַר־קאַשערטע אַרבעלאַך אַריבער די ראָזע עלענבויגענס און געאַרבייט

מיט אַלע כחות. הינטער איהר האָט אויפ׳ן פריפעטשיק געברענט א גרויס פייער, ארומגערינגעלט מיט גרויסע שווארצע ליימענע טעפּ. אין דער לופט איז געשטאנען א נעפל, וואָס האָט זיך דורך דער אָפענער טיר פאמעלאך געצויגען אין דאָס טונקעל־לעבעדיג קאַמער און פון דאָרטען אין דרויסען ארויס.

דער אַלטער איז געזעסען אין דרויסען אויף דער פריזבע און זיך געפּרעגעלט אויף דער זון, זיך אויפמערקזאם איינגעהערט צום רעווען פון די בהמות, צום הירזשען פון די פערד און צו דער קוויטשעריי פון די חזירים, וואָס האָבען זיך געפּאַשעט אויף דער ברייטער גרינער לאָנקע פון יענער זייט טייך. און כאָטש ער האָט די אַלע באַשעפענישען ניט געזעהן, דאָך זיינען זיי אַלע לעבעדיגע געשטאנען אין זיין געשטאָרבענעם זעהונגס־נערוו... זיי זיינען דאָרטען, אין זיין פינסטערען מוח, אָפּגעפאָטאָגראפירט געבליבען פון יענער צייט, ווען ער האָט נאָך די אויגען געהאַט.

די פינסטערניש איז אַלץ שיטערער און שיטערער געוואָרען. גלייכצייטיג האָט זיך אָנגעהויבען איין בילד נאָכ׳ן צווייטען ארויס־רוקען, וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער און דייטליכער, און אויף לעצט האָט זיך די גאַנצע וועלט מיט איהר פולען גלאַנץ אוועק־געשטעלט פאר זיינע אויגען. נאָר אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען ער האָט דאָס אַלץ געוואָלט אויף דער וואָר דערזעהן, האָט זיך א געדיכטע שטיק פינסטערניש אין זיין פינסטערען מוח ארייגגע־ריסען, און אַלץ איז פלוצלינג ווי מיט א כשוף פארשוואונדען גע־וואָרען. ער האָט זיך פארקרימט און אין די אויגען, אין די אויס־געלאָשענע אויגען, האָבען זיך טויטע טרערען באוויזען. דאָס גאַנצע הארץ זיינס איז מיט א תפילה צו גאָט דורכגענומען גע־וואָרען, ער זאָל איהם שוין וואָס גיכער שיקען דעם טויט. באַלד אָבער האָט ער זיך פאר׳ן טויט דערשראָקען. וואונדערליך: זינט ער איז בלינד געוואָרען, האָט ער עפּעס מעהר מורא געקראָגען פאר׳ן טויט, ווי דאַן, ווען ער איז זעהענדיג געווען... די טרערען האָבען זיך שטארקער אָנגעהויבען צו גיסען, געלאָפען איינס נאָך דאָס אנדערע מיט וואונדערליכער גיכקייט און זיך אין דער ווייסער

באָרד באַהאַלטען... איהם האָט זיך געדוכט, ס'הייסט, ער איז כמעט ווי זיכער געווען, אז דאָס געבעט זיינס איז שוין אָנגענומען געוואָרען, און אָט־אָט באַלד שטאַרבט ער... ער האָט אָנגעהויבען ציטערען, די הענט האָבען זיך געוואָרפען ווי אין פיבער, און איין פוס האָט זיך עפּעס געדרעהט ביי איהם אהין און צוריק, גלייך דער פוס וואָלט פאַר זיך זעלבסטשטענדיג געלעבט... אויף לעצט האָט ער מיט אַ וויינענדיג קול אָנגעהויבען צו רופען מרים'לען, און גערופען האָט ער זי אַמאָל צעהן, ביז זי אַרויס צו איהם. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געלאָזט אַזוי פיל רופען, נאָר דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל היינט האָט זי איהם געפיהלט אויף זיך מעהר ווי אַלע טאָג, ווי אַ שווערע משא האָט זי געשפּירט אויף איהר האַרצען אָט דעם אַלטען טאַטען. נאָר ווען זי האָט זיך אין טיר באַוויזען מיט פלאַמענדיגע בעקלאַך און בליאַסקענדיגע אויגען, ווי זי וואָלט אַ פּאָר גלעזער ווייןא אויסגעטרונקען, און דערזעהן דעם פאָטער ציטערען, איז זי פלינק צוגעלאָפען צו איהם און מיט אַ דערשראָקענער צורודערטקייט אויסגעשריגען:

— טאַטע, וואָס איז דיר?

ער האָט ניט געענטפערט, נאָר אָנגעוויזען איהר, זי זאָל זיך אוועקזעצען נעבען איהם. זי האָט עס גלייך געטאָן, פּאַמעליך זיך אַראָפּגעלאָזט, ניט אַראָפּנעמענדיג פון איהם אויף אַ מינוט קיין אויג... אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער אַלטער, גלייך ער וואָלט זיך ערשט דערמאָנט, אַז אימיצער זיצט נעבען איהם, פּאַמעליך, שטיל אויסגעדרעהט זיך צו איהר און מיט דער זעלבער רוהיגקייט זי אַרומגענומען און פעסט, פעסט זי געדריקט צו זיך, צום האַרצען, און דערביי געקוקט מיט די בלינדע אָפענע אויגען אין אַן אומ־באַשטימטער ריכטונג. אַ פראָסט האָט דורכגענומען מרים'לם היים קערפּערעל, בעת זי האָט דערפיהלט זיינע קאַלטע הענט דורכ'ן דינעם בלוזקעלע, וואָס איז געווען פון פאָרענט אין גאַנצען צו־שפּיליעט, און פון אונטער'ן העמד האָבען זיך אָפּגעמאָלט, ווי צוויי עפּעל, די קיילאַכדיגע בריסטעלאַך. און אַן עקעל, אַ שרעק־ליכער עקעל, האָט דאָרטען ערגעץ טיף אינווענייג ביי איהר גע־

ברויזט צו דעם האַלב־טויטען מענשען. דאָס גאַנצע וועזען איהרס האָט זיך געריסען פון די קאַלטע הענט, און עפּעס אַן אומבאַוואוס־טע מורא האָט געפלאַטערט אַרום איהר יונג נשמה׳לע...

— אפשר ווענסטו אַריינגעהן אין שטוב? — האָט זי געפרעגט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, מיינענדיג אַזוי אַרום זיך צו באַפרייען פון איהם.

ער האָט ניט געענטפערט, און זי האָט מעהר ניט געפרעגט, נאָר שטיל געפּרוואווט זיך באַפרייען פון דעם אַלטען׳ס אָרעמס, אָבער ניט געקאָנט, ווייל ער האָט זי זעהר שטאַרק געהאַלטען...

אַלאַנגע צייט זיינען זיי ביידע, דער אַלטער פאָטער מיט׳ן יונגען טעכטערעל, געזעסען ווי פאַרגליווערט, טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען, ער — וועגען טויט, זי — וועגען לעבען... טויט מיט לעבען זיינען האַרט איינער נעבען אַנדערען געזעסען, „דאָס לעבען" האָט פּראָטעסטירט, זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון די קאַלטע אָרעמס, און „דער טויט" האָט עס שטאַרק געהאַלטען און איינ־געזאַפּט אין זיך די פרישקייט פון דעם יונגען קערפּערעל, געשלעפּט אין זיך דעם הייסען אָטעם זיינעם, און דערפון איז איהם עפּעס ווי גרינגער געוואָרען, גלייך ווי דער טויט וואָלט זיך פאַר דעם יונגען לעבען דערשראָקען.

— דאָס וואַסער ווערט קאַלט! — האָט ענדליך מרים׳ל מיט אַ ציטעריג קול געזאָגט, און ווידער זיך געפּרוואווט באַפרייען פון איהם, נאָר ער האָט זי ערשט אין עטליכע מינוט אָפּגעלאָזט. דערביי איז געווען צו באַמערקען אַ שרעקליכען טרויער אויף זיין געל פּנים... דער אַלטער האָט דערשפּירט, אַז מרים׳ל איז צו איהם געוואָרען קאַלט, עפּעס ווי ניט זיינע, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז פון איהם האָט זיך אָפּגעטיילט דער לעצטער שטראַהל ליכטיג־קייט, און אַזוי אַרום איז ער אינגאַנצען אָפּגעריסען געוואָרען פון דער ליכטיגער וועלט, — איז ענדליך אַראָפּגעפאַלען אין דעם שרעקליכען פינסטערען תהום, וואו עס געפינט זיך ניט קיין לעבע־דיג נפש... דער אַלטער האָט זיך צוואויינט ווי אַ פּיצעל קינד...

יאָ, מרים'ל איז שוין ניט געווען זיינע, זי איז זיינע געווען אזוי לאַנג, ביז זי האָט ניט געוואוסט פון אימיצען אַנדערש...

מרים'ל איז, פאַרקערט, פרעהליכער געוואָרען, באַפרייענדיג זיך פון פאָטער'ס הענט. זי איז גלייך, ווי זי איז נאָר אריין אין שטוב, צוגעשפרונגען צום שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, און זיך לאַנג באַטראַכט... די גרויסע בלויע אויגען האָבען געגלאַנצט פון פרייד, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געקליבען ערגעץ אויף א חתונה צו געהן... דאָס שפּיגעלע איז עפּעס ווי א פאַר־מיטלער געוואָרען צווישען איהר מיט יענע באַהאַלטענע געפיהלען, וועלכע האָבען דערוואַכט אין איהר פון א לענגערער צייט, און וואָס לענגער זי האָט געקוקט אין שפּיגעל, אלץ פעסטער און שטאַרקער זיינען די געפיהלען געוואָרען, און אויף לעצט, ווען זי האָט שוין דאָס שפּיגעלע געוואָלט פאַרלאָזען, האָט זי פּלוצלינג, אומגעריכט פאַר זיך אליין, איהר קול'כעל דערהערט, א דין, ווייך, קלינגענדיג קול'כעל...

מרים'ל האָט געזונגען, און דער אַלטער איז געזעסען אין דרויסען און געוויינט...

* * *

גאַנץ פריה. די זון האָט זיך פון וואַלד־ארויס באַוויזען, רויט ווי אן אנגעגליהט שטיק אייזען, און די ערשטע שטראַהלען איהרע זיינען געפאַלען אויפ'ן שפּיץ קלויסטער און אויף די הויכע טאָפּאָלען, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום איהם. איבער דער גאַנצער לענג פון טייכעל האָט פאַמעליך זיך געצויגען א געדיכטע פאַרע און אין דער לופט האָט זיך געשפּירט א פייכטער שמעקעדיגער ריח פונ'ם וואַלד און פון די לוזשעס, וועלכע האָבען זיך ווייט ערגעץ געפונען, נאָר געלאָזט פון זיך הערען, אָנזאָפּענדיג די לופט מיט צאַרטע איידעלע ריחות. און געדאַכט האָט זיך, אז ערגעץ נאָהענט, נאָר פאַרהוילען פון דיינע אויגען, שטעהט אָדער שוועבט ארום א מיידעל, א יונג פריש מיידעל, וועלכע איז נאָר וואָס פון איהרע זיסע שעהנע חלומות אויפגעשטאַנען,

און פון הייסען קערפּער שפּירט זיך א פריש־שמעקעדיגע רייצענדע וואַרעמקייט...

פונ׳ם שטעדטעל, וואָס איז דאָרטען, אויבען אויף די בערג געשטאַנען, האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון די טויערען. דאָס האָבען די פּאסטוכער גענומען די בהמות „אויף דער פּאַשע״, און שפּעטער־צו האָבען זיי, פּאָרלאָכוויז, איינציגוויז און צו עטליכע צוזאמען, זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען אויף פארשיידענע אויסגעטראָטענע וועגען, האָבען אריבערגעבראָדזשעט דאָס טייכעל, אָנמאַכענדיג א גערויש, א וואסער־גערויש. וואו ניט וואו זיינען קופּקעלאָכוויז אויף די בערג גענז געשטאַנען, איבערשמועסענדיג זיך הויך אויף זייערע גענזענע קולות, און ענדליך האָבען זיי זיך איינע נאָך דער אנדערער, שרייענדיג, פארטויבענדיג די לופט, געלאָזט פליהען. אייניגע האָבען זיך אויפ׳ן וואסער אויסגעזעצט, אנדערע — זיך אויסגעשטעלט אויף דער לאָנקע, ציהענדיג די העלזער אין פארשיידענע ריכטונגען, און אויף לעצט זיך גענומען בייסען די גראָז.

מרים׳ל האָט זיך ביים וואסער באַוויזען, באָרוועס אין א קורץ קליידעל ביז די קני, אין א לייכט העל ציצען בלוזקעלע און מיט א הוילען קאָפּ. אין איין האנט האָט זי א קערבעלע גע־האַלטען. זי איז געגאַנגען אויף דער לאָנקע פעדערען קלייבען, די פעדערען, וועלכע עס האָבען די גענז פון זיך אראָפּגעוואָרפען. אַלע פריה־מאָרגען איז זי געגאַנגען קלייבען פעדערען. דאָס איז געווען איהר ערשטע אַרבייט פונ׳ם טאָג. דאָס מאָל האָט זי אפילו א ביסעלע פארשפּעטיגט, און דערפאַר איז זי געשטאַנען און, שווייגקענדיג א פיסעל ביים ברעג טייך, געקלערט, צי זאָל זי געהן, צי ניט. אין דער זעלבער צייט האָט זי באמערקט, ווי דער קאַשטאַן האָט זיך דאָרטען ביים פּאַראָם אריינגעזעצט מיט א צווייגעל אין א שיפעל אריין און, קענטיג, זיך געוואָלט לאָזען ערגעץ פיש כאַפּען, נאָר דערזעהענדיג זי, האָט ער זיך צושמייכעלט, איז ארויסגעשפּרונגען פון שיפעל און אויסגעשריען:

— אַ גוט־מאָרגען דיר, מרים!

זי האָט ניט געענטפערט, אליין ניט געוואוסט פאַרוואָס, און האָט זיך טאָפּעלט פאַרשעמט. דער קאַשטאַן איז פאַרשוואונדען געווארען אין דאָס קליין הייזעל און האָט זיך באַוויזען אין א פּאָר מינוט ארום, טראָגענדיג אין איין האנט ביי א פליגעל א גע'פּגר'טע גאַנז, און, א שיינענדיגער, האָט ער זיך געלאָזט מיט איהר גלייך צו מרימ'לען. צוגעקומען צו איהר, האָט ער מיט אַ מאָדנער אויפגעלייגטקייט געזאגט:

— נאַ דיר א מתנה!... איך האָב זי היינט געפונען אויף דער באַלאָניע...

מרימ'ל האָט איהם א ווײַלע פארוואונדערט אָנגעקוקט און א פּאָר מאָל אַן אומרוהיג צומישטען קוק אויף דער גאַנז געוואר־פען, וועלכע ער האָט געהאַלטען הויך אויפגעהויבען, כמעט אנטקעגען איהר געזיכט... דאָס פארוואונדערט קוקען האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, דערפאר וואָס איהר איז באַלד קלאָר גע־ווארען, נאָך וואָס ער האָט איהר צוגעטראָגען די „מתנה“. אומ־גליקליך, אָרים קינד! וויפיל מאָל האָט זי זיך באַדארפט בויגען, קלייבען א פעדער צו א פעדער, ביז זי וואָלט אָנגעקליבען „אַ גאַנז פעדערען“. נאָר — אַט אַ וואונדער: זי האָט ניט אויס־געשטרעקט די האנט נאָך דעם „אוצר“. ניין, עפּעס, שווערעס, שטום־דריקענדיגס האָט זי אָפּגעהאַלטען דערפון... מעגליך, ווען די מציאה וואָלט איהר געגעבען אַן אנדערער, ניט דער קאַשטאַן, וואָלט זי עס צוגענומען מיט דעם גרעסטען פארגעניגען און וואָלט לאַנג געדענקט דעם גליקליכען פריהמאָרגען. נאָר דאָ האָט זי זיך עפּעס ווי באַליידיגט דערפיהלט און האָט זיך בלוטיג פאַר־שעמט... אין די אויגען, אין די גרויסע האַלב־קינדערשע, האַלב־מיידעלשע אויגען, האָט זיך אַ פלאַם אָנגעצונדען, א פאַרדראָסיגער פלאַם אויף עפּעס אומבאַוואוסטעס, אומדייטליכעס... די נבלה האָט ביי איהר אין די געפיהלען אַן איבערקערעניש געמאַכט... זי איז פלוצלינג ווי אין אַן אנדער וועלט איבערגעשפּרונגען, אין אַ וועלט, וואו אַלץ איז עפּעס אַזוי גרוי און גוואַלדיג אָפּשטויסענד... דאָס קליין מיידעל, וועלכעס האָט ערשט באַוויזען די ערשטע בלי־

הונג אַרויסצולאָזען, האָט זיך, ווי איינער נאָך אַ זיסען חלום, פול מיט אַנטוישונג, אויפגעכאַפּט... דאָס קינד האָט זיך פריהצייטיג אָן וואַכענדיגען, מיאוס'ן לעבען אָנגעשטויסען. דאָס איז ווי עפּעס אַ מין שפּיצעל געווען פון יענעם פינסטערען מזל פון איהרען, וואָס האָט זיך אין די בעסטע און זיסטע מינוטען פון איהר לעבען מיט דער גאַנצער הוילקייט באַוויזען... ניין, זי האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אַרויסשטעקען אַ האַנט נאָך דער מתנה. דאָס גאַנצע וועזען איהרס האָט פּראָטעסטירט... דאָס איז געווען עפּעס אַ מין ווידערשפּרוך געגען אַלע איהרע שעהנע, איידעל־צאַרטע געפיהלען... אומגליקליך, אָרים קינד! ביי לייטען טראָגט מען אַזאַ מיידעלע, ווי זי, בלומען צו, און דאָ האָט מען איהר געשאָנקען אַ גע'פגר'טע גאַנז.

— ווילסט ניט? — האָט דער קאַטשאַן געפרעגט, זעהענדיג זי שטעהן אַ פאַרטראַכטע.

זי האָט ניט געענטפערט, האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענט־פערען... די אויגען האָבען זיך איהר פול אָנגעגאָסען מיט טרערען, עהנליך צו די טראָפּענס טוי, וועלכע האָבען מיליאַרדען־ווייז גע־גלאַנצט אויף די שפּיצען גרעזעלאַך אַנטקעגען דער אויפגעהענדי־גער זון...

— —איך מיאוס מיך! — האָט זי ענדליך, כמעט ווי אויס־געשריען, און דאָס גאַנצע קערפּערעל איהרס האָט זיך פיבעריש אַ וואָרף געגעבען פון עקעל צו דעם אומבאַוועגליכען באַשעפעניש.

— ווילסט ניט, באַדאַרף מען ניט, — האָט דער קאַטשאַן מיט אַ פאַרדראָסיגען טאָן געזאָגט און אַ שליידער געטאָן די גאַנז אין וואַסער אַריין מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט זיך אין גאַנצען אָפּ־געטוקט, צושפּריצענדיג אין אַלע זייטען טויזענטער וואַסער־פונקען, וועלכע האָבען אַ בלאַנק געטאָן אַנטקעגען דער זון מיט פאַרשידענע פאַרבען. אין אַ ווײַלע אַרום, אין דער צייט, ווען די פגירה האָט זיך אויפ'ן אויבערפלאַך באַוויזען, איבערלאָזענדיג דעם קאָפּ אין וואַסער, האָבען זיך גרויסע וואַסער־רינגען מיט אַ גוואַלדיגער גיכ־קייט צויאָגט איינס נאָך דעם אַנדערען, פון איין ברעג צום אַנדערען.

מרימ'ל האָט זיך צוואווייגט. וואָס איז איהר געווען? — זי האָט אַליין ניט געוואוסט.

און דער קאַשטאַן איז עטליכע מינוט צייט געשטאַנען הינטער איהר, געקוקט אויף איהר פּלייצקע, אויף די צוויי צופּלאָכטענע צעפּ, וועלכע האָבען זיך אונטערגעוואָרפען פון צייט צו צייט פון איהר שלוכצען. ענדליך האָט ער זיך אויסגעדרעהט אַנטקעגען איהר, איין די הענט באַהאַלטען געזיכט, און מיט א רחמנות־קול געזאָגט:

— ס'טוט דיר באַנג? איך קאָן זי נאָך כאַפּען! נאָך גאָר נאָהענט.

מרימ'ל האָט ניט געענטפערט, און דאָרטען אויפ'ן וואַסער איז פּאַמעליכקע געשוואומען די גע'פגר'טע גאַנז און נאָך איהר זיינען נאָכגעשוואומען א גאַנצע מחנה קליינע און גרעסערע פישע־לאַך, זי באַלאַגערט פון אַלע זייטען און פון צייט צו צייט האָט זיך א שטילער פּלוסק איין וואַסער געהערט.

מרימ'ל איז געשטאַנען אומבאַוועגליך און זיך געווישט די טרערען, און אָפּשטעהענדיג א פּאָר מינוט, האָט זי פּלוצים א טריט געמאַכט און מיט דריבנע, נאָר גיכע טריטעלאַך, אוועקגעגאַנגען אהיים...

* * *

איינמאָל פּאַרנאַכט, ווען מרימ'ל איז אַן אָנגעלאָדענע מיט עטליכע קריגלאַך יאַגעדעס פון וואַלד געקומען און געוואָלט א קוק געבען אויף זיך אין שפּיגעלע, האָט זי עס, צו איהר גרויס פאַר־וואונדערונג, ניט געטראָפען אויף דער וואַנט, וואו זי האָט עס פאַר'ן אוועקגעהן אויפגעהאַנגען. נאָכדעם ווי זי האָט א פּאָר מאָל ארומגעקוקט די פיער ווענט מיט אַן אומזיניג האָפנונגסלאָזען בליק, איז ביי איהר געבליבען, אז ניט אַנדערש דאָ איז אימיצער געווען און האָט דאָס שפּיגעלע צוגע'גנב'עט. ניט אַנדערש.

— טאַטע, ווער איז דאָ געווען?... דאָ איז קיינער א גאַנצען טאָג ניט געווען? — האָט זי זיך געווענדעט צום אַלטען, וועלכער

איז געלעגען אין די בגדים אויפ'ן בעט מיט אויפגעשטעלטע פיס, ווי צוויי קראַקוועס.

— קיינער! — האָט דער אַלטער קורץ געענטפערט.

מרים'לען איז שרעקליך אומעטיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, וואו דאָס שפיגעלע האָט געקאָנט אַהינקומען. דער בלינדער טאַטע זאָל עס האָבען אַראָפּגענומען פון דער וואַנט? אָט ווען זי לאָזט עס אויפ'ן טיש, וואָלט זי אַזאַ געדאַנק געקאָנט דערלאָזען, כאָטש נאָך וואָס טויג אַ בלינדען אַ שפיגעלע? און טראַכטענדיג וועגען דעם, איז איהר עפּעס נאָך אומעטיגער געוואָרען: אַ בלינדער, אַ שפיגעלע. זי האָט אַן אומרוהיגען קוק אויפ'ן אַלטען געוואָרפען, און וואונדערליך: ניט געקוקט אויף איהר פולער זיכערקייט, אַז דער בלינדער קאָן בשום אופן ניט וויסען פון איהר פאַרלוסט, האָט זי איהם דאָך געוואָלט פרעגען, צי האָט ער ערגעץ דאָס שפיגעלע ניט „געזעהן", נאָר — האָט ניט געפרעגט. עפּעס האָט זי אָפּגעהאַלטען דערפון.

זי האָט אויסגעשאָטען די יאַגעדעס אין אַ גרויסער ליימענער שיסעל, האָט זיך אוועקגעזעצט אויבענאָן ביים טיש מיט דער פלייצע צום פענסטער און זיי אָנגעהויבען איבערמעסטען אין אַ גלאָז און געשאָטען צוריק אין די קריגלאַך. זי האָט אָפּגעמאָסטען דרייסיג גלעזער, דאָס הייסט, קאַרגע צוויי טעפּ, און, אַריינלעגענדיג אַ פינגערל אין מויל, באַרעכענט, אַז ווען זי וועט פאַרקויפען (זי וועט געוויס פאַרקויפען!) אָנדערהאַלבען טעפּ (דאָס איבעריגע וועט זי לאָזען אין שטוב), וועט זי האָבען אַן ערך?... פיער קאָפּיקעס אַ קוואָרט... זעקס קוואָרט... אַ טאָפּ?... אַ קוואָרט?... ווען זעקס צעהנערס, וואָלט זי געהאַט דרייסיג קאָפּיקעס, געהט אַראָפּ זעקס קאָפּיקעס, בלייבט פיער און צוואַנציג...

— טאַטע, וועסט עסען אַביסעל יאַגעדעס? — האָט זי אַן אויפגעלעגטע געפרעגט.

דער אַלטער האָט אויסגעדרעהט דאָס צוקנייטשטע פּנים צו איהר, זיך גאָר דערמאָנט, אַז ער דאַרף מנחה דאַוונען... פּאַמעלינקע אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט איז ער מיט ניט זיכערע טריט, מיט

אביסעלע אויפגעהויבענע, פאמעליך שוועבענדיגע הענט און מיט פארשטארצטע אויגען, האט ער זיך געלאזט איבער דער שטוב, האט אנגעטאפט די באנק, אויף וועלכער עס איז געשטאנען א בלעכענע קווארט מיט אן עמער וואסער, א נעץ געטאן די שפיץ פינגער און מיט א שטיל אומעטיג קול געאזט:

— ווידבר ה׳ אל משה לאמר...

און מרים׳ל האט אויף זיך ארויפגעווארפען דאס לעבעריגע שאלכען און גענומען די שיסעל יאגעדעס אוועקטראגען צום פאר־קויפען. דא האט זי פלוצלינג באמערקט, ווי א לאנגער שאטען איז איבער די וואנט דורכגעגאנגען. זי האט געווארפען א קוק אין פענסטער און דערזעהן דעם קאשטאן, וועלכער האט זיך גלייך געלאזט צו זיי אין שטיבעל אריין, טראגענדיג אונטער׳ן ארעם א געפלאכטען קערבעלע. דאס הארץ האט שטארק אנגעהויבען צו קלאפען און זי האט זיך דערמאנט אן שפיגעלע, אין וועלכעס זי האט שטארק חשק באקומען א קוק צו געבען, איידער ער וועט אריינ־קומען, און ווער ווייסט, פארוואס איהר איז גראד איינגעפאלען, אז ער האט זיך געמוזט אריינ׳גנב׳ענען אין שטוב און עס אראפנעמען פון דער וואנט.

ער איז שטעהן געבליבען אויף דער שוועל מיט א טשיקאווען שמייכעלע אויפ׳ן פנים, האט א שעלמישען קוק געווארפען אויף דער שיסעל מיט יאגעדעס, פלוצלינג צוגעגאנגען הארט צו איהר און האט איבערגעקערט דאס קערבעלע אין שיסעל אריין, זאגענדיג דערביי:

— נא זיי דיר, איך דארף זיי ניט.

מרים׳ל האט געוואוסט, וואו ער האט גענומען די יאגעדעס. דאס האט ער צונויפגענומען ביי די ווייבער און מיידלאך, וועלכע ער האט אריבערגעפיהרט מיט׳ן פאראם אויף דער זייט טייך. ביי איהר האט ער דערפאר קיינמאל קיין געצאהלט ניט גענומען, נאר דאס, וואס ער האט נאך אוועקגעגעבען זיינע, איז ביי איהר געוועזן א חידוש... זי האט געפיהלט, אז דאס איז שוין עפעס ניט אויס לויטער רחמנות, און האט זיך שעמעוודיג צושמייכעלט...

זיי זיינען געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אומבאַוועגליך. דער קאַש־טאַן האָט געקוקט אויף איהר מיט גליהענדיגע אויגען און אַ קוים באַמערקבאַר שמייכעלע. דער אַלטער איז געשטאַנען שמונה־עשרה, נאָר דאָס בלינדע פּנים איז געווען געווענדעט אין זייער זייט. די ליפּען האָבען זיך שטיל באַוועגט, גלייך ווי ער וואָלט ניט גע־דאַוונט, נאָר ווי ער וואָלט זיי עפּעס אַ סוד דערצעהלען. און דאָס האָט אויף ביידע יונגע קינדער געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. נאָר אָט איז ער אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה און, שווייגענדיג, זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, וואו זיי זיינען געשטאַנען, האָט אראָפּ־געלאָזט איין האַנט אין קעשענע פון זיין צוריסענער קאַפּאָטע — דערביי האָט זיך דאָס פּנים זיינס פאַרצויגען מיט אַזאַ טרויעריגער ערנסטקייט, ווי ער וואָלט דאָרטען אין קעשענע, ווער ווייסט וואָס געהאַט — און בלייבענדיג שטעהן נאָהענט נעבען זיי, האָט ער די האַנט אַרויסגענומען און האָט זיי דאָס שפּיגעלע באַוויזען...

מרים׳ל איז פאַרגליווערט געוואָרען... איהר האָט זיך גע־דאַכט, אַז אין דער בלאַסער האַלב־טויטער האַנט האָט זיך פּלוצלינג איהר נשמה באַוויזען...

— וואָס איז דאָס? — האָט דער בלינדער געפרעגט, רייבענ־דיג דאָס שפּיגעלע צווישען די פינגער. ער האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש דאָס איז, וואָס האָט עפּעס ווי אַ לעמפּעלע געברענט (דאָס שפּיגעלע איז געהאַנגען אַנטקעגען דער זון). ער האָט טאַקע געמיינט — אַ לעמפּעל ברענט, און געוואוסט האָט ער, אַז ס׳איז טאָג. ער ווייסט דעם אונטערשייד פון טאָג ביז נאַכט, באַזונדערס אַ זונען־טאָג. נאָך וואָס זשע ברענט עס בייטאָג אַ לעמפּעל, נאָך וואָס? איז ער צוגעגאַנגען, עס געוואָלט אויסלעשען, אַריינדרעהען, ער האָט אָבער ניט קיין לעמפּעל אָנגעטאַפּט, נאָר אַ פּלאַטשיק קאַלט שטיקעל, וואָס איז באַלד, ווי ער האָט אויף דעם די האַנט אַרויפגעלעגט, אויסגעלאָשען געוואָרען... האָט ער צוגענומען די האַנט, ברענט עס ווידער, האָט ער נאָך אַמאָל אַרויפגעלעגט די האַנט — פינ־סטער, אַראָפּגענומען — ליכטיג. אַזוי עטליכע מאָל, איינס נאָך

דעם אנדערען, ביז ער האָט עס פון דער וואַנט אַראָפּגענומען און אין קעשענע אַריינגעלעגט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער אַלטער דאָס צווייטע מאָל געפרעגט.

— אַ שפּיגעלע! — האָט דער קאַשטאַן געענטפערט, וואַרפענדיג אַן אומעטיגען קוק אויף מרים׳לען. האָט עס פּאַמעלינקע אַרויסגענומען פון אַלטענ׳ס ציטערדיגער האַנט און, באַטראַכטענדיג עס אַ ווײַלע פון אַלע זייטען, האָט ער מיט אַן אומעטיג שמייכעלע עס דערלאַנגט מרים׳לען. נאָר מרים׳ל האָט געדרעהט מיט׳ן קאָפּ: ניין, זי וועט עס ניט נעמען, זי האָט פּשוט מורא געקראָגען דערפאַר...

* * *

דער זומער איז צו ענדע געגאַנגען, כאָטש געפהילט האָט מען עס נאָך ניט. די טעג זיינען געווען הייסע און נעכט וואַרימע, און דאָך האָבען זיך אויף די בוימער געלע בלעטער אָנגעהויבען צו באַווייזען, באַזונדערס אויף די ברעאָזקעלאַך. די לאַנגע ווערבע-בלעטלאַך זיינען דורכגעגעסען מיט קליינע און גרעסערע לעכלאַך. אין וואַלד זיינען די שוואַרצע יאַגדעס פאַרשוואונדען, זיך פאַרביטען אויף רויטע ברוקנעס. עס זיינען אויך ווי פאַרשוואונדען געוואָרען די קליינע גענזעלאַך און קאַטשקעלאַך, וועלכע האָבען אָט דאָ ערשט ניט לאַנג פאַרפלייצט די גרינע לאַנקע און דעם טייך. דאָס קליינוואַרג איז אויסגעוואַקסען, גרויס געוואָרען אַזוי, אַז עס איז שוין שווער געווען צו אונטערשיידען זיי פון די אַלטע. אַלץ לעבעדיגס, וואָר שטאַרבט ניט ווינטער, איז רייף געוואָרען. פרעמד זיינען די מאַמעס צו די קינדער געוואָרען, און די קינדער צו די מאַמעס. איינס האָט אויפגעהערט צו דערקענען דאָס צווייטע און יעדעס באַשעפעניש איז אוועק צו זיין מין... מרים׳ל איז פאַר דער צייט אויך אויפגעוואַקסען. די ברימטעלאַך זיינען פולער און רונדער געוואָרען. איהר געזיכט איז שוין מעהר עהנליך געווען צו אַ מיידעלש, ווי צו אַ קינדערש, און די אויגען האָבען זיך, דאַכט זיך, אויך אַביסעל פאַרענדערט. פאַר־

שוואונדען איז פון דאָרט די קינדערשע ווייכקייט, דער קינדער־שער גלאַנץ. אַן אומעטיגע פאַרטראַכטקייט האָט זיך דאָרט צוגאָסען. ניין, דאָס זיינען ניט מעהר קיין קינדער־אויגען געווען. עס איז באַשיינפערליך געוועזען צו זעהן, אַז דאָרט, הינטער די אויגען, אַרבייט א מוח פון א גרויסען מענשען. זי האָט נעפּעלדיג געפיהלט, ווי דאָס פינסטער מזל איהרס געהט איהר נאָך טריט ביי טריט און לאָזט זי אויף קיין מינוט ניט אָפּ... זי האָט נעפּעלדיג געפיהלט, אַז איהר גאַנצער „איך" ליגט צווישען צוויי מענשען, א יונגען, א זעהענדיגען, און אַן אַלטען, א בלינדען... ביידע שפּירען זי נאָך, און זי האָט פאַר ביידע גלייך מורא... ביידע צופאַלען: דאָס, וואָס איינער האָט איהר אין יענעם ליכטיגען פריהמאָרגען די גע'פּגר'טע גאַנז באַוויזען, און וואָס דעם אַנדערן, דעם בלינדען, איז ווי דורך א כישוף אַריינגעפאַלען דאָס שפּיגעלע אין די הענט אַריין — האָבען דאָרטען ביי איהר אינוויינינג געלאָזט טיפע שפּור־רען... און דאָך האָט זי זיך א פּאָר מאָל אין וואָך, אין די אָוועטען, דאָרטען אויף דער שוועל פון קליינעם שטיבעלע באַוויזען. נאָר אינוויינינג האָט זי ניט געוואָלט אַריין. און אַמאָל, ווען ער איז גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהר, האָט זי איהם געשראָקען, אַז זי וועט אינגאַנצען אוועקגעהן, אויב ער וועט זי ניט אָפּלאָזען, און ער האָט זי אָפּגעלאָזט, זיך צוריק אויפ'ן קלעצעל ביים גרויסען פייער אוועקגעזעצט, די הענט צונויפגעלייגט און זי איז געשטאַנען מיט אַן אַקסעלע אָנגעשפּאַרט און געקוקט אויפ'ן פייער.

— ביסט א גרויסע מויד געוואָרען! — האָט ער איינמאָל צו איהר געזאָגט, און זי האָט זיך ניט הערענדיג געמאַכט...

ער האָט פאַר אירעטוועגען א פּאָר מאָל אַריינגעלייגט קאַרטאָפליעס בראָטען, האָט זי איהם ניט מעהר ווי איין מאָל צוליב געטאָן און פון זיין געזונטער האַנט קאַרטאָפליעס גענומען. לאַנג האָט איהר אָבער דער אַלטער דאָרט ניט געלאָזט שטעהן. זי האָט דערהערט:

— מרים!!

געענטפערט האָט זי קיין מאָל ניט אויף דעם רוף, נאָר

גלייך זיך געלאָזט לויפען צו איהם און אין דער צייט האָט ער באַוויזען נאָך אַ פּאָר מאָל צו שרייען.

— מרים! מרים! — און אויפגערודערט האָט ער די נאַכט־שטילקייט, און דער גרויסער, שווארצער וואלד האָט מיט אַ ווידער־קול געענטפערט „ים, ים". און דאָס גאַנצע שמערטעל, וואָס איז ניט געוואוינט צו געוועהן צו הערען קיין קולות ביינאַכט פון אונטער די בערג, האָט זיך גע'חידוש'ט: וועמען רופט ער עס דאָרט, דער אַלטער? ... אומעטיג האָט דאָס קול געקלונגען, גלייך ווי ער וואָלט ניט קיין לעבעדיגען גערופען, אָדער ווי דער נאָמען וואָלט פון דעם „עובר בטל" אין גאַנצען געוועהן אַן אויסגעטראַכ־טער. נאָר אַן דער קליינער מרים'לען האָט מען גאר אין גאנצען פארגעסען... ס'האָט קייעם ניט געקאָנט איינפאלען, אז נעבען דעם אַלטען דארען בוים האָט זיך אַ יונג בוימעלע צולאָזט, און במילא זאָל ערגעץ פארפאלען ווערען ביינאכט. צי האָט זי דען וואוהין ארייינצוגעהן?

דער אַלטער איז אויף דער שוועל פון שווארצען פאָרהייזעל געשטאַנען, האָט מורא געהאט זיך ווייטער צו רוקען... און די ווייסע באָרד זיינע איז ווי אַ ווייסער פלעק אומבאַוועגליך אויף דער פינסטערניש געלעגען.

— וואָסי, וואָס שרייסטו? — פרעגט מרים'ל בייז, און אַמאָל גיט זי נאָך צו: — אזוי ווי אַ פּיצעל קינד, פונקט.. מ'טאָר גאָר אויף קיין מינוט ניט לאָזען אליין...

שווייגט דער אַלטער... ער הערט אויפמערקזאם די ווערטער... עפּעס אזוי ווי אַ גרויסע רעדט זי!... וואונדערט ער זיך... ביי איהם אין זיין געשטאָרבענעם זעהונגס נערוו איז זי אַ קליין פּיצעל מיידעלע געבליבען... אַ מיידעלע פון אכט יאָהר... ווערט איהם עפּעס ניט היימליך... ניין, ער פיהלט שוין ניט דאָס קינד, וואָס איז ביז דעם לעצטען זומער געוועהן... זי האָט איהם ביז אַהער ניט געלאָזט איינעם אַליין ביינאַכט... ניט אויסגעלאָשען דאָס לעמפּעל... איהם פאַרדריסט נאָך, וואָס זי לעשט אויס דאָס לעמפּעל, איידער זי געהט אַרויס פון שטוב... זי מיינט, אַז ער באַמערקט ניט, ווי

ס׳ווערט פינסטער... ער באַמערקט גראָד, נאָר וועט עס איהר קיינמאָל ניט זאָגען... איהם איז עס אנגענעם אליין צו וויסען... דער אלטער האָט דערפיהלט, אז דאָס טעכטערל האָט איהם די לעצטע צייט אויך אָנגעהויבען צו נאַרען, און אַן אומבאַוואוסטע, אומבאַגרייפליכע אייפערזוכט האָט געפרעסען די נשמה זיינע. ער האָט זי געאייפערט צו דער ליכטיגקייט... צו דער ליכטיגער וועלט...

—וואו ווערסטו דאָס כסדר פאַרפאַלען? — האָט ער זי אַלע מאָל געפרעגט.

מרים׳ל האָט ניט געענטפערט, איז געשטאַנען אַ ווײַלע, דער־נאָך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פריזבע און מיט בענקענדיגע אויגען געקוקט אַהין, צו דעם ליכטיגען פענסטער־לאָך, זיך צוגע־הערט צום שטילען וואַסער גערויש און צו דער שטילער נאַכט־שטילקייט. און געזעסען אַ צוואַנציג מינוט, האָט זי טריט דער־הערט, און אין דער צייט איז פון דער פינסטער אַ פיגור אַרויס־געשוואומען. זי האָט גלייך דעם קאַשטאַן דערקענט. און, ווי פאַמעליכע און פאַרזיכטיג שטיל ער זאָל ניט האָבען צוגעגאַנגען צו איהר, האָט דער אַלטער אַלע מאָל די טריט דערהערט... האָט דערפילט אַ צווייטען מענשען... האָט זיך לאַנג איינגעהערט און צולעצט געפרעגט:

— ווער איז דאָ?

— קיינער... ווער זאָל זיין? — האָט מרים׳ל פאַרדראָסיג געענטפערט.

דער אַלטער האָט שוין מעהר ניט געפרעגט, נאָר זיך איינגע־הערט. ער איז געוועזען זיכער, אַז אימיצער שטעהט דאָרט נעבען איהר, נאָר ער האָט זיך תמ׳עוואַטע געמאַכט און האָט אויך דאָ אַ טרייסט געפונען: אָט לאָז זי מיינען, אַז ער ווייסט ניט... ער האָט איהר געצאָהלט איינס פאַר איינס; זי האָט איהם גענאַרט, האָט ער זי אויך גענאַרט...

איינמאָל, נאָך אַזאַ נאַרעריי, גלייך ווי מרים׳ל האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין, האָט זיך דער אַלטער פאַמעליכע צוגעשאַרט צו איהר און פאַמעליכע זי אָנגעהויבען באַטאַפּען פון

קאָפּ ביז די פּיס. די קליינע איז אומבאַוועגליך געלעגען פאַרגלי־וערט, פאַרשטיינערט אין אומבאַשרייבליכען שרעק, און פון יעדען פינגער, וואָס זיינען ווי קאַלטע ווערים אַרומגעקראָכען אַרום איהר הייס, געזונט, פריש קערפּערעל, האָט זי אַ שוידערליך קאַלטער שטראָם דורכגענומען, וואָס איז בליץ־שנעל דורכגעלאָפען איבער׳ן קאָפּ. דאָס הייסע יונגע בלוט האָט זיך עפּעס אַזוי ווי טיף אין איהר באַהאַלטען און פון אויבען, איבער דער גאַנצער הויט, האָט אַ נאָדעל־שטעכעדיגע קעלט געשפּאַצירט. און מאָמענטענווייז האָט זיך איהר געדוכט, אַז אַ מת איז פון אַ קבר אַרויסגעקראָכען און באַטאַפּט זי מיט זיינע געשטאָרבענע פינגער. באַזונדערס האָט זי געשוידערט, ווען די קאַלטע פינגער האָבען געוויסע ווייבליכע ער־טער באַריהרט, און אין שטיבעל איז געווען שטיל און פינסטער, און פונקט אַזוי פינסטער און שטיל איז געווען פון יענער זייט פענסטער, נעבען וועלכען מרים׳ל איז געלעגען, נאָר ערגעץ פאַר־שטעקט אין דער פינסטערניש האָט אַ גריל געגרילצט און אַ מייזעל האָט פון צייט צו צייט אַ קוויטש געטאָן.

צולעצט איז ער מיט אַ שווערען קרעכץ פאַמעליך אָפּגעגאַנגען פון איהר, האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום געזאָגט:

— צינד אָן, טאָכטער, דאָס לעמפּעל.

און מרים׳ל האָט אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט:

— נאָך וואָס, טאַטע?

— איך וועל, דאַכט זיך, שטאַרבען היינטיגע נאַכט.

נאָר ער איז ניט די נאַכט און ניט נאָך אַ פּאָר צעהנדליג נעכט ניט געשטאָרבען, נאָר דערפאַר האָט ער זי פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט צו רופען, זי האָט געמעגט אפילו פאַרפאַלען ווערען אויף שעה׳ן לאַנג, און האָט אָבער אַלץ אָפטער אָנגעהויבען צו ליגען אין בעט. און איינמאָל, ווען מרים׳ל איז אין דערפריה אויפגעשטאַנען, האָט זי צו איהר גרויס פאַרוואונדערונג און שרעק דערזעהן, ווי ער ליגט מיט אַ פאַרגליווערט אָפען מויל און מיט צוגעמאַכטע אויגען, און ווען זי האָט אַ קוויטש אַרויסגעלאָזט,

איז פון אונטער דער אלטער צוריסענער פּאלטא, מיט וועלכער ער איז געלעגען צוגעדעקט א גרויסער שצור אראָפּגעשפּרונגען און פארשוואנדען געווארען...

. . . . . . . . . . . . . . .

אין דער זעלבער נאכט, וואָס דער אלטער איז געשטאָרבען, האָט מרימ'ל פונ'ם קאשטאַן דעם ערשטען קוש געכאפּט...

# „צו חלום".

זעליג דער אַקסען־הענדלער לויפט פון גאנץ פריה אַן ווי א פאר'סמ'טער פון שטוב צו שטוב. ער בעדאַרף האָבען א מנין אידען, מ'זאָל געהן מיט איהם אויפ'ן בית־עולם מחילה בעטען ביים ווייב, וואָס איז היינטיגע נאכט געקומען צו איהם און באפוילען, ער זאָל חתונה האָבען מיט זעלדען, נעבע די בעקערינ'ס טאָכטער. וואָס, א חלום? זאָל ער אזוי זיין א טאַטע צו זיינע קינדער, ווי ער האָט אליין, וואכעדיג, מיט זיינע אויגען דעם מת געזעהן. יאָ, ער האָט פריהער אליין אויך געמיינט, אז ס'איז א חלום... דריי קלעפּ האָט ער געהערט אין לאָדען... איז ער אָבער ניט פון די שרעקענדיגע, זעליג. איז ער אראָפּ פון בעט און פּאַמעליך די טיר געעפענט, און... די האָר אויפ'ן קאָפּ האָבען זיך איהם געשטעלט. ער איז דאָך אבער פאַרט זעליג און אליין גאָך א חברה־מאַן, גלויבט ער ניט זיינע אויגען און מאכט א שפּאַן צום מת צו, און „יענער" הויבט אָן אָפּצוציהען... דער שארבען הויבט זיך, די האָר אויפ'ן קאָפּ שטעכען ווי שפּילקעס, אָבער אז „יענער" הויבט אָן אָפּצוציהען, הויבט ער, זעליג, „איהם" אָן נאָכצוגעהן, און געגאנגען. אָפּגעגאנגען אזוי לאנג, ביז דער מת איז צום בית־עלמין פאַרקאָן געקומען און דאָרט א ווײַלע געשטאַנען, דער נאָך זיך ארויפגעדראָפּעט און — נישט געבליבען...

גלייכצייטיג ווי זעליג איז ארומגעגאנגען איבער דער שטאָדט צונויפקלייבען אַ מנין אידען, מ'זאָל געהן מיט איהם אויפ'ן פעלד, איז נעבע די בעקערין ארומגעלאָפען פון שטוב צו שטוב, מיט א שאַל אויף די אקסעל און געזוכט די טאָכטער, די זעלבע, וואָס זעליג האָט ביינאכט באַקומען א באפעהל פון דער פארשטאָר־

בענער ווייב, ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען. נעבע ווייסט ניט, וואו די טאָכטער איהרע איז אהינגעקומען. זי האָט זי אויפ'ן געלעגער ניט געטראָפען און ניט געהערט ווי זי איז פון שטוב ארויס...

אָט דאָ איז שוין אויסגעקומען עפּעס אויסערגעוועהנליכעס־און דאָס גאנצע שטעדטעל איז אין א שרעקליך־געהיימניספולע רעטעניש פארהילט געווארען. אפילו דער לעהרער, דער אפּיקורס, האָט שוין גארניט געוואוסט וואס צו זאָגען דערויף. — „ער שווייגט, דער חכם, א?"

געוועזן איז ווינטער, נאָר ס'איז געגאנגען א נאס רעגען; די הילצערנע הייזער, פּארקאנעס און פּלויטען זיינען געוועזן שווארץ פון נאסקייט; דער שניי אויף דער ערד — טונקעל, הארט און לעבערדיג, ווי א ריב־אייזען. א מיאוס וועטער איז געווען; דערהפאר איז זעליג'ען אזוי שווער אָנגעקומען א מנין צונויפצושלעפּען. קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט געהן אויפ'ן פעלד אין אזא „צרה" הינטער'ן שטאָדט.

ענדליך האָט זיך אין דרויסען באוויזען א קופּקעלע מענשען מיט זעליק'ען אָן דער שפּיץ. מ'איז געגאנגען געהילט און גע־בויגען. איבער איינינע קעפּ האָבען זיך שווארצע שירעמס גע־דרעהט. פון אלע פענסטער האָבען בלאסע פּנים'ער מיט צושראָ־קענע אויגען ארויסגעקוקט, און נעבע די בעקערין איז נאָך אלע אָרומגעלאָפען א צוטומעלטע מיט דעם שאַל איבער די אקסלען און געזוכט די טאָכטער; פון שטוב צו שטוב איז זי געגאנגען, נאָר קיינער האָט זי נישט געזעהן, די טאָכטער. קיינער האָט זי נישט באמערקט.

* * *

זאָלבעדריט האָבען זיי אין א קליין גוי'איש שטיבעל גע־וואוינט, דריי פרויען: א מאמע מיט א טאָכטער, מיט אן אייניקעל. די מאמע (אָדער די באָבע), אן אלטע אידענע פון א יאָרה עטליכע און זיבעציג, וואָס האָט שוין יאָהרענלאנג געהאט תכריכים אָנגעגרייט אין קופּערט, אין דעם זעלבען קופּערט, וואו

עס זיינען געלעגען דעם איינִיקעל׳ס אויסגענייהטע האנדטיכער און אויסגעהאַפטע טישטעכלאך... ביידע האָבען זיך געגרייט, אי די באָבע, אי דאָס איינִיקעל... פארביידען איז שוין צייט געווען — דער ערשטער צו שטאַרבען, דער צווייטער חתונה צו האָבען...

די יונגע מאַמע מיט דער יונגער טאָכטער האָבען ברויט מיט בולקעס געבאַקען און פון דעם האָט מען געלעבט. אלע זונטאָג גאַנץ פריה האָט זיך זעלדע נעכעס מיט א מולטער געבעקס א״פ׳ן שליאך באוויזען, אויף יענעם שליאך, וואו די פויערים זיינען פון קלויסטער געגאַנגען, און באַזעצט האָט זי זיך ביי זעליג׳ען אויפ׳ן בריקעל. א געזונטע מויד געווען, אָט די זעלדע. א גלאַנציג, קיילעכדיג פנים, א בולקע־פנים, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פון אויוּוען ארויס... אויגען שאַרפע ווי ביי א ווילדען קלוגען פויגעל, זאַפטיג־רויטע ליפען, א ברייטע נאָז מיט נאָז־לעכער, וואָס האָבען זיך שטאַרק באוועגט פון איהר אָטעמען, אזוי ווי ביי א יונגער קליאַטשע...

א גאַנצע וואך האָט מען זי ניט געזעהן, א גאַנצע וואך גע־אַרבייט. דייזשעס ברויט און מולטערס חלה געקנאָטען. אליין, ניט האָבענדיג קיינעם, געווילדעוועט מיט זיך, געשטורעמט מיט מאַמע און באָבע... פון נאכט אויפגעשטאַנען א בייזע, א צורייצטע, ווער רעדט שוין פון זומערדיגע נעכט... די זומערדיגע נעכט האָבען זי גאָר משוגע געמאכט. אלע מאָל אויפגעשטאַנען א צופלאָסענע, א צופלאמטע, מיט גליהענדיגע אויגען, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פון גיהנום ארויסגעשפרונגען, און אפגעשלאָפען שבתים גאַנצע אינ׳ם וואָכעדיגען בעט, אין וואָכענדיגען אָנטאָן. ווייט און פרעמד פון שבת׳דיגען טיש, איז זי זונטאָג גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען מיט א יום טוב׳דיג פנים. דער אמת׳ער יום טוב איז ביי איהר זונטאָג געווען. זי האָט נישט געאַרבייט און דערצו נאָך גענומען פאַר זיך דאָס פאַרדינסט פונ׳ם געבעקס, וואָס זי האָט אין דעם טאָג פאַרקויפט. אָבער מעהר פון אלץ האָט זי געצויגען זעליג׳ס בריקעל... אָ, ווי ליב זי האָט געהאַט אָט די זומערדיגע זונטאָג׳־דיגע

פריהמאָרגענס, ווי אומגעדולדיג זי האָט עס געוואַרט אויף זיי... זון און בריקעל... יעדער פריהמאָרגען האָט איהר עפּעס צוגעזאָגט, צוגעזאָגט אומבאַשטימטעס און ליידענשאַפטליך זיסעס... איינע אליין מיט דער גאַנצער נאַטור, איינע אליין צווישען הימעל און בריקעל, האָט זי זיך פריי מיט ווייניגער וועהטאָג, אבער מיט זיסקייט איבערגעגעבען איהרע ליידענשאַפטליכע געפיהלען... אינ'ם ענגען, הייסען שטיבעל האָט זי דאָס אַלץ נעבעלדיג, אין שווער־פרעסענדע נעבלען דורכגעלעבט, עפּעס ווי אין חלום, און ס'האָט געצויגען דעם מאַרך פון איהרע ביינער... דאָ, אין דרויסען, ביי זעליג'ען אויפ'ן בריקעל, האָט זי אַלץ קלאָר און דייטליך דורכגע־פיהלט. זי האָט געוואוסט וואָס זי וויל און צו וועמען דאָס הארץ איהר ציהט. זי האָט ליב געהאַט זעליג'ען, אָט דעם פערציג־יאָהריגען איד, וואָס האָט שוין געהאַט עלטערע קינדער פון איהר. זי איז פשוט אָהן אַ קאָפּ געווען פון דעם זעליג'ן. די גרויסע האָריגע לאַפּעס, זיינע טיגערישע אויגען, די אונטערשטע גראָבע, בלוט־רויטע ליפּ, האָבען זי פון זינען אַראָפּגעפיהרט. יעדע באַוועגונג זיינע האָט זי גערייצט און געשלעפּט צו זיך... אַ איד, אַ פערציג יעהריגער איד, אויסגעשלאָגען פון שטאָל און אייזען, מיט אַ קופּערנעם קאַרק, מיט אַ שווארצען, דורכגעוועבט מיט ווייסע, קאָפּ האָר... זי האָט פשוט געגליהט אין זיין אָנוועזענהייט, געגליהט ווי אַ פייערדיגע קויל אויפ'ן ווינט... די שווארצע באָרד מיט די זילבער־ווייסע, ווי פעדימלאַך שטייפע האָר, וואָס האָבען זיך דורכ־געוואָרפען אין די דיקע גרויסע וואָנסען, האָבען ארויסגערופען אַ נעבעלדיגען באַגריף פון טעגליכער איינגעווארצעלטער שטאַרקייט...

און אָט דער זעליג האָט עס אַ קראַנק ווייב געהאַט, וואָס איז מעהר אין בעט געלעגען, ווי ארומגעגאַנגען, ווי אַ צובראָכענער שאַרבען, אַ דאַרע, אַן איינגעשרומפּטע, הויט און ביינער, שוואַרץ און טרוקען ווי אַ מצבה־שטעקען.

זעלדע'ן האָט שטאַרק הנאָה געטאָן, וואָס זעליג האָט אַזאַ ווייב. אומישנע האָט זי זיך אויף זיין בריקעל אפּגעשטעלט... אַזוי ארום איהם געוואָלט אריינקריכען אין הארץ אריין.

באוויזען פון שטוב האָט ער זיך אַלע מאָל דער ערשטער, באוויזען זיך מיט זיין פערציג־יאָהריגער גבורה, אָהן זאָרג פון דער קראַנקער גוסס׳ער ווייב, און מיט פערציג־יאָהריגער לעבענס־לוסט. ער איז איהר גלייך מיט דער אנגעשטיוועלטער פוס אין דער פלייצע אריינגעפאָהרען, און זי האָט דערויף געענטפערט:

— אַ גוט־מאָרגען אייך, ר׳ זעליג!

— אַ גוט יאָהר זאָל זיך אין דיר אריינכאַפּען!

— אפשר אַ בולקע, רב זעליג? — און אַ געדיכטע פאַרב האָט דאָס פנים פאַרגאָסען. און אַז זעליג האָט זי געשטאָרכעט מיט׳ן שפּיץ שטיוועל, האָט זי ווייטער גערעדט:

— נעמט, רב זעליג! — ניט געקוקט אויף איהם און גע־זאָגט: — זעהט, ס׳אַרא פרישינקע, ס׳אַרא רויטינקע... זיי טרישטשען! ...

און זעליג, אַ צוקאַשמעטער מיט אַ דין זיידען יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ צוכראַשטשעטער, האָריגער ברוסט, האָט זיך אָנגע־בויגען און מיט ביידע הענט, שטעהענדיג, איהר פון הינטען אַנגע־שפּאַרט מיט ביידע פיס אין איהר פלייצע, האָט אנגענומען ביידע באַקען, און ציהענדיג און רייסענדיג זיי עטליכע מאָל, געזאָגט:

— אָט דאָס זיינען בולקעס! דאָס איז אַ פּאָר בולקעס! — און זי, זי האָט איהם די גרויסע האָריגע האַנט זיינע געביסען...

ווען זי האָט די סחורה איהרע פאַרקויפט, איז זי אריינגעגאַנגען צו זעליג׳ן אין שטוב אריין און געהאָלפען די מיידלאַך זיינע אין שטוב־אַרבייט. זונטאָג זיינען דאָרט געווען אַ סך מענשען, סוחרים, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען פון אנדערע שטעדטלאַך. און געווען איז דאָרט פיל אַרבייט. און זעלדע האָט דאָרט אין די פּאָר שעה „בערג איבערגעקעהרט". און אַז זעליג האָט איהר דערפאַר באַלוינען געוואָלט, האָט זי זיך שטאַרק באַליידיגט. באַזונדערס האָט זי געוואָלט נושא חן זיין ביי דער קראַנקער. זי האָט גע־מיינט, אַז די קראַנקע, וואָס ווייסט אַליין, אַז זי וועט סוף כל סוף שטאַרבען, וועט זי אין זינען האָבען פאַר׳ן טויט...

דער פּאַרקאַן פון בית עולם האָט אויסגעזעהן אויסערגע־וועהנליך טונקעל און טרויעריג פון נאַסקייט. געהיימניספול און שטיל האָבען אַרויסגעשטאַרצט די נאַקעטע, שוואַרצע בוימער, וואָס האָבען זיך ווייט פון בית עולם געלאָזט זעהן, און צווישען די בוימער — די פּלאַטשיגע הילצערנע מצבות מיט די קיילעכדיגע קעפּ, מיט שוואַרצע און געגילטע אותיות. אינוויינינג האָבען אַרויסגעקוקט די שאַרפע רוקענס פון די צוים־דעכלאַך און צווישען זיי זיינען געלעגען לאַנגע ווייסע בערגלאַך שניי, און פון ווייטען האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז די מתים זיינען פון די קברים אַרויס־געקראָכען און האָבען זיך צווישען די צוימען צולייגט...

גבריאל דער שמש האָט די טיר פון אוהל געעפענט, און איינס נאָכ'ן אַנדערען זיינען די צעהן אידען אין דעם ניט־פינסטערען און ניט־ליכטיגען מתים־שטיבעל איינגעשלונגען גע־וואָרען, און נאָכדעם איינציגווייז און פּאַרלעכווייז אויפ'ן בית עולם אַרויפגעגאַנגען.

גבריאל איז געגאַנגען פאָראויס, געגאַנגען געבויגען מיט'ן קיילעכדיגען רוקען און מיט'ן שטעקען אין דער האַנט, געשטעקט די פּיס אין טיפען, פון אויבען פאַרהאַרטעוועטען שניי, וואָס האָט איהם געגרייכט ביז די קני און האָט אַ דאַנק דעם אויסגעזעהן אויף אַ גאַנצען אַרשין קירצער. ער איז געגאַנגען דרייסט, ווי ער וואָלט געפיהלט, אַז ער איז דער איינציגער בעל הבית דאָ, אַז אַ חוץ איהם ווייסט דאָ קיינער גאַרניט.

פּלוצלינג איז גבריאל שטעהן געבליבען מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער לופטען.

— גבריאל! — האָט אימיצער פון די אידען אויסגעשריען.

נאָר גבריאל האָט ניט געענטפערט, און פאַרשטאַנען האָבען אַלע, אַז ער קאָן שוין ניט ענטפערען. און געוואָרען איז פון די ניין מענשען איין מענש, איין מענש מיט ניין קעפּ, מיט פאַר־גליווערטע אברים און צינגער...

— שמע ישראל! — האָט גבריאל אויסגעשריען ניט מיט זיין קול, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס האָט עפּעס איינער פון אַן

אָפּענעם קבר אַרויסגעשריען און זיך געטאָן א דרעה אויס צו די ניין קעפּ און אָנגעוויזען מיט'ן שטעקען:

— אָן ליגט זי דאָרטען! אָ!

— פריידע! ...

— מיר זיינען געקומען...

— א מנין מענשען...

— מיר באשווערען דיך...

— פריידע, געה אין דיין רוה אריין!

— מחילה בעטען...

— דיין מאַן אשר זעליג ברב יחיאל...

— ער בעט דיך מחילה מיט'ן גאנצען קהל...

— ער זאָגט...

— ער זאָגט דיר צו...

— געה אין דיין רוה אריין!

— ער זאָגט דיר צו, אז ער וועט חתונה האָבען מיט זעלדע בת נעכע...

און פּאמעליך, טריט ביי טריט, זיינען אלע, אלע איינער הארט לעבען דעם אנדערען, צוגעגאנגען צום אָרט, וואו גבריאל איז געשטאַנען, און האָבען דערזעהן... האָבען דערזעהן דעם מת ליגען איבערגעוואָרפען אויף א דעבעל פון א צוים, די פּיס אין איין זייט, דער קאָפּ אין א צווייטער. אין א פּאָר מינוט אַרום איז שוין גבריאל געשטאַנען לעבען מת און איינמאל באקוקט און א צווייטע מאָל, זיך צוריקגעוואָרפען און ווידער אמאָל צוגעגאַנגען, און א לעצטען מאָל פארקוקט דעם מת אין פּנים אריין און אויסגעשריען:

— זעלדע!!

---

אין א שעה אַרום האָט מען לעבען פריידע'ס קבר א פרישען קבר אויסגעגראָבען און אריינגעלייגט האָט מען זי אין קבר אריין אין דער פּאָזע, ווי מען האָט זי געפונען. אוממעגליך געווען זי אויסצוגלייכען, אזוי פארשטאַרט איז זי געווען.

# מאנקא.

זי שוועבט פון איין צימער אין אנדערען צווישען געוויש און געפילדער, וואס טראגט זיך פון די געסט, און עס דאכט זיך, אז זי איז עפּעס א באזונדער מענש, א באזונדער מיידעל, א מא־שין־מיידעל, וואָס איז אויסערגעוועהנליך באוועגליך און ריהרעוור־דיג. און מאשינעל ענטפערט זי, און אזוי שמייכעלט זי, זעלטען ווען זי וויל, נאָר צוליב יענעם, ווען יענער פארלאנגט עס. און ערגעץ טיף, גאנץ טיף אין זיך ליגט די אמת'ע מאנקא באגראָבען, דאָרטען שמייכעלט זי ניט, דאָרטען לויפט זי ניט, נאָר ליגט און פּייניגט זיך אין אנגסטען. פון דער נאטור אן ארענטליך שטיל, פיין מיידעל, און אלע ווילען, צווינגען זי כמעט, זי זאָל אנדערש זיין... שולדיג אין דעם איז דאָס שעהנע פּנים איהר'ס און די רונדקייט פון איהר קערפּער און די עלאסטישע באוועגונגען איהרע. אלץ אין איהר איז אזוי רייצענד. זי רייצט, צי זי וויל ,צי זי וויל דאָס ניט, אין גאנצען מיידעלש, פון די האָר־שפּילקעס ביז דעם קליינעם פאנטאָפעלע, וואָס באהאלט דאָס קליינע פיסעל איהר'ס...

פון גאנץ פריה אָן ביז שפּעט אין אָוועגט איז זי פארנומען, פאריאָגט און פארטראָגען און ווייקט זיך כסדר אין מאבלים־ריחות, וואָס פילען אָן אלע צימערען פונ'ם „דאָמאשני אָביעד" מיט זייער פּארע. אלץ, וואָס דאָרטען ווערט געטאָן און גערעדט, איז פון עסען און צוליב עסען, און אויף וואָס עס זאָל ניט פאלען דער בליק איהרער, איז אלץ צוליב דעם. אלץ עסט : די טישלאך מיט די בענקלאך, די ווענט און דער סופיט...

„מאנקא" — אזוי איז וואויל געפעלען די בעלי־בתים איהרע איבערצולייגען דעם נאָמען איהרען פון מינדעל, און זי אליין מיינט, אז דער איבערגעדרעהטער נאָמען פּאסט בעסער אהערצו און איז

צופרידען, דער נאָמען מינדעל איז געבליבען פאַר איהר, פאַר דער, וואָס קיינער קען דאָ נישט, דער נאָמען פון דער־היים, ווי עס האָבען זי גערופען טאַטע מאַמע, שוועסטער און ברידער. די בעל־הבית'טע איהרע, וואָס שטעהט אין קיך און טיילט אויס די מי־טאָגען, איז אַליין פאַר זיך דוקא אַן אָרענטליך ווייבעל, נאָר פון מאַנקען פאָדערט זי שוין גאַר עפּעס אַנדערש; כאָטש זי זאָגט ניט אָפען, וואָס זי וויל, נאָר מאַנקא פאַרשטעהט זי, זי פאַר־שטעהט, אַז ניט צוליב איהר, צוליב מאַנקא'ס, טובה וועגען וויל זי, אַז זי, מאַנקא, זאָל נאָר טראָגען שטאַרק אויסגעקראָכירטע בלוז־קעס, און שמייכעלט אָפּט עפּעס אַזוי מאָדנע צו איהר, און ס'איז צו דערקענען: אַ ווייבעריש שמייכעלע וועגען ווייבליכקייט... מאַנקא פיהלט עס, און עס ווערט איהר עקעלדיג. אויך דער בעל־הבית איהרער, וואָס דרעהט זיך אַרום מיט'ן גרויסען לעדערנעם בייטעל אויף דער זייט, וואָס זעהט אויס. ווי אַ רייזע־טעשעל, אויך אַ גאַנץ אָרענטליכער יונגערמאַן, וואַרפט פון צייט צו צייט אַ גלאַנציג אויגעל אויף איהר. ס'איז אָבער ניט קיין מאַנסבילש גלענצעל, און דאָס איז איהר ווידער עקעלדיג און מיאוס. און עקעלדיג זיינען איהר די מאַנסביל אויגען פון די געסט, וואָס גליהען זי און רייסען, וואו זי גיט זיך אַ דרעה און אַ קעהר... מיוחסים פון „דוואָריאַנסקי", וואָס עסען גוטע מיטאָגען און גיבען צו לייזען אַ סך געלט צערעמאָניען זיך מיט איהר ווינציגער, און מ'וואַרפט אין איהר אַ ציניש וואָרט, ווען מ'איז ניכטער, ביי אַ גלאָז ביר כאַפּט זי אַ קניפּ און אַ צופּ; טרעפט אָפּט, אַז איינער אונטער דער מאַסקע פון שיכור, כאַפּט זי און גיט זי אַ זעץ אַוועק צו זיך אויפ'ן שויס... מאַנקא וועהרט זיך שטיל און עקשנות'דיג — דאָס קען זי, אָבער זידלען איהם, דאָס האָט זי מורא פאַר די בעלי־בתים, ווייל זי האָט איין מאָל אַ פּסק געכאַפּט, ווען זי האָט אַזעלכען אָפּגעזידעלט.

מאַנקא באַדינט ספּעציעל אָט די „דוואָריאַנעס", וואָס קומען אַלע טאָג ריינע, אויסגעפּוצטע, וואָס עסען מעהר פליי ווי ברויט און רויכערען און טרינקען אַ סך ביים עסען. אַ באַזונדער צימער

איז פאר זיי פאראן, וואָס הייסט טאָקע „דוואָריאנסקע" און רייגער איז דאָרטען, ווי אין יענע צימערען, וואוהין עס געהען אריין פאר־שיידענע מענשען אין פארשיידענעם עלטער מיט שטיקלאך ברויט אונטער די ארעמס. די ווענט זיינען מיט רויטען שפאליר מיט א גאָלדען קווייטעלע געקלעפט, און טישטאכלאך ווייסע אויף די טישלאך, און גראפינען מיט וואסער אויף זיי. און בילדער אויף די ווענט, און קיסרים פון גאר דער וועלט. אין א ווינקעל, אין א גרויסער דראָטענער שטייג מיט א קופאָל, וואָס איז עהנליך צו א טורעם, שטעהט א געלע פאָפּקע, וואָס האלט אין איין לושט־שען רויזען־קערלאך, און אלע מאָל געהט צו אָן אנדער „דוואָריא־נין" און באגריסט דער פאָפּקע: „פאָפּקע דוראק!"... און אז דער נארישער פאָפּקע גלוסט זיך, שרייט זי נאָך: „פאָפּקא דוראק!" און נאָר אז איהר גלוסט זיך, ווייל ס'טרעפט אָפט, מ'זאָל אָפּשטעהן נעבען איהר א פערטעל שעה צייט, און זי בעטען, זי זאָל זאָגען די צוויי ווערטער, און זי שווייגט, שטעלט אויף דאָס געלע טשוביקעל, וואָס באווייזט, אז ס'פארדריסט זי, אז מ'דער־קוטשעט איהר לאנג, און קוקט אויף דעם „דערעסער" מיט בייזע שטעכעוודיגע אויגלאך. מאנקע איז מקנא דעם נארישען פויגעל, וואָס האָט דאָך זיין אייגענעם ווילען, וואָס לעבט אפילו דאָ אין שטייג זיין אייגענארטיג פויגליש לעבען, ניט אזוי, ווי זי, מאנקא, וואָס מוז אלעמאָל צוליב טאָן די געסט, נאָכגעבען זייערע קאפּ־ריזען.

פארנאכט צו, ווען די צאָהל געסט ווערט אויף אזוי פיל קלענער, אז ס'הייסט, אז קיינער איז ניטאָ, כאָטש ס'זיצען דאָ און דאָרטען א פאר פארשווינען און עסען כמעט קאלטע מיטאָגען, זיצט זיך מאנקא אין א ווינקעל און רייניגט מיט א האָר נאָדעל פון אונטער די נעגעל די שמוץ, וואָס קלייבט זיך אָן פאר'ן טאָג. די פארשפּעטיגטע געסט זיינען איהר באזונדערס פרעמד און אָפּשטויסענד, ווייל זיי עסען קאלטע מיטאָגען, ווייל איבער זיי קען זי אויף דער פרייער לופט ניט ארויסגעהן. זי פארשטעהט ניט, וואָס טוען דאָס מענשען אַזעלכעס, וואָס האָבען קיין צייט

ניט זיך אריינכאַפּען און אָפּעסען מיטאָג צו דער צייט. גלייכ־צייטיג האָט זי דאָך מיט זיי מיטלייד: צאָהלען די זעלבע געלט און האָבען ניט קיין הנאה, זיי זיינען, דאכט זיך, אפילו די בעלי־בתים איהרע איבעריג, מ'צערעמאָניעט זיך מיט זיי ווינציגער און מ'גיט זיי זעלטען דאָס, וואָס זיי ווילען, נאָר דאָס, וואָס ס'איז דאָ. אנדערש — דאָס וואָס איז פארבליבען.

דאָ און דאָרט שטעהען פארזונקען אין דרעמעל די טישלאָך מיט די פארשפּרייטע, זאַט אויסגעפלעקטע טישטוכער. די פּאָד־לאָגע איז מיסטיג און עקעלדיג, זאַט מיט פעטע סאַלפעטען־פּאַפּירלאָך, מיט אראָפּגעפאַלענע געשמאַקע ביסענס, מיט אראָפּ־געוואָרפענעביינדלאָך און צוטראָטענע קאָרדאָנלאָך פון פּאַפּי־ראָסען. די ווייס אויסגעפלעקטע קאַץ, וואָס געהט קוים ארום פון פעטקייט, שמעקט אַלצדינג ארום און עסט גאָרניט. אַלץ איז אין שווערער זאַטקייט געפלעפּט...

די לעצטע געסט, די פארנאַכטיגע, זיצען תמיד לענגער ביים עסען. איינער וויל איבערוואַרטען דעם צווייטען, און מאַנקאַ פארשטעהט איבער וואָס: ביי יעדען פון זיי דרעהט זיך עפּעס אין מוח, אז ער אליין וועט בלייבען אליין מיט מאַנקאַ'ן, וועט עפּעס אנדערש זיין... און די צוויי־דריי פארשפּעטיגטע געסט זיצען זיך שטיל און געלאַסען, עסען פּאַמעליך און א סך, נארען איינער דעם צווייטען, זיצען כלומר'שט ווי די פּגרים און קלערען גארניט און ווייסען גאָרניט, אַז ס'איז דאָ נעבען זיי אַ מאַנקאַ, וואָס בורעט דאָס בלוט זייערס.... און פון די פּאָר פארשפּעטיגטע שטילע און רוהיגע געסט ליידט מאַנקאַ טויזענט מאָל מעהר ווי פון יענע, וואָס האלטען זיך צו איהר אנדערש. זי פיהלט, ווי מ'עסט זי מיט'ן שוויינען. זי פיהלט, ווי מ'עסט זי מיט די געדאַנקען, ווי די אויגען זייערע דרינגען אריין טיף אין איהר, דרינגען אריין טיף אין די פארבאָרגענסטע ווייבליכע ערטער, און ס'גלוסט זיך אַנטלויפען, און ס'ווילט זיך באהאַלטען, ערגעץ פארגראָבען זיך מיט איהר גאַנצער שעהנקייט, מיט איהר גאַנצער ווייבליכקייט; אָדער זיך אָנפעלצען ווי אין גרעסטען פראָסט, זייערער א בליק

זאָל איהר רײנעם קערפּער ניט באַשמוצען, און אמאָל, פּאַרקערט, גלוסט זיך איהר אַראָפּװאַרפען פון זיך די קלײדער און זיך באַ־װײזען מיט איהר גאַנצער מײדעלשער פּראַכט — און קוקט, װערט צוזעצט, פּלאַצט אױף די ערטער!

און אפילו דעמאָלט, װען די געסט צוגעהען זיך, און זי בלײבט אַלײן, איז זי אין גאַנצען ניט רוהיג. איהר דאַכט זיך, אז פון די געסט זײנען די שאָטענס זײערע געבליבען און שװעבען דאָ ארום, זוכען זי און לאָקערען נאָך איהר. אַלע מאָל, אײדער זי טוט זיך אױס צום שלאָפען געהן, קוקט זי זיך אומרוהיג ארום. קוקט אױף די בענקלאַך, װאו די מאַנסבילען זײנען געזעסען, און האָט עפּעס װי מורא איהר נאַקעט ליב צו באַװײזען... ערגעץ טיף בײ איהר אינװײניג האָט זיך אַן אומרוהיגקײט באַזעצט... א ניט זיכערקײט מיט זיך און אין זיך... זי האָט געהערט, אַז פאַר איהר איז דאָ אױך געװען אײנע, װאָס האָט געהײסען מאַנקא, און דאָס מײדעל איז אױך געװען זעהר אַן אָרענטליכע און איז דאָך געפאַלען, און הײנט שפּאַרט זי אָן אין א „רעכט" אָרט... דאָס רײן מײדעלש האַרץ איז תמיד אין שרעק געהילט... עפּעס זאָגט איהר דאָס האַרץ, אַז מיט איהר װעט זיך אױך עפּעס טרעפען. עס װעט טרעפען, צי זי װעט עס גערן זײן, צי ניט. זי געטרױט ניט זיך אַלײן אױף איהר ליב א קוק צו געבען. עס דאַכט זיך איהר, אַז מיט איהרע אױגען קוקט אַן אַנדערער, עפּעס א מין גרױזאַם, װילדער מאַנספּאַרשױן, װאָס װאַרט נאָר אָפּ דעם גינסטיגען מאָ־מענט אַרײנצוכאַפּען זי אין זײנע אַרעמס. פאַראַן מאָמענטען, װען זי קען זיך מיט איהרע הענט צו איהר ליב ניט צוריהרען... האָט צו איהר אײגענע האַנט דאָס צוטרױען פאַרלאָרען. אין אַזעלכע מאָ־מענטען גלוסט זיך איהר װײנען, און ס'װילט זיך בײ אימיצען בעטען, מ'זאָל זי באַשיצען פון די מערדערשע הענט. נאָר פרעמד איז זי דאָ, זי האָט פאַר קײנעם ניט דאָס האַרץ אױסצורײדען.

אײן מאָל האָט אײנער פון די געסט, װאָס איז דוקא גע־קומען בײטאָג צו מיטאָג, אַזױ פיל געגעסען און געטרונקען, אַז ער איז אַנשלאָפען געװאָרען בײם טיש; עסערס זײנען געקומען

און אוועקגעגאנגען, און ער, אָט דער זולל וסובא, אָנגעלאָדען פול דעם מאָגען, איז אַלץ געזעסען. פארלייגט די הענט אויפ׳ן טיש און אויף זיי דעם קאָפּ אוועקגעלייגט און געכראָפּעט... מאנקא האָט פינסטער געגלויבט, אז דאָס איז „ער", אָט דער אומבאַקאַנטער „ער", פון וועמען עס גליווערט איהר יעדעס אבר, און אז ער האָט זיך אוממיסטען אזוי אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען, כדי ער זאָל דאָ אנשלאָפען ווערען און זאָל זיך אויפכאַפּען, ווען קיינער וועט ניט זיין, נאָר זי, מאַנקאַ, אַליין. מאָמענטענווייז איז איהר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, אז ער מאַכט זיך נאָר שלעפעריג, אז ער וואכט, נאָר איז אין גאנצען פארזונקען מיט איהר, ווי אזוי דורכצופיהרען זיין טייוולאָנישען פּלאַן. און שפּעטער, לאנג נאָך זיין אוועקגעהן, האָט זי זיך אַלץ ניט געקאָנט בארוהיגען. איהר האָט זיך ניט געגלויבט, אז ער איז אוועקגעגאנגען. אויפ׳ן בענקעל, וואו ער איז אזוי לאנג געזעסען, איז ווי א נעגאַטיוו פון איהם געבליבען, און מאנקא האָט מורא געהאט זיך אויסצוטאָן און געוויינט אין זיך שטיל און ביטער. אויף לעצט איז זי צוגעגאנגען צו דער פּאַפּקאַ און זייענדיג זיכער, אז דער פויגעל פארשטעהט אלצדינג, וואָס מ׳רעדט צו איהם, האָט זי מיט א בעטענדיג, וויינענדיג קול געזאָגט צו איהם:

— פּאַפּאַטשקאַ, אז דו וועסט נאָר אימיצען דערזעהן, ווי דו וועסט נאָר דערזעהן, אז מ׳רוקט זיך צו מיר, זאָלסטו אָנהויבען שרייען: קאַראַאול! קאַראַאול!

„פּאַפּאַטשקע" האָט ניט לאנג געוואַרט און באלד אויסגעשריען:

— קאַררול! קאַררול!

— אָט אזוי, אזוי, פּאַפּאַטשקאַ, זאָלסטו שרייען, ווי דו וועסט נאָר דערזעהן, אז מ׳געהט צו מיר, — האָט מאנקא זיך געבעטען ביים פויגעל מיט א צובראָכען געמיט און, אויסגעלאָשען דאָס לעמפּעל, זיך פלינק, אינ׳ם אָנטאָן, זיך ארונטערגעכאַפּט אונטער דער קאָלדרע און האָט לאנג, לאנג ניט געקאָנט אנשלאָפען ווערען...

# אויף אַן אַכסניה.

... ס'איז שוין געווען איינס אַזייגער ביינאַכט. דער בעל־הבית, די בעל־הבית'טע און די פּאָר געסט, וואָס זיינען געווען אין אַכסניה, זיינען שוין געגאַנגען שלאָפֿן, נאָר איך בין געבליבען זיצען אין אַ קליין, ווייס־אויסגעקאַלכט אַלקערל מיט'ן בעל־הבית'ס מיידעל. איך בין אויך געווען אַ גאַסט, נאָר אַ היימישער. איך פֿאַרפֿאַהר אהינצו אָפֿט, מען קען מיך שוין ווי אַ בייזען שילינגער. די בעל־הבית'טע קען שוין אפילו מיינע קאַפּריזען, ווייסט, וואָס איך האָב ליב צו עסען און ווי אַזוי מען דאַרף מיר לייגען דאָס קישען.

אַ חזקה האָב איך דאָרטען מכמה יאָהרען — פֿאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט אַ טאָכטער. פֿיר זיינען זיי געווען — האָבען שוין דריי חתונה געהאַט, בין איך עס מיט אַלע אין פֿאַרשיידענע צייטען איבערגעזעסען האַלבע נעכט. אַ רגילות! די עלטסטע — אַ שעהן מיידעל געווען, איך בין כמעט ווי פֿאַרליבט געווען אין איהר. געקומען אין אַ יאָהר, אַנדערהאַלבען אַרום — ניטאָ שוין דאָס מיידעל, חתונה געהאַט. אָפּגעגעבען טאַטע־מאַמע מזל טוב, און האָב די צווייטע אין „אָרענדע" גענומען. אַ מיאוס'ע מויד — נאָר ניט געקאָנט זיין אַזוי גראָב: מיט דער שוועסטער געזעסען האַלבע נעכט, פֿאַרוואָס ניט מיט איהר אַ פּאָר שעה פֿאַרברענגען? קעגענזייטיג: חזקה אויף זיי, זיי אויף מיר. איך בין געקומען — וועקגעוואָרפֿען הכל שבהכל און זיך געזעצט מיט מיר. צי איז עס זיי אַנגענעם געווען? מעגליך, אַז יאָ, און מעגליך, אַז ניט...

ווען איך בין ווידער געקומען, האָט געפֿעלט אַ מיידעל. איצט איז שוין איינע געבליבען, אַ מיזינקעלע, אַ יאָהר פֿופֿצעהן, זעכצעהן. נאָך די יאָהרען אַ מיידעל באַדאַרפֿט זיין, נאָר זי איז געוואַלדיג

קינדעריש, רויטעלט זיך, סיי מען רעדט, סיי מען שווייגט. באַ־וואוסטזיניג איז מיר גאַנץ אנגענעם מיט איהר צו זיצען, איך — אַן אַלטער קאַוואַליער, זי — א יונג, פריש מיידעלע. נאָר פיהלען פיהל איך צו איהר גאַרנישט.

זי זיצט ביים טיש ביי אַן אָפענעם בוך, האַלט אויף איהם די לאַנגע האַנט און קוקט צו מיר. איך זיץ ביי דער הרובע — איך בין נאָך דורכגעפראָרען פון וועג: צעהן ווי ערסט אויף א שליטען געפאָהרען פון דער סטאַנציע.

— איך בין אזוי דערפראָרען — פאַרענטפער איך זיך פאַר'ן מיידעל, וואָס איך זיץ פון ווייטען — עס געהט מיר ערשט די קעלט אַרויס.

וואָלט זיך מיר געגלוסט נעבען איהר זעצען, וואָלט איך שוין אויף דער קעלט ניט געקוקט. און' כלעבען, איך וויים ניט, נאָך וואָס איך פאַרענטפער מיך, גלייך איך וואָלט עפעס א חוב באַ־דאַרפט באַצאָהלען! און נאָך וואָס זיץ איך דאָ, אין דער צייט, וואָס איך נויטיג זיך אזוי אין אַפּרוה?

— איהר ווילט שלאָפען! — זאָגט צו מיר דאָס מיידעל (ניט שווער געווען אויף מיר צו דערקענען).

— ווער? איך? — פאַל איך אויף איהר אָן. — דאָס מוזט איהר ווע‍לען שלאָפען!...

— איך? — ענטפערט זי מיט דער זעלביגער אינטאָנאַציע, ווי איך — איך האָב צייט... איך שלאָף שפּעט.

אמת איז עס, האָב איך געטראַכט, נאָר דאָך וואָלט ניט גע־שאַדט, דו זאָלסט געהן שלאָפען. מיר וואָלסטו שוין זיכער קיין רעה ניט געטאָן...

איך וואָלט איהר זעהר דאַנקבאַר געווען, ווען זי זאָגט מיר „א גוטע נאַכט”, נאָר איך זאָל עס פריהער טאָן — האָב איך ניט געקאָנט...

— וואָס לייענט איהר דאָרטען? — האָב איך געפרעגט אבי ניט צו שווייגען.

— „וואַוואַטשקאַ” ווערביצקאַיאַ'ס — האָט זי אַ צופרידענע געענטפערט.

איך האָב זיך צושמייכעלט: ווען מען פרעגט מיך, וואָס פאַר אַ ביכער אַזאַ מיידעל לייענט, וואָלט איך קיין אַנדער פאַרפאַסער פאַר איהר ניט געפונען.

— וואָס לאַכט איהר? — האָט זי געפרעגט, און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אַליין געענטפערט: — איהר לאַכט פון אַ קליינשטעטעלדיג מיידעל.

— גאָט זאָל היטען!... איך האָב ליב נאַר קליינשטעטעל־דיגע מיידלאַך... מיר געפעהלט גלאַט, וואָס איהר לייענט ווער־ביצקאַ'ן.

— וואָס־זשע? ניט קיין גוטע „פיסאַטעלניצע”?

— ווער זאָגט?...

— וואָס דען? — איז זי נאָך נייגעריגער געוואָרען.

— איהר מוזט עס טאַקע וויסען? איך וואָלט אייך געזאָגט, איך ווייס אָבער, אַז נאָכ'ן זאָגען וועט עס אייך קלאָרער ניט ווערען.

דער שמועס האָט מיר אָנגעהויבען צו נודיען, און איך האָב איהר אויף די לעצטע ווערטער ניט געענטפערט. און זי האָט שכל געהאַט און מעהר ניט געפרעגט, האָט אַ באַליידיגטע צוגערוקט צו זיך דעם בוך און אַראָפּגעלאָזט אויף איהם די אויגען.

— וואו קריגט איהר דאָ ביכער, וואו? דאָ איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק? — האָב איך געפרעגט אין אַ פּאָר מינוט אַרום.

— יאָ, אַ ביבליאָטעק! — האָט זי קינדעריש געענטפערט. — דאָ וועט איהר קריגען אַלדאָס גוטס.

— ווער־זשע גיט אייך ביכער?

— אַ „טשינאָווניק” פון דער פּאָסט! דאָ איז אויך דאָ אַ פּאָסט!

— אַ אַ! — האָב איך זיך צולאַכט — אַזוי, אַ טשינאָווניק. זי איז רויט געוואָרען.

איך האָב פאַרגעזעצט, ווי דאָס וואָלט מיך שטאַרק אינטע־רעסירט:

— אזוי, דער טשינאָווניק גיט אייך ביכער! פּאַנימאַיו... א יונגער כאָטש?... א שעהנער?

איך האָב דערקענט אָן איהר, אז זי ווייסט מיר נעבאך ניט וואָס צו ענטפערען, אז זי איז גאָט די נשמה שולדיג. נאָר מיר האָט זיך דוקא געגלוסט זי נאָך מעהר מאַכען גלויבען, אז איך זאָג עס ניט אין קיין שפּאַס, אז איך גלויב אין מיינע רייד גאַנץ ערנסט, און האָב אויף לעצט געענדיגט:

— שוין לאַנג, פּעסעלע?... א, זאָגט! זייט זיך מודה... איך וועל פאַר קיינעם ניט דערצעהלען!

איך האָב פאַרלאָזט די הרובע, אויפגעשטעלט זיך, אָנגע־שפּאַרט זיך אויפ'ן טיש און אריינגעקוקט איהר טיף אין די גרויסע האַלב־מיידעלשע שווארצע אויגען:

— האָט ער אייך שוין געזאגט, אז איהר האָט שעהנע אויגען, א?.. האָט ער אייך שוין אמאָל געקושט?

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט צומישטע אויגען א פאַרצוויי־פעלטע, אונטערגעשמייכעלט און אין א ווייַלע ארום געפרעגט:

— איהר מיינט עס טאַקע ערנסט?

— הער נאָר! — האָב איך געענטפערט, אפּגערוקט פון זיך צום פענסטער דעם לאָמפּ, וואָס האָט מיר געבאַקט אין די אויגען— א פראַגע, צי איך מיין עס ערנסט? וואָס, מען קען אייך דען ניט ליב האָבען? איהר זייט קיין מיידעל ניט, וואָס?

איך האָב זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, ווי איך וואָלט וועלען באַשטעטיגען מיינע ווערטער, און נאָך א ווייַלע קוקען אויף איהר האַנט, וואָס איז אויפ'ן טיש געלעגען, האָב איך געזאגט:

— איהר האָט א שעהן הענטעל!

זי האָט פּאַמעליך ארפּאַגעשלעפּט די האַנט פון טיש און זי רוהען געלאָזט אויף דער פּאָלע, און איך, גלייך איך וואָלט אריין אין דער ראָלע פון דעם פון מיר אויסגעטראַכטען פאַרליבטען העלד, האָב א מינוט צייט געקוקט אויף דער האַנט און אויף לעצט פּאַמע־

ליבקע, ווי בגנבה, זי אַנגענומען ביי די צוויי מיטעלסטע פינגער, זיי עטוואָס אונטערגעהויבען און געפרעגט:

— מ׳מעג?

— וואָס? — האָט זי א גליהענדיגע געפרעגט.

— מ׳מעג נעמען אייער האנט?

— נאָך וואָס דארפט איהר זי?

— איהר ועט שוין שפּעטער זעהן.

ניט געענטפערט און ניט פּראָטעסטירט, נאָר נייגעריג, מיט פיבעריש פינקעלדיגע אויגען און אומגעדולדיגער דערוואַרטונג געקוקט אויף מיר, וואָס איך וועל דאָ טאָן מיט איהר האנט. און איך האָב זי פּאמעליכקע געצויגען צו זיך, פּאמעליך, ווי איך וואָלט ביי איהר גע׳גנב׳עט די האנט, אויף לעצט זיך א ביסעלע איינגעבויגען און אַ קוש געטאָן אין דער דאָלאָניע.

א לאנגע פּויזע. איך האָב אומיסטען געשוויגען, כדי דער איינדרוק פון קוש זאָל ביי איהר ווערען גערדיכטער.

— ביי אייך איז פאראן קאָרטען? — האָב איך זי פּלוצלינג א פרעג געטאָן.

— יאָ! — האָט זי א צופרידענע געענטפערט. נאָר באלד איז די צופרידענקייט פון איהר געזיכט פארשוואונדען, און זי האָט אין א ווייל ארום, גלייך ווי זי וואָלט זיך אויפ׳ן אָרט גע־כאפּט אין א טעות — געפרעגט:

— וואָס דארפט איהר?...

— איהר קענט ווארפען קאָרטען?

זי האָט אַנטקעגען אַ מינוט געקלערט, זיך זיכער באטראַכט, אז איידער ענטפערען איז גלייכער צו פרעגען:

— וואָס עפּעס פּלוצלינג? — און א סודות׳פולער שאָטען האָט זיך אויף איהר געזיכט צוגאָסען.

— איהר קענט?...

— איך קען — האָט זי אומצופרידען, מיט אַן אומבא־וואוסטען חשד געענטפערט, — אָבער נאָך וואָס?

— אזוי, איך באדארף עפּעס וויסען...

זי האָט זיך ברייט צושמייכעלט. דאָס איז געווען איינער פון יענע שמייכלען, ווען מענשען געפינען זיך אין אַ מאָדנער פאַר־לעגענהייט און קאָנען אנדערש ניט אויסדריקען זייער פארצווייפ־לונג, סיידען נאָר אַ שמייכעל טאָן...

זי איז אַוועק אויף די שפּיץ פינגער און אין עטליכע מינוט אַרום האָט זי זיך באַוויזען מיט אַ טעשעל קאָרטען, מיט אַ פאַר־ביסענער ליפּ און מיט ברייט־אָפענע טשיקאַווע אויגען. זי האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש נעהענטער צו מיר, ווי צו זיך, גלייך ווי זי וואָלט פארגעסען, אַז זי דאַרף זיי די קאָרטען פאַר מיר, און ניט איך דאַרף זיי פאַר איהר.

ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָב איך איהר, ווי מ׳זאָגט, אונטער דער נאָז צוגערוקט די קאָרטען און געזאָגט:

— נעמט זיך צו דער אַרבייט.

— וואָס זאָל איך אייך וואַרפען? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שעלמיש שמייכעלע, גלייך ווי זי וואָלט געוואוסט, וואָס איך מיין, נאָר איהר פּאַסט עס ליבער, איך זאָל מיינען, אַז זי ווייסט ניט...

— מען דאַרף דען פרעגען? — האָב איך מיט אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג געפרעגט, און צוגעגעבען: — מען דאַרף אַליין טרעפען.

—ניין, מ׳דאַרף זאָגען! — האָט זי זיך שוואך פּאַרטיי־דיגט, גלייך ווי זי וואָלט מיט מיר געווען איינשטימיג — מ׳דאַרף זאָגען וואָס און איך — — —

— פּריילּיכען, ענטשולדיגט! איהר קענט ניט וואַרפען קיין קאָרטען. יעדער איינציגער, וואָס האָט זיך איין מאָל אין זיין לעבען געוואָרפען קאָרטען, ווייסט, אַז מ׳דאַרף נאָר עפּעס פאַר־טראַכטען, און די קאָרטען־וואַרפערין דאַרף טרעפען, וואָס מען טראַכט.

— אַזוי? — האָט זי מיט אַ קינדעריש תנועה׳לע געזאָגט — אַזוי קאָן איך ניט! — און אָפּרוקענדיג פון זיך דאָס טעסעל קאָרטען — איהר זאָגט מיר, וואָס איהר האָט פאַרטראַכט, וועל

איך אייך טרעפען, צי אייער „זשעלאַניע” וועט „איספּאָלניעט” ווערען, צי ניט...

איך האָב מיט איהר גארניט געקאָנט מאכען; האָב ארויס־געשלעפּט די דאַמע פּיק און אָהן ווערטער, נאָר מיט אזא קוק, זי זאָל זיך אָנשטויסען, וועמען איך מיין דאָ, איהר א וויז געגעבען, און באלד צוריק אריינגעשטופּט צווישען די קאָרטען און זי האָט זיי גלייך געכאַפּט און פלינק, ניט געקוקט אויף מיר, אָנגעהויבען זיי צו טאַשען און אויף לעצט צוגעטראָטען צו דער ארבייט.

איך האָב מיך צוגערוקט נעהענטער צו איהר און געמאַכט אזא אָנשטעל, ווי איך בין געוואַלדיג פאראינטערעסירט מיט'ן גורל, וואָס וועט אויספאַלען אין די קאָרטען. איך האָב מיך אָנגע־שפּאַרט מיט דער ברוסט אין קאַנט פון טיש, אוועקגעלייגט פון אויבעןביידע הענט און שמייכלענדיג געקוקט ווי זי צולייגט די קאָרטען. מיין „דאַמע” האָט זיך אויף לעצט באוויזען מיט צוויי קאַוואַליערען ביי די זייטען. איך האָב באלד פארשטאַנען: קאָנ־קורענטען! נאָר איך האָב קיין באגריף ניט געהאַט, וואָס זאָגען די איבעריגע קאָרטען, וואָס באדייט די „מלכה טרעף”, וואָס האָט זיך איהר צוקאָפּענס אוועקגעלעגט און די צוויי פארמאַכטע קאָר־טען, וואָס זיינען איהר „אויפ'ן הארצען” געלעגען. איך האָב גע־ווארט...

אַזוי ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט: די צוויי וואַלעטען, וואָס זיינען געלעגען ביי די זייטען פון דער דאַמע פּיק, זיינען ביידע אין איהר געווען פארליבט און איינער דעם צווייטען איז געשטאַנען אין וועג און א דאַנק דעם — די מלכה טרעף צוקאָפּענס, וואָס באדייט: טרעפען, דאָס הייסט, אַז זי האָט פון ביידען זעהר פיל „נעפּריאַטנאָסט”.

— ווער איז דער ברונעט, א איד, צי א גוי? — האָב איך תמ'עוואַטע געפרעגט (איך בין געווען דער בלאָנדין).

א געדיכטע פארב האָט זיך אויף איהר געזיכט צוגאָסען, נאָר זי האָט זיך גלייך באהערשט און געענטפערט:

— אין די קאָרטען איז ניטאָ קיין גוים און ניט קיין אידען. דאָ איז נאָר דאָ בלויז דאמען און קאוואַליערען...

— אַ־אַ־אַ... גוט!... פון וועמען זשע וועט זי האָבען „נעד־פריאַטנאָסט", פון ברונעט, צי פונ'ם בלאָנדין? — און ניט וואַרטענדיג אויף איהר ענטפער, מיט אַ געהיימניספולער שטים צוגעגעבען: — איך האָב באַלד פאַרשטאַנען...

— וואָס האָט איהר פאַרשטאַנען? — האָט זי מיט אַן איינ־געהאַלטענעם פאַרדרוס געפרעגט.

— גאָרנישט! — און האָב מיך אָפּגערוקט פון איהר, גלייך איך וואָלט שוין נאָכדעם, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט פון די קאָרטען, ניט געקאָנט נאָהנעט נעבען איהר זיצען און האָב גע־טראַכט: ווי ווערט מען בעסער איהרער פּטור? דער בעל־עגלה וועט נאָך אַ ליאַדע פּאָר שעה מיך אויפוועקען, און צוליב וועלכע שוואַרצע יאָהר גלוסט זיך מיר, מיט דער, וואָס איך האָב ניט דעם מינדעסטען פאַרלאַנג צו זיצען, גלוסט זיך מיר נאָך מיט איהר צו מאַכען קונצען און אַ נאַכט ניט שלאָפען...

— אייך ווילט זיך נאָך ניט שלאָפען? — האָב איך פלוצלינג געפרעגט. — אפשר געהט איהר איבער מיר ניט שלאָפען? זאָגט, שעמט זיך ניט!... זייט זיך מודה!...

זי האָט זיך געאיילט צו ענטפערען, אַז איינמאָל גלוסט זיך איהר ניט שלאָפען, און, צווייטענס — אַז איך האָב אַ טעות אין איהר, ווען איך מיין, אַז זי וואָלט זיך געשעמט מיך צו פאַרלאָזען, ווען איהר זאָל זיך גלוסטען שלאָפען.

איך האָב זיך פון איהר דערשלאָגען דאָס, וואָס מ'קען זיך מיט אַזעלכע ווערטער, ווי איך האָב איהר געזאָגט דערשלאָגען. קיין אַנדערע ווערטער, וואָס זאָלען זי קאָנען פעסטער איבערצייגען, אַז מיר איז זעהר אָנגענעם מיט איהר צו זיצען, נאָר איך האָב נאָר מורא, טאָמער איז עס איהר ניט אנגענעם, וואָלט שוין, דאַכט זיך, דער גרעסטער חכם ניט געקאָנט צוטראַכטען, און מיר איז שוין די מעשה שטאַרק געפעלען געוואָרען (אַנדערש קאָן איך עס איצט ניט באַגרייפען), און איך האָב צוגעשטוקעוועט:

— ניין, איך מיין ערנסט: גיי שלאָפן!... — און, צורו־קענדיק זיך צו איהר, צוגעגעבן: — אַ שטייגער, ווען אייער טאַטע אָדער די מאַמע... ווען איינער פון זיי גייט איצט אַריין און טרעפט אייך אַזוי שפּעט זיצן?...

— נו, וואָס וואָלט געווען? — האָט זי מיט גרויס מיידעלשער זעלבסטשטענדיגקייט געפרעגט.

— איך ווייס? איך פרעג אייך!

— גאָרנישט! מיינע עלטערן זיינען ניט אַזעלכע מענשען. איהר מיינט, אַז אין די קליינע שטעדטלאַך האָט מען שוין מורא פאַר אַ מענשען?...

— ... איך ווייס? — האָב איך אין דער וועלט אַריין געזאָגט, דערשטיקענדיג אַ געניץ.

— דאַכט זיך מיר, איהר דאַרפט שוין קענען מיין טאַטע־מאַמע! — האָט זי מיט אַ פיל דייטליכען בליק געזאָגט. קענטיג, געמיינט אָנצומערקען וועגען דעם, וואָס איך בין זיך אָפּט אַזוי שפּעט מיט איהרע עלטערע שוועסטער פאַרזעסען.

איך בין פאַרלאָרען! האָב איך פאַרדראָסיג שווער געטראַכט, ווי איך וואָלט שוין איבער זיך גאָר קיין שליטה ניט געהאַט. איך גיי שוין היינט ניט שלאָפען, און געזאָגט האָב איך צו איהר:

— וואוילע טאַטע־מאַמע ביי אייך!... וואָס טוט איהר אַ שטייגער, ווען איך נעם אייך אַרום און גיב אייך אַ קוש?!

איך בין אַזוי ווייט געווען פון צו טאָן דאָס געזאָגטע, נאָר ווייל זי האָט געשוויגען, האָב איך עס שוין ניט געקאָנט ניט טאָן: איך האָב זי אַ קוש געטאָן גלייך אין מויל אַריין...

עס האָט אין ערגעץ ביי מיר קיין געפיהל ניט גערירט, און בין ווי פריהער צו איהר גלייכגילטיג און קאַלט געבליבען. נאָר דאָס יונגע נאַאיווע מיידעל האָט ליידענשאַפטליך אויף מיינע אַקסעל ביידע הענט פאַרוואָרפען און מיך אַ ציה געטאָן צו זיך, און שוצלאָז פאַרוואָרפען איהר קאָפּ אויף מיין ברוסט.

— איהר האָט מיך ליב? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואָס, טאַקע? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט, פאַר־מעליך באַפרייענדיג זיך פון איהרע הענט, און זיך באַלד פריי דער־פיהלט פון יענעם אומדייטליכען געפיהל, וואָס האָט מיך אַ פּאָר שעה צוגעבונדען צו איהר — איהר האָט מיך ליב?

איך האָב אַ פּאָר מינוט געהאַלטען איהרע הענט אין מיינע און געקוקט איהר אין די אויגען אַריין, און אַ חוץ רחמנות האָב איך צו דעם מיידעל גאָרנישט געפיהלט, און דאָס וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, נאָר ניט געקאָנט, האָב איך איצט אָהן שווערינקייטען געזאָגט:

— נו, מיר איז שוין צייט שלאָפען געהן!... אַ גוטע נאַכט!

פאַרטאָג בין איך שוין געפלויגען מיט'ן „ברנער'ס" פערד איבער'ן ווייסען ברייטען סטעפּ, און געטראַכט און געשמייכעלט האָב איך פון מיין אכסניה און פונ'ם מיידעל. און אַ טראַכט גע־בענדיג, אַז איך וועל קומען אין אַ פּאָר יאָהר אַרום און וועל טרעפען נאָר די אַלטע צוויי סטראָקאַטשעס, איז מיר דאָך טריב אויפ'ן האַרצען געוואָרען. די יוגענד געהט אַוועק, דאָס לעבען שטעהט ניט.

— מאָטעל, — האָב איך געזאָגט צום פורמאַן, — קאַרג ניט קיין שמיצעל די פערד. אַזוי ווי די נבלות, אַזוי קריכען זיי!... אַך, צום טייוועל!...

## צו־גאַסט.

פון ווייט האָב איך אָפּגענומען א גרוס: ציפּקע האָט חתונה געהאַט, גענומען זעהר א פיינעם יונגענמאַן און ס'לעבט זיך איהר זעהר גוט.

— טאַקע? — האָב איך מיט א „ויחד" געפרעגט. — און וואָס איז דער יונגערמאַן?

דער, וואָס האָט עס מיר דערצעהלט, איז געווען מיינער א גוטער באַקאַנטער, האָט אויך געקענט ציפּקע'ן און געוואוסט, אז זי איז מיידעלווייז געווען אין מיר פאַרליבט און אז איך האָב זי קאַלטבלוטיג אָפּגעשטויסען פון זיך, און ער, ניט זייענדיג גלייכ־גילטיג צו ציפּקע'ן, האָט מיך געאייפערט צו איהר און איז קענטיג געווען צופרידען, וואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערען, און מערקווירדיג: עפּעס האָב איך זיך טאַקע ווי באַליידיגט געפיהלט.

ער קען איהם ניט, דעם יונגענמאַן, נאָר האָט געהערט זאָגען — זעהר א פיינער, זעהר א לייטישער, און האָט מיר מיט א שמייכעלע פאַרקוקט אין פּנים אריין...

— אָ, איך בין זעהר צופרידען... אז איהר וועט זי זעהן, זאָלט איהר איבערגעבען א הארצליכען מזל־טוב.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך עס שוין געהערט פאַר איהם, און, כ'לעבען, איך וויים ניט, נאָך וואָס האָב איך איהם געמאַכט אַן אָנשטעל, אז איך הער עס דאָס ערשטע מאָל...

אין א יאָהר צוויי אַרום נאָך ציפּקע'ס חתונה, בין איך צופעליג אַראָפּגעפאַלען אין דער שטאָדט, וואו ציפּקע האָט זיך נאָך דער חתונה באַזעצט, און דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געווען: איהר מאַכען א וויזיט.

איך האָב מיך פאַרפּוצט, און כאָטש איך בין געגאַנגען צו איהר אָהן אַ באַשטימטען ציעל, האָב איך דאָך ניט געוואָלט טרעפען דעם מאַן איהרען אין שטוב.

איך בין שטעהן געבליבען ביי אַ צוויי־גאָרנדיג מויערעל מיט צופּראַלטע פענסטער, געדיכט באַהאַנגענע מיט פאָרהאַנגען. אין אַ ווייטלע אָרום האָט זיך דאָרט פאַרשאַרט אַ פאָרהאַנג און ס׳האָט זיך באַוויזען אַ מאַנסבילשער קאָפּ מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער, ציפּקע׳ס מאַן, און בין אַ ווייטלע געשטאַנען אין פאַרלעגענהייט, צי זאָל איך פרעגען ביי איהם, וואו ס׳וואוינט ליבערמאַן, דאָס הייסט אויף איהם אַליין, אָדער איך זאָל גאָר איגנאָנצען אָפּציהען...

— וואו וואוינט דאָ הערר ליבערמאַן?

ער האָט מיר אַ ווייז געטאָן אויפ׳ן אויבערשטען גאָרן און איך האָב איהם הארצליך באַדאַנקט, ניט אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אָנגעוויזען וואו ליבערמאַן וואוינט, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ניט ציפּקע׳ס מאַן.

איך בין געשטאַנען אַ פּאָר מינוט הינטער דער טיר און האָב מיך געוואָלט פאָרשטעלען, ווי אַזוי וועט עס מיך ציפּקע אויפנעמען. ס׳ווענדט זיך געוויינליך פיל אָן דעם, צי איז דער מאַן איהרער דאָ אין שטוב, צי ניט. אויב ער איז דאָ... אויב ער איז ניטאָ... און וואָס וועל איך איהם זאָגען, אַז איך וועל איהם אַליין טרעפען? ס׳קאָן זיך גראָד מאַכען אַזוי: ער זאָל זיין און זי ניט...

— דאָ וואוינט הערר ליבערמאַן?

ציפּקע האָט מיך באַגעגענט מיט אַ גאַסטפריינדליכען שמייכעלע:

— אָ, אַ גאַסט!

די ערשטע באַגעגעניש איז מיר שוין ניט געפעלען געוואָרען... איך האָב געוואַרט אויף גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש... אַן ערגערע, אָבער אין תוך אַ בעסערע, אָדער גאָר אַ גוטע... זי האָט מיך באַגעגנט ווי אַ גוטען באַקאַנטען און ווי מיט אַזעלכען, האָט זי מיר גלייך באַוויזען, איז זי זעהר צופרידען.

זי האָט מיך אויפגענומען שטיל, געלאַסען, היימליך און פיין, און האָט זיך געהאַלטען אַזוי ווי אַ טאַקטישע יונגע פרוי דאַרף אויפנעמען אַ יונגענמאַן אין דער אַפוועזענהייט פון מאַן, געוואויגען און געמאָסטען, אַזוי ס'זאָל חלילה עפּעס ניט איינפאַלען דעם גאַסט אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַ באַליידיגונג פאַר'ן מאַן, און ווידער אַזוי, דער גאַסט זאָל זיין צופרידען. און געטאָן האָט זיך עס ביי איהר ,קענטיג, ניט געטראַכט, מיט געבוירענער ווייבליכער נאַטיר-ליכקייט, און פון דעם אַלעם האָב איך מיך שטאַרק באַליידיגט געשפּירט.

איך בין געזעסען ווי אַ שטומער, גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכ'ן אַנדערען, נאָר פון צייט צו צייט אַ וואָרף געטאָן אַ פראַזע: אַ „וואָס מאַכט איהר?", אַ „וואָס טוט איהר?" און נאָך עפּעס עהנליכעס. דערפאַר אָבער איז זי שוין פיל באַרעדעוודיגער געווען פון מיר. אין אַלגעמיין האָב איך דערקענט אָן איהר, אַז זי איז שטאַרק צופרידען מיט איהר לעבען און צופרידען, וואָס איך זעה זי אַ צופרידענע... זי האָט געשיינט, און כאָטש זי האָט זיך גאַנץ ווינציג געענדערט, האָב איך דאָך אין איהר עפּעס אַ פאַרענדערונג געשפּירט... דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך צו איהר שטאַרק גע-צויגען. אָט די אַלטע באַקאַנטע איז פאַר מיר אינגאַנצען אַ נייע געוואָרען. זיצענדיג ביי איהר, האָב איך געטראַכט און זיך דער-מאָנט, ווי איך האָב זי אַזוי קאַלטבלוטיג, אויף וואָס אַ מאַנסביל איז נאָר פעהיג, זי אָפּגעשטויסען פון זיך, נאָר צייטענווייז פלעג איך מיט איהר מיטלייד האָבען: נעבאַך, אַן אומגליקליכע אויף איהר גאַנץ לעבען, און געוואָלט מיט'ן גאַנצען האַרצען, זי זאָל גליקליך זיין, און איצט, ווי משונה, איך האָב איהר דאָס גליק ניט פאַרגונען, בין אָפּגעזעסען אַ פערטעל שעה און האָב אויף איהר מאַן ניט געקאָנט פרעגען.

זי האָט געשטעלט אויבס אויפ'ן טיש. איך האָב אַלע מאָל ליב, ווען אַ יונגע דאַמע נעמט מיך אויף זומער מיט פרוכטען, דאָס איז זעהר אַן איידעלער כיבוד. ס'פרישט אָפּ און דערמאָנט עפּעס פריש און צייטיגס. נאָר דאָ האָב איך זיך פון כיבוד אָפּגעזאָגט:

— אַ דאַנק!

— איהר וועט שפּעטער דאַנקען! — האָט זי מיר גאַנץ היימליך געזאָגט און נאָך נעהענטער צו מיר צוגערוקט די פּיראַ־מידע מיט פּרוכטען.

עסען און שווייגען, איז איינע פון די אומאַנגענעמסטע זאַכען, ווען מ׳איז צו־גאַסט.

— וואו איז אייער מאַן? איך האָב זעהר געוואָלט קענען דעם מאַן אייערען...

— מיין מאַן איז אַ גאַנצען טאָג אין דער היים ניטאָ: ער קומט נאָר מיטאָג עסען.

— איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיט׳ן מאַן אייערען!

איך האָב עס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז זי זאָל מיינען, אַז דאָס איז דער גאַנצער ציעל פון מיין באַזוך, און זי האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— איהר ווייסט, איך האָב שוין אַ זון!

— וואָס טאַקע, איהר האָט שוין אַ זון, אַנו, ווייזט איהם נאָר!

— ער איז איצט אין דער היים ניטאָ, די אַם האָט איהם אַוועקגעטראָגען צו דער שוויגער.

— איך האָב געהערט זאָגען, אַז אייער מאַן איז זעהר אַ ליימישער מענש, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — און דער ערשטער געדאַנק מיינער, ווען איך בין אַהער אריינגעפּאָהרען אין שטאָדט אריין, איז געווען, זיך צו באַקענען מיט אייער מאַן...

איך האָב געטראַכט: זי איז דאָך אַ פרוי און ס׳וועט זי זיכער באַליידיגען, וואָס איך אינטערעסיר זיך מיט איהם מעהר, ווי מיט איהר.

זי האָט גאַנץ ווינציג גערעדט וועגען איהם. אַן אַנדערש מאָל וואָלט זי, נאַטירליך, גערעדט פון׳ם מאַן פיל מעהר... זי האָט גע־רעדט אַזוי פיל, וויפיל אַ יונגע, טאַקטישע פרוי באַדאַרף רעדען ביי זיך אין שטוב מיט אַ יונגען גאַסט, ס׳זאָל קיינער ניט באַליידיגט ווערען.

איך האָב זיך אויפגעהויבען.

— איז אייער מאַן, זאָגט איהר, אַ גאַנצען טאָג אין דער היים ניטאָ?

— ער קומט נאָר מיטאָג עסען.

— און ווען קומט ער אין אָוונט אַהיים?

— אַכט אַזייגער.

— און קיינמאָל ניט שפּעטער?

זי האָט מיט אַן אומרוהיג פייערעל אין די אויגען און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען געענטפערט:

— ער קומט אַמאָל שפּעטער, ער האָט אַמאָל ליב כאַפּען אַ קערטעל.

— זומער, קאָרטען?

— ס'טרעפט אַמאָל. ניט אָפט. גוטע ברידער פאַרשלעפּען איהם.

איך האָב מיך גאַנץ אומהיימליך אַרומגעדרעהט אין שטוב. איך האָב געפיהלט, אַז ס'איז שוין צייט אַוועקצוגעהן, אַז איך בין איהר שוין אינגאַנצען איבעריג, אַז זי וואָלט שוין געוואָלט פון מיר פּטור ווערען, נאָר מיר האָט זיך ניט געגלוסט אַוועקגעהן פון דעם שעהנעם, ליכטיגען און אויסגעפּוצטען זאַלכען, וואו ס'האָט זיך געפיהלט אַ שטיל געמיטליך פאַמילען לעבען, און עפּעס אַ מין רעכטליך נחת רוח'דיג געמיט איז געווען צוגאָסען אין יעדען ווינקעלע. ס'האָט זיך געפיהלט, אַז די בעל־הבית'טע איז אַ יונגע, אַז ס'איז איהר ליב די שטוב, ליב דער מאַן און ס'האָט מיר עפּעס וועהטאָגדיג באַנג געטאָן... דאָס האָט געקאָנט זיין מיינס... און איך האָב איהם מקנא געווען, יענעם, דעם אומבאַקאַנטען מאַנספּערזאָן, און מיר האָט זיך געוואָלט וויסען, צי ס'איז נאָך ערגעץ פאַרבליבען ביי איהר אַ פונק ליבע צו מיר, און איך האָב פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— אמת, ס'איז גרינגער אַ דימענט אויפ'ן אָפּגרונט פון ים צו געפינען...

— איידער וואָס?

איך האָב אַ קוק געגעבען אויפ'ן זייגער.

— אָ, איך האָב מיך דאָ לאַנג פאַרזעסען ביי אייך.

איך האָב איהר געגעבען די האַנט, זי פאַרהאַלטען לענגער, ווי מ'באַדאַרף, און געפיהלט, ווי איך גליה פון איהר נאָהענטקייט. זי האָט מיר מיט אַ שמייכעלע געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און דערקענט האָב איך אין איהר, אַז זי פיהלט זיך אַזוי פריי און רוהיג נעבען מיר... איך האָב איהר פאַרקוקט אין די אויגען אַריין און האָב דאָרטען אַ חוץ גוטמוטיגער גאַסטפריינדליכקייט גאָרנישט געפונען.

באַגלייטענדיג מיך צו דער טיר, האָט זי געזאָגט:

— אויב איהר פאַרבלייבט דאָ אַ לענגערע צייט, בעט איך אָפּט אַריינקומען, — און איך האָב פון יענער זייט טיר געזאָגט:

— גריסט אייער מאַן אומבאַקאַנטערהייט.

— אַ דאַנק! — האָט איהר קול אַ הילך געטאָן איבער די ליידיגע קאָרידאָר־ווענט.

אַראָפּלאָזענדיג זיך פון אַ פּאָר טרעפּלאַך, האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַ דיקער גויע מיט אַ קינד אויף די הענט און אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך מיט דער גויע און קינד באַגעגענט, האָט ציפּקע מיט אַ יונג־ווייבליכען קוויטש, מיך אַ רוף געטאָן, איך זאָל שטעהן בלייבען, דער זון איהרער געהט!

איך בין עטליכע מינוט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דער גראָבער גויע און געגלעט דאָס קינד, גערעדט צו איהם, געסיאַקעט, בכלל געטאָן אַלץ וואָס מ'טוט מיט אַ קינד, נאָר איך האָב עס גע־טאָן געגען מיין ווילען. איך האָב עס געטאָן נאָר דערפאַר, ווייל ניט טאָן דאָס האָב איך ניט געקאָנט.

נאָך אַמאָל געזאָגט „זייט געזונט" און נאָך אַמאָל באַקומען אַן ענטפער „פאָהרט געזונט" — בין איך געשווינד פון די טרעפּ אַראָפּ און האָב צו זיך אַליין אויפ'ן קול אַ זאָג געטאָן:

— אידיאָט!

## „ניט מיט אַלעמען".

אסתר׳קע טראָגט שוין לאַנג אַ שווער האַרץ אויף דער מאַמען אויף איהרער דערפאַר, וואָס זי, די מאַמע איהרע, האָט אַלע מאָל אַ קינד און זי, אסתר׳קע, האָט אַן אַרבייט מיט זיי זיך צו ניאַנטשען.

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס גאַנצע ביטער האַרץ איהר׳ס לאָזט זי אויס צו די קינדער, צו די קלענערע און שוואַכערע פון איהר. טאַטע־מאַמע זיינען גאַנצע טעג אין שטוב ניטאָ, פאַרנומען, פאַרטראָגען מיט פרנסה. בלייבט זי אַליין מיט די קינדער, מיט דער מאַמע׳ס קינדער און פאַרנאַכט, ווען טאַטע־מאַמע קומען, פאַרקלאָגען זיך די קינדער פאַר טאַטע־מאַמע, הויבט זיך אָן אַ פרעגעניש פאַרוואָס און פאַרווען, און זי ברעכט זיך נעבאַך אַלע מאָל דעם קאָפּ, אַלע מאָל אַ נייעם תירוץ צוטראַכטען.

אַז די מאַמע הויבט אָן צו ברעכען און ווערט להוט נאָך נאַשערייען, אַז איהר ווילט זיך קייען און עסען אַזעלכע זאַכען, וואָס ניט אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר ווילט זיך עם איהר, ווייס שוין אסתר׳קע, אַז אויף איהר קאָפּ וואַקסט שוין אַ נייע צרה ביי דער מאַמען, זי האָט עס אַמאָל געהאַט געפרעגט ביי איהר, האָט צייטיג אַ געוויסע באַפרידיגונג פון דעם, וואָס די מאַמע ליידט... זאָל זי וויסען!...

זי איז שוין צוועלף. דאָס דרייצעהנטע יאָהר באַלד און זי ווייס נאָך אַלץ ניט פון וואַנען און פון וואס דאָס נעמט זיך צו דער מאַמען, זי האָט עס אַמאָל געהאַט געפרעגט ביי איהר, האָט איהר יענע געהאַט געענטפערט, אַז דאָס איז פון הויוועז... זי טרינקט הויוועז, ווערט איהר גרויס דער בויך און דערנאָך ווערט דערפון אַ קינד געבוירען.

אַ לאַנגע, לאַנגע צייט געדענקט אסתר'קע ווי זי האָט גע־ציטערט פאַר הויוועז. זי האָט דאָך אַלע דאַנערשטאָג געזעהן ווי ס'טראָגט די ראַשטשינע אין מולטער און אַליין געזעהן פרייטאָג אין דער פריה ווי די מאַמע קייקעלט, קנעט און קוועטשט אַ קיילעכדיג שטיק טייג אין מולטער, וואָס האָט טאַקע אויסגעזעהן ווי אַ בויך. וואָכען און חדשים האָט זי געטראַכט און געטראַכט פון דער גרויסער כשופ'דיגער מאַכט פון די הויוועז וואָס זיי טוען אויף אין מולטער אַלע וואָך, און ביי דער מאַמען אין בויך כמעט ווי אַלע יאָהר. און איינמאַל, ווען די מאַמע האָט צופיהרט די הויוועז און זיך אָפּגעדרעהט און זי איז אַליין ביי די הויוועז גע־בליבען שטעהן, האָט עס איהר געצויגען אַ טרונק צו טאָן. זי האָט טאַקע מורא געהאַט און פון דעסטוועגען האָט עס אין איהר שטאַרק צוגערעדט, עפּעס אַ מין יצר הרע, זי זאָל אַ זופּ טאָן פון טאָפּ אָט די וואַרימע פליסיגקייט, וואָס האָט אַרויסגעזעצט מיט אַזאַ שמעקעדיגער וואַרימקייט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז... ביז זי האָט זיך פיין אָנגעזופּט.

ס'איז אַוועק טעג, וואָכען און חדשים און די קליינע, דאָן אַ ניין־יאָהריגע מיידעלע, האָט געהאַלטען אין איין טאַפּען, אין איין גלעטען דאָס בייכעלע איהר'ס... זי האָט זיך וואָכען און חדשים לאַנג געפּוּנען אין אַ צושטאַנד פון אומבאַגרייפליכען פרייד מיט שרעק געמישט. עפּעס ביידע צוזאַמען ווי איינס... די פרייד האָט געשראָקען און די שרעק האָט געפרעהט... און עפּעס אַזוי זיך כסדר פאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס איהר ערוואַרטעט, וואָס זי, נאָך אַליין אַ קינד, וועט ווערען אַ מאַמע.

אַז ס'איז אָבער אַוועק אַ יאָהר און ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע איהרע האָט זי אָפּ־גענאַרט. דערצו איז איהר פאַר דעם יאָהר צוגעקומען אַזוי פיל שכל, אַז זי האָט פאַרשטאַנען די גרויסע נאַרישקייט איהרע, אַז פון הייוועז קען קיין קינד ניט ווערען... ס'איז דאָך עפּעס דאָ אַ טאַטע... האָט דער טאַטע מסתמא אויך אַ שטיקעל חלק אין קינד... האָט זי זיך אָנגעהויבען צוצוקוקען און געזעהן... (ס'הייסט

פריהער, איידער זי האָט זיך אָנגעהויבען צוקוקען האָט זי דאָס אויף געזעהן). דער טאַטע גלעט דער מאַמען... זיי עסען פון איין טעלער, זיי זיצען אַזוי איינס נעבען דאָס אַנדערע צוגעטוליעט. פריהער האָט זי די אַלע זאַכען גאָר ניט געשענקט קיין אויפ־מערקזאַמקייט. שפּעטער אָבער... נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבער־צייגט, אַז די מאַמע האָט זי אָפּגענאַרט, האָט זי אָנגעהויבען נאָכשפּירען ביידען, דעם טאַטען מיט דער מאַמען, און דער עיקר ביינאַכט... ווייל זי האָט זיך עפּעס אַ פּאָר מאָל געכאַפּט, אַז ביינאַכט בלייבט זי אַליין ליגען אין בעט... דורכ'ן שלאָף גע־פיהלט ווי דאָס בעט בלייבט פריי און ליידיג. דערנאָך, אין אַ געוויסער צייט אַרום ווערט איהר ווידער איינגלאָך... זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל דערשראָקען און זיך צואַווייגט און געזוכט דעם טאַטען אין בעט, איז דער טאַטע פון ערגעץ געקומען צושפּרינגען און האָט זיך אַריינגעלעגט און זי באַרוהיגט.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — האָט ער געזאָגט און זי געגלעט.

אָט דאָס פאַרשווינדען זיינס איז איהר אַריין אין נאָז. וואו קומט ער אַהין? פריהער האָט זי זיך ניט אַריינגעטראַכט וועגען דעם. לעצטענס, אַז עס טרעפט, זי כאַפּט זיך אויף און געפינט ניט דעם טאַטען אין בעט. הערט זי זיך איין און אַמאָל שטעלט זי זיך אויף די קני און קוקט אַריבער אין יענער זייט, וואו ס'געפינט זיך דער מאַמע'ס בעט און וואו זי הערט ווי עס באַ־וועגען זיך און שלאָפען ניט און האַלטען זיך שטיל צוויי מענשען, וויים זי שוין, אַז דאָרטען איז דער טאַטע.

און פון דעמאָלט אָן, ווען זי האָט זיך עס דערוואוסט, קען זי ניט קוקען דער מאַמען אין די אויגען אַריין... זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך וואָס זי וויים און וואָס די מאַמע...

יאָ, איז וואָס איז, פון דעם קומט עס איהר אַזוי אָפט צו אַ ברודעריל אָדער אַ שוועסטעריל?... דאַרף מען טאַקע זעהן זיי שטערען... און ווען זי האָט נאָר דערשפּירט, אַז דער פּאָטער הויבט אָן אַרויסצוקריכען פון בעט, האָט זי זיך צוגעוואַלדעוועט.

האָט זי וואָס געפּועל'ט, האָט מען זי באַלייגט באַזונדער, אויף אַ באַזונדער געלעגער און זי האָט שוין זעהר גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מ'באַלייגט זי באַזונדער און ווי ווייט מעגליך זי האָט געקענט האָט זי זיך געסטאַרעט ניט איינצושלאָפען און ווי נאָר זי האָט באַמערקט, אַז ס'ווערט דאָרטען עפּעס אומרוהיג צווישען טאַטע־מאַמע, האָט זי זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען אויפ'ן געלעגער.

ווען ס'האָט אַזוי געטראָפען איין מאָל און אַ צווייטען מאָל, זיינען טאַטע־מאַמע אומרוהיג געוואָרען.

— וואָס איז דאָס מיט דער מויד געוואָרען?

דער פאָטער האָט שוין לאַנג געהאַט אויף איהר אַן אויג, אַז עפּעס האָט זי אַזוי אָנגעהויבען נאָכקוקען פון אונטער די ברעם ווען נאָר ער האָט באַוויזען צוגעלאָזטקייט צו דער מוטער... ער האָט זיך אין אַזעלכע מאָמענטען אָפּט און עפּטער מיט איהר בליק אָנגעהויבען צו טרעפען.

— דער שווארצער יאָהר וויים איהר...

טאַטע־מאַמע האָבען אָנגעהויבען פיהלען געדריקטקייט און אַנגסט פון אַ קינד, פון אַ צוועלף יעהריגע מיידעל, וואָס ליגט דאָרטען באַזונדער אויף אַ געלעגער און מ'ווייס ניט צי זי שלאָפט צי ניט. אַליין נאָך גאָר יונגע מענשען געוועזען און געפיהלט אַ גרויסע שטערונג אין ביינינאַכטיגען צוזאַמענטרעפען זיך...

— די מויד שלאָפט?... דאַכט זיך, אַז זי שלאָפט ניט...

זיי האָבען גערעדט צווישען זיך זעהר שטיל. אסתר'קע האָט ניט געהערט וואָס זיי רעדען, געמיינט גאָט וויים וואָס טאַטע־מאַמע קענען צווישען זיך רעדען ביינינאַכט און געוואָלט הערען. האָט זי זיך איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אויפגעזעצט און זיך איינגעהערט. ביז ס'איז באַמערקט געוואָרען.

— זעה נאָר, די מויד זיצט, דאַכט זיך — האָט די מוטער געזאָגט צום פאָטער.

דער פאָטער איז וויים און באָרוועס צוגעגאַנגען צו אסתר'קען:

— וואָס זיצסטו, וואָס, הא?

זי האָט ניט געענטפערט און דער פאָטער איז נאָך בייזער געוואָרען.

— וואָס זיצסטו, וואָס? פרעג איך ביי דיר, פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

זי האָט אַלץ ניט געענטפערט, האָט דער פאָטער פון גרויס כעס זי אָנגעכאַפּט בייביידע הענט, זי אַ שלעפּ געטאָן אַראָפּ פון געלעגער און זי אַרויסגעוואָרפען אין קיך.

---

פון דעמאָלט אָן איז איהר שטענדיג אָרט צו שלאָפען אין קיך געוואָרען. טאַטע־מאַמע האָט אפילו זעהר געערגערט וואָס זי שלאָפט אין קיך, נאָר געגען זייער אייגענעם ווילען האָבען זיי געמוזט דאָס פאַרקוקען און פאַרשווייגען און מעהר קיין חדרים האָבען זיי ניט געהאַט ווי בלויז די גרויסע שטוב מיט דער קיך און וואָלט זי אַליין גענומען און זיך באַלייגט דאָ אין שטוב, וואָלט מען איהר ניט געטשעפּעט, האָט זי דאָס אַליין אויך ניט געטאָן, האָט עס פאַרדראָסען דעם טאַטען. ער האָט געזעהן אין דעם, אַז זי איז אַ גרויסע שטיק נערבע, אַז איהר איז דאָס ניחא, ווייל זי ווייס, אַז ס׳קרענקט טאַטע־מאַמע און געזעהן, אַז זי האָט עפּעס פאַרדרוס אויף זיי...

— דער שווארצער יאָהר זאָל איהר ווייסען. וואָס טוט זיך עס מיט איהר, וואס?

— זאָג נאָר דו...

ער האָט ניט געוואוסט ביי איהר וואָס צו פרעגען... ער האָט זיך אַליין אביסעל שולדיג געפיהלט אין דעם, וואָס ער האָט זי אַרויסגעוואָרפען אין קיך. אי וואָס? וועגען דעם האָט ער געזאָגט צו דער מוטער:

— פון איהר חיות זאָל זי אַזוי ווייסען ווי זי ווייס, וואָס מיט איהר טוט זיך.

און דער סוף איז געווען, אַז ער איז צוגעשטאַנען צו דער מיידעל מיט טענות:

— זאָג מיר נאָר דו, פאַרוואָס שלאָפסטו אין קיך, פאַרוואָס?

— פאַרוואָס האָסטו מיך אַרויסגעוואָרפען?...

ער האָט אַ היבשע צייט ניט געוואוסט, וואָס איהר צו ענטפערען. ענדליך האָט ער אויסגעפונען:

— פאַרוואָס שלאָפסטו ניט, פאַרוואָס? אַזאַ מיידעלע ווי דו, אַז דו לייגסט זיך אַוועק, דאַרפסטו שלאָפען... וואָס איז פאַר אַ זיך אויפזעצען ביינאַכט און זיצען?

און מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיגט. סיי דער טאַטע, סיי די טאָכטער האָבען אויסגעמידען און זיך אָפּגעהאַל־טען פון ווייטער פאַרטצוזעצען דעם שמועס וואָס איז פאַר ביידען שטאַרק ניט אנגענעם געווען.

ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל ביינאַכט אַראָפּגעכאַפּט אין קיך געוואָהר ווערען ווי איהר שלאָפט זיך דאַרטען און דאַכט זיך געהערט און זי געזעהן שלאָפען, און דאָך אַלע מאָל אַוועק מיט אַן איינדרוק, אַז די מיידעל שלאָפט ניט, אַז זי ליגט נאָר אַזוי שטיל און הערט זיך איין און איז אַלע מאָל געקומען צו דער מוטער מיט אַ בייזען ראַפּאָרט:

— דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט איהר דאָרטען!...

— וואָס־זשע, זי שלאָפט ניט? — האָט די מוטער אומרוהיג געפרעגט.

— דו ביזט דאָך אַ מאַמע, געהט מען אַראָפּ און מען גיט אַ קוק.

האָט די מוטער געמיינט, אַז דער פאָטער האָט עפּעס דאָר־טען געזעהן פון איהר, פון דער מיידעל, נאָר וויל עס פון איהר פאַרלייקענען. איז זי אַליין אַראָפּ און זיך אומגעקעהרט אין עטליכע מינוטען אַרום.

וואָס ווילסטו, זי שלאָפט דאָך!

— אַ נישט האָב איך דיר דען געזאָגט, אַז זי שלאָפט ניט?

---

די מאַמע איז געגאַנגען צו קינד, די מאַמע האָט געשריען געגוואַלדעוועט, און אַלע קינדער האָבען געוויינט און מיטגע־

שריען. און דער טאַטע איז פון צייט צו צייט צוגעגאַנגען אין א ווינקעל און זיך אויסגעוויינט. נאָר די קליינע אַליין האָט ניט געוויינט. זי האָט זיך אַרומגעדרעהט ווי א פרעמדע אין שטוב און ס'האָט איהר ניט געאַרט און ניט אָנגעהויבען צו ריהרען דער מאַמעס געשרייען און דעם טאַטענ'ס טרעהרען, פאַרקעהרט, ס'האָט זי גאָר בייז געמאַכט, און דעם גרויסען, בייזען טאַטען האָט זי ניט געקענט אָנקוקען, וואָס ער שטעהט און וויינט... ווי־פיל מאָל האָט זי איהם שוין געזעהן וויינען, און ווייטער און ווידער אמאָל דאָס אייגענע... געקומען די צייט צום שלאָפען, איז זי זיך ווי א פרעמדע אַוועקגעגאַנגען אין קיך און האָט זיך געמאַכט דאָס געלעגער איהרס, און אזוי ווי זי האָט זיך נאָר אַוועקגעלעגט, איז זי גלייך אַנשלאָפען געוואָרען, אָבער מיט אַן אומרוהיגען שלאָף... זי האָט אין קוימען געהערט עפּעס א גע־רודער, געשרייען און גוואַלדען, ווי צעהנדליגער לצים און שדים וואָלטען זיך צוזאַמען געשטיקט דאָרטען און ניט געקענט אריין און ניט אַרויס... עפּעס האָט דאָרטען איינער צווישען אַלע גע־שריען מיט א פאַרדומפּען שוואַרץ־קול און פונ'ם קול אַרויס האָט זיך געשאָטען סאַזשע... ס'הייסט, אז דאָס קול און די סאַזשע, וואָס האָט זיך געשאָטען, איז געווען איין און דיזעלבע זאַך...

דער בייזער חלום האָט זיך לאַנג, לאַנג געצויגען און זיך אויסגעמישט מיט דער ווירקליכקייט, וואָס איז פאַרגעקומען אין שטוב, און זי איז געווען זיכער, אז דאָס זיינען געקומען די שדים צו דערוואַרגען דאָס קינד וואָס די מאַמע האָט געהאַט (אין שלאָף איז זי געווען זיכער, אַז די מאַמע האָט שוין געהאַט דאָס קינד), און ניט קוקענדיג אויפ'ן גאַנצען שרעק, וואָס זי האָט דורכגעלעבט אין שלאָף, איז זי דאָך זעהר צופרידען געווען.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין ווירקליך געווען נאָך אַלעמען. ס'איז שוין געווען שטיל און פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערען דאָס געוויין פון ניי־געבוירענעם קינד. דורך דער אָפענער טיר, וואָס געהט פון דער קיך אין שטוב אריין, האָט זי געזעהן ווי עס באַוועגען זיך שאָטענס און מענשען, און געשפּירט,

אז ס׳לעבט שוין ווידער דארטען עפּעס א נײ לעבען און אז ס׳איז שוין ווידער צוגעקומען א נײ פאַרשווינדעל אויף איהר קאָפּ, און וואָס מעהר א נפש ס׳ווערט געבוירען, ווערט זי אַלץ איבעריגער ווי א קינד און ניצליכער ווי א ניאַנקע... דאָס האָט איהר זעהר וועה געטאָן און דאָס יונגע הערצעלע איהרס האָט זיך געבעטען זיך אויסצואווײנען... זי האָט אָבער ניט געהאַט פאַר וועמען. זי האָט געפיהלט, אז טאַטע־מאַמע זײנען איהר אזוי פרעמד, ווי זײ וואָלטען איהר גאָר אינגאַנצען קײן טאַטע־מאַמע ניט געווען, ווי זי וואָלט גאָר אינגאַנצען אזעלכע ניט געהאַט. ווי זי וואָלט געווען א יתומה, א קײלעכדיגע יתומה אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמען.

זי איז אראָפּ פון בעט אין אײן העמדעל און זיך אוועקגע־שטעלט הינטערן קוימען, פאַרלעגט די הענט אויפ׳ן פריפּעטשאַק און זיך אײנגעהערט ווי עס בלאָזט און ס׳הודיעט דאָרטען דער ווינט אין דער שווארצער חלל פוסטקײט, וואָס ציהט זיך פון דאַ־נען ביז ארויף, העט ארויס איבערן דאַך אין דרויסען ארויס... ס׳איז שרעקליך געווען צו שטעהן דאָרטען, און באַזונדערס נאָכ׳ן חלום. אָבער זי איז געשטאַנען צוליב א צו להכעיס: זאָל ווער זיך באַווײזען פון שטוב און זי זעהן דאָ שטעהן ווי זי שטעהט אָן אומגליקליכע, א פאַרלאָזטע, א פאַרגעסענע פון טאַטע־מאַמע.

דער פאָטער איז ווירקליך אַרײנגעקומען און זיך דערשראָ־קען:

— אָ, ווער איז דאָרטען?

און פאַרשטאַנען באַלד ווער דאָס איז, איז ער ארײן צוריק אין שטוב און געזאָגט דער קינפּעטאָרין, וואָס איז נאָך געלעגען אין די פולע וועהטאָגען פון איהרע ערשטע נאָכוועהען:

— זי שטעהט דאָך!

— וואו, ווער... וואו שטעהט זי? — האָט די קראַנקע קינפּעטאָרין געפרעגט.

— די טאָכטער דײנע הינטער׳ן קוימען!...

די באָבע, וואס האָט דאָס קינד גענומען, האָט זיך דערשראָ־
קען פאר'ן וואָרט קוימען און אומרוהיג געפרעגט:

— הינטער'ן קוימען? וואס עפּעס הינטער'ן קוימען?

און דאָ איז דעם טאַטען איינגעפאלען, אז זי איז ניט מיט
אַלעמען... אז א מיידעל קען אין מיטען דער נאכט און נאָך ווען,
אין אזא צייט, זיך נעמען און זיך אַוועקשטעלען הינטער'ן קוי־
מען, איז שוין זיכער ניט גלאטיג מיט איהר. און באַהאַלטענדיג
דעם אומרוהיגען געדאנק ביי זיך, איז ער אריין אין קיך און זי
אָנגענומען פאמעלעך און צאַרט ביי א הענטעלע און זי מיטגע־
שלעפּט מיט זיך אין שטוב אריין, און צופיהרענדיג איהר צום
בעט האָט ער געזאָגט צו איהר:

— גיב אָפּ דער מאַמען מזל טוב!...

זי האָט זיך אויסגעריסען פון זיין האנד א שווייגענדיגע, א
פארביסענע און דער טאַטע האָט זי אָנגעקוקט און שוין גאָר
שטאַרק אומרוהיג געטראכט וועגען איהר:

„זי איז ניט מיט אַלעמען".

# צווישען אייגענע.

עס טרעפט אמאָל, א מיידעל פארזיצט און קיינער ווייס ניט און דאָס מיידעל אליין ווייסט אויך ניט פאר וואָס זי איז פארזעסען. דאכט זיך, א שעהן מיידעל געווען, האָט אפילו א פּאָר ליבעס געשפּילט און גאַנץ היפּשלאך אויפ'ן קנאַפּעל זיך געדרעהט און איז דאָך פארזעסען.

אזוי איז דאָס פאָרגעקומען מיט רבקה'ן, מיט דער העלדין פון דער ערצעהלונג. די העלדין רבקה, וויל אפילו זיך און אנ־דערע איינריידען, אז זי איז אליין אינגאַנצען שולדיג אין איהר פארזיצען; זי וויל זיך און אנדערע איינריידען, אז זי איז גע־ווען „צו פּאַררישען", זעהר היימ געבאָדען... ס'איז אננגענעהם, פארשטעהט זיך, זיך אליין צו באַשולדיגען, איידער די יעניגע וואָס האָבען זיך אויף איהר יונג־מיידעלשען האָריזאָנט געוויזען און אומבאמערקט פארשוואונדען געווארען. אָבער... (דאָס וויל זי אויך זיך אליין און אנדערע איינריידען) זי בענקט ניט נאָך זיי... אויף אַ גוטער כּפּרה באַדאַרף זי זיי האָבען... מ'קען לע־בען אָהן זיי אויך...

ווען זי וואָלט געוועזן געוואָלט, וואָלט זי דאָך געווען חתונה געהאַט פאר איינעם פון די יעניגע, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום איהר... איז האָט זי ניט געוואָלט, וויל ניט און וועט ניט וועלען. איהר פאַרדריסט נאָר, וואָס די מאַמע איהרע וויל איהר פארלייקענען א פּאָר יאָהר, טענה'ט זי אין איהר, דער מאַמע אריין:

— מילא, מאַמע, אז דו ווילסט פארלייקענען פאר אַנדערע מיינע יאָהרען פארשטעה איך נאָך, נאָר פאר מיר אליין!

דאָס האָט רבקה ניט פארשטאַנען און זיך איינמאָל אזוי

צורעדט און צואוואַרימט, איז שטאַרק אַריין אין אַלט־מיידעל־שער אַמביציע און צו דער מוטער אַזוי געזאָגט:

—איך זאָג דיר, מאַמע, אַז ס'וועט קומען אַ חתן מיך אָנ־קוקען וועל איך איהם זאָגען: יוונגערמאַן, איהר זאָלט וויסען זיין, פאַני חתן, אַז איך בין אַלט דרייסיג יאָהר. ווילט איהר, איז גוט, און אויב איהר ווילט ניט...

די מוטער האָט זיך דערשראָקען, זי האָט געגלויבט אין דער טאָכטער'ס ווערטער, אַז זי קען אַרוים מיט אַזאַ דיבור צום חתן (וואָס וועט ווען אַמאָל זי קומען אָנקוקען). זי איז זעהר אַ טראַנצעוואַטע. נו, האָט רבקה אַריינגעכאַפּט אַ פּאַרציע פון איהר. זי, רבקה, איז שוין אָבער געווען אין דער ראָלע פון דער יעניגער, ווען עס איז שוין געקומען אָנקוקען אַ חתן, איז האָט זי פאַרגעזעצט די ראָלע איהרע:

— איהר זענט אַ ליוועראַנט, יונגערמאַן? איהר זענט געקו־מען אָנקוקען אַ כלה, צי אַ פערד? איז נאַט, יונגערמאַן! וועל איך איהם עפענען דאָס מויל און זאָל ער מיר אַ אַריינקוקען אין די ציין אַריין...

די צוויי ברידער איהרע, אינגערע פון איהר, וואָס וואָלטען שוין אויך באַדאַרפט געווען לאַנג חתונה האָבען, נאָר וואַרטען אויף דער שוועסטער, פריהער די שוועסטער אַרויסצו'פּטר'ען, זיינען געווען דערביי און געהערט דער שוועסטער'ס אַלט־מויד־דישע און וואויל־מוידישע רייד און ס'האָטביידען אָפּגעאיבעלט פון די רייד פון איהרע. דער עלטערער, אַ פּראָסטער אָבער אַ גאַנץ געשליפענער בחור, האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דער שוועסטער'ס דיבורים און זיך געטראַכט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ צייט פון מיידעלשען עלטער, ווען ס'ווערט ביי זיי אָפּגענומען דער געזונטער מיידעלשער פאַרשטאַנד, פונקט ווי ביי אַ מענ־שען אין די אכציגער ווערט אָפּגענומען דער מענשישער פאַר־שטאַנד, און דערום האָט ער צו איהר גערעדט בזה הלשון:

— דו מיינסט דאָך, אַז דו ביזט שטאַרק קלוג? איז אויב

דו מיינסט אזוי, מיין איך אַנדערש, און ס׳איז מסתם אזוי ווי איך מיין און ניט אַזוי, ווי דו מיינסט.

גאַנץ פאַרזיכטיג גערעדט, אַט ווייל זי ליגט אויף זיינע פלייצעס, האָט ער מורא געהאַט עפּעס ערגערס און שאַרפערס איהר צו זאָגען, זי זאָל צומאָל ניט איבערטראַכטען, אז ס׳איז דערפאַר, ווייל זי ליגט איהם אויפ׳ן קאַרק. דער אינגערער, וואָס איז ניט געווען אזא גרויסער חכם, האָט זיך געוואָלט באַווייזען מיט זיין חכמה:

— האָסט זיך דערשראָקען! — האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער. — דו מיינסט, אז זי זאָגט שוין... לאָז ער נאָר קומען, דער חתן, און לאָז ער איהר נאָר געפעלען. איי, וועט זי פאַר־לייקענען א פּאָר יאָהרעלאַך!...

די שוועסטער האָט אויףביידען פאַרדרוס, אויף ביידע ברי־דער, וואָס זיינען אינגער פון איהר... ווען זי וואָלט אפילו געווען די עלטער, וואָס זי איז אַלט, נאָר ווען איין, כאָטש איין ברודער פון די צוויי וואָלט געווען עלטער פון איהר, וואָלט זי זיך שוין אינגער געפיהלט. איינצייטיג קירעוועט זיך איהר האַרץ ניט צו זיי דערפאַר, וואָס זיי זיינען איהרע ברויט־געבער... אז מ׳איז ביי טאַטע־מאַמע, איז קומט אויך א צייט, וואָס א מיידעל הויבט זיך אָן צו שעמען, וואָס זי איז ביי טאַטע־מאַמע און בפרט נאָך ביי ברידער. כאָטש, אז זי וויל צוריק א טראַכט טאָן, פאַרדינט זי זיך איהר שטיקעל ברויט ביי זיי. זי נעמט אָפּ די וועש (די ברידער האַלטען א וועשעריי), וואָס מ׳ברענגט צום וואַשען, פאַר־שרייבט און צייכענט אוים און גיט ווידער אַרוים די ריינע וועש. און אַמאָל, הינטער א שבת, אדער א יום־טוב, נעמט זי אפילו א פּרעסעל אין האַנט אריין... יאָ, דאָס טוט זי, ווי דער אמת איז, מיט איהר אייגענעם גוטען ווילען, און דערפאַר טויג עס טאַקע ערשט ניט; ס׳איז שוין אַלע מאָל אזוי: ווען ס׳האַלט ווער ווע־מען ביי זיך אומזיסט אין שטוב און דער וואָס ווערט אויסגע־האַלטען, טוט עפּעס מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען פאַר דער שטוב און פאַר די יעניגע, וואָס האַלטען איהם אוים, איז ווערט

אָט די ארבייט קיינמאָל אין אכט ניט גענומען. מעג די ארבייט ווערט האָבען, מי יודע וויפיל, איז בלייבט עס אַלץ אַן אומזיסטער עסער.

אזוי איז דאָס דאָ פאָרגעקומען מיט רבקה'ן. זי האָט זיך כשר פארדינט איהר עסען און ס'האָט דאָך אַלץ געהייסען, אז זי איז אומזיסט ביי די ברידער... פאר איין זאך, אָבער, דער־פאר, וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט חתונה האָבען פריהער פאַר איהר... דערפאר איז זיי יאָ געקומען קרעדיט אָבער גראָד וועגען דעם מאכט זי זיך איינגאנצען גע'פגר'ט...

---

פאַראַן נאָך אַ טאַטע אויך, אַ איד, אַ ר' דוד, וואָס איז תמיד אין דער היים און קיינמאָל אין שטוב ניטאָ. מיט דעם אידען־טאַטען, רעדט קיינער ניט אין שטוב.... ער דרעהט זיך ווי אַ קאָטער אין אַ שטוב, וואו ס'געפינט זיך דעם קאָטער'ס קאַץ מיט די קעצעלאך, און ער, דער קאָטער, גערט זיי פארביי מיט פרעמדקייט. קאַץ און קעצעלאך אין גאנצען פארטאָן אין זיך... עפעס אַזאַ קאָטערשע ראָלע האָט דאָ אין דער שטוב, ביי ווייב און קינדער, געשפילט דער איד, ר' דוד... איינגאנצען אַ זייטיגער, אַ פרעמדער, וואָס ווייס ניט און אינטערעסירט זיך ניט צו ווי־סען, וואָס אין שטוב צווישען ווייב און קינדער טוט זיך. האַלט זיך עפעס אזוי אין דער מעלה און גיט צו שפירען פון זיך עפעס אַ מין ראש חודש'דיגע שטימונג... עפעס יום טוב'דיגס און וואָ־כעדיגס אינאיינעם מיט אַן אויסדרוק אזעלכען, ווי ער וואָלט קיינ־מאָל קיין תחנה ניט געזאָגט. אַלע פריהמאָרגען נעמט ער זיך דעם טלית און תפילין הינטער'ן אָרים און גערט אוועק אין בית־המדרש. קומט ער — ווינטער שפעט אין אווענט; זומער — פארנאכט.

דאָס שווערסטע הארץ טראָגט אויף איהם רבקה... ס'טוט איהר אזוי וועה, וואָס דעם טאַטען אַרט ניט פאַר איהר, זי איז דאָך איין־און־איינציגע טאָכטער ביי איהם... זי פיהלט זיך אזוי פרעמד צו איהם, אז זי וואָלט זעהר לייכט איהם געקענט רופען

ביים נאָמען. און ס'פאַלט אריין אמאָל אזא באַגעהר צוגעהן צו איהם און אַריינפּייערען אין פּנים אריין:

— „רב דוד!"

ער האָט זיך פון יאָהרען לאַנג זיין פּרנסה, עפּעס אזא באַ־זונדערע און זייטיגע פון אַלע אידישע פּרנסות. זיין עובדה איז צו זאָגען קדיש נאָך טויטע און לערנען משניות נאָך פאַר־שטאָרבענע. פון דעם מאַכט ער פאַר זיך א לעבען, היט זיך אליין עפּעס וואָס אַנריהרען אין שטוב, עטוואָס טועם טעם זיין ביי ווייב און קינדער, און דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס גיט איהם די מעגליכקייטען זיך אַזוי אָפּגעשיידט צו האַלטען און זיך גוט פיהלען און וואָס באַווייזט אין יעדען קער און דרעה זיינעם, אז ער באַדאַרף קיינעם ניט האָבען. אמאָל קומט ער אהיים פאַר־קנאַקט, מיט די פלאַמענדיגע בעקלאַך און גלאַנציגע אייגלאַך און זינגט זיך אונטער דער נאָז א ניגונ'דעל אָן אומעטיגס, א מלא־דיגס, אָבער אין תוך איז דאָס פון גוטען געמיט, וואס ער האָט באַקומען פון איינעמ'ס „עלית נשמה".

נאָך פון ווייטען איז צו באַמערקען, ווי דער איד געהט זיך אַזוי, דאָס קעפּעל און דאָס בערדעל פאַררייסען און די הויזען, קיילעכדיגע ווי צוויי רערען, באַמבלען זיך הויך איבער די שיך, גאָר אויף אַן אנאַנדנער אופן, ווי אין א געוועהנליכען טאָג, ווען ער האָט ניט קיין ביסעל משקה. רבקה, ווען זי דערזעהט איהם די ערשטע, זאָגט זי אָן אין שטוב די בשורה:

— אונזער רב דוד געהט! — און אמאָל זאָגט זי אָן דער מוטער: — דיין מאַן געהט!...

זי איז חושד די מוטער, אז זי, די מאַמע, איז נאָר לפּנים ברוגז מיט'ן טאַטען, ווייל די קינדער זיינען מיט איהם ברוגז און ווייל זי מאַכט א לעבען פון די קינדער, איז וויל זי זיי צו־ליב טאָן. זי איז אפילו חושד, אז די מאַמע מאַכט דעם טאַטען ביינאַכט וויזיטען און דאָס איז דאָך שוין אַן אמת'ער פאַרראַט אַנטקעגען די קינדער... ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט זי דער מאַמען פאַר'מסר'ט פאַר די ברידער...

ער שלאָפט דאָרטען אין דער וועשעריי אויף די טישען. די מוטער בעט איהם אלע אויפדערנאכט אוים דאָם געלעגער, ברוגז־דיג און שווייגענדיג, ווי זי וואָלט ניט נאָר מיט׳ן טאַטען ברוגז געווען, נאָר מיט דער גאַנצער שטוב און אפילו מיט די ווענט. אינ׳ם בעטען דערקענט מען, אז זי פיהלט זיך עפּעס באליידיגט, די אלטע, און ס׳איז ניט צו כאַפּען אין וואָס די באַליידיגונג איהרע באַשטעהט. אָבער אינ׳ם אָרט בעטען באַווייזט זי, אז דער רוגז איהרער איז ניט אויפ׳ן טאַטען, ווייל ווען ס׳וואָלט געווען אַנדערש וואָלט זי זיך אזוי ניט אָפּגעגעבען צו מאַכען וואָס בעסער און באַקוועמער דאָס געלעגער. ווי דאָס געלעגער וואָלט געמאַכט געוואָרען פאַר א חשוב׳ען אידען, פאַר א פרעמדען, אָבער... רבקה געדענקט, אז אמאָל האָט א בעל דרשן ביי זיי גענעכטיגט, האָט פאַר איהם די מאַמע פּונקט אזוי דאָס געלעגער געמאַכט, ווי זי מאַכט עס פון נאַכט און נאַכט פאַרן טאַטען...

צווישען זיהן און פאָטער האָט זיך דער רוגז אָנגעהויבען נאָר פון א זייטיגער זאַך. ניט דערפאַר, וואָס דער טאַטע האָט אראָפּגעוואָרפען דעם עול פון ווייב און קינדער, נאָר פאַר זיין חוצפּה׳דיג האַלטען זיך אַנטקעגען זיי. ער האָט ניט דורכגע־לאָזט קיין איין געלעגענהייט ער זאָל ניט טייטלען די זיהן, אז זיי זיינען גראָבע יונגען און אז ער איז דער קענער און וואויל געלערענטער. בכלל האָט ער געהאַט א טבע (ער האָט זי מסתמא איצט אויך, נאָר זיי ריידען ניט מיט איהם, ווייסען זיי ניט) צו מבטל מאַכען די היינטיגע וועלט, אז היינטיגע וועלט איז גאָר־ניט. ער איז זיך אַרומגעגאַנגען מיט א „אין חדש תחת השמש" און אז די זיהן האָבען עפּעס ארויסגעלייענט פון א אידישער צייטונג פון עפּעס א וואונדערליכער ערפינדונג, וואָס האָט ווער ערפונדען, האָט ער אפילו ניט געוואָלט צולעגען קיין אויער צו דעם. און פלעגט ער זיי יאָ ווען אמאָל אויסהערען, האָט ער זיי אנטקעגען געבראַכט דעם בית המקדש און שלמה המלך׳ס שטול, וואָס איז געמאַכט געוואָרען מיט אזוי פיל חכמה, אז קיינער, א חוץ שלמה׳ן, האָט זיך ניט געקענט אַוועקזעצען אויף איהם.

און די לעגענדע פון תרגום שני אין מגילת אסתר דערצעהלט, ווי אזוי שישק, דער מלך פון מצרים, האט געוואלט זיך ארויפ־זעצען אויף דער שטול און וואס פאר א „בענטש" ער האט גע־כאפט פון גאלדענעם לייב אין זייט אריין, אז ער האט זיך גע־האלטען מיט איהר ביז'ן טויט אריין.

— איהר זענט דאך חמורים! וואס ווייסט איהר, וואס?

— האט ער אלע מאל פארענדיגט דעם קלוג־געלערענטען פרומען שמועס זיינעם.

זיי זיינען טאקע געווען קנאפ ידענים אין די אלע זאכען, אין וואס דער טאטע איז געווען א ידע'ן. און דאס וואלט זיי קנאפ וואס געארט; דער גאנצער חסרון אבער איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען אין היינט־וועלטיגע זאכען אויך געהאט א קנאפע ידיעה און זיינען אלע מאל געבליבען הינטערשטעליג. און דאס האט זיי זעהר ניט געפאסט... זיי האבען שוין דער־מאלט, צו יענער צייט, נאך גאר אלס יונגע בחורים'לאך, פאר־נומען א פלאץ ביי דער שטאטיגער סאציאליסטיש־געזאנגענער אינ־טעליגענץ, הגם דער גאנצער סאציאליזם זייערער איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען ניט געוואלט ארבייטען ביי יענעם, כדי ניט צו עקספלואטירט ווערען, און ווידער אליין קיין מענשען ניט געהאלטען, כדי דעם מענשען ניט צו עקספלואטירען. ס'האט אבער קיינער ניט געוואוסט פון דעם, ווי די צוויי ברידערלאך זיינען געווען צופרידען נאך דער וואך, ווען זיי האבען די עטליכע רובעל, וואס זיי וואלטען געווען באדארפט אוועקגעבען דעם אר־בייטער, צו זיך אין די קעשענעס אראפגעלאזט. דא ווידער, איצט צו דער צייט, זיינען זיי געקרוינט געווארען פון אלט און יונג מיט נייע קרוינען, א דאנק דעם, וואס זיי האלטען אויס די מאמע מיט א שוועסטער און א דאנק דעם, וואס זיי האבען ניט חתונה, וואס זיי ווארטען, פריהער חתונה צו מאכען די שוועסטער...

רבקה האט דעם אמת'ן באגריף, אז זי ווערט דא אין שטוב פון אלעמען גענארט... אין א געוויסען פרט, הייסט עס... ס'איז כמעט ווי זיכער, אז די מאמע נארט זי, אז זי איז גאר ניט ברוגז

מיט'ן טאַטען; און די ברידער נאַרען זי אויך... ס'הייסט אויך אין דעם פּרט... ערגעץ געהען זיי דאָך אַוועק אַלע אָוועגט און קומען אזוי אָפּט שפּעט ביינאַכט און ס'פּאַרדריסט... לפּנים, הייסט עס, אז זיי זיינען זיך פאַר איהר מקריב, אָבער אין אמת'ן איז עס דאָך ניט אַזוי. נאָך וואָס איז גאָר אינגאַנצען דאָס חתונה האָבען, אז מ'קען אזוי חתונה האָבען... זי פאַרשטעהט ניט די מענער... ווען זי וואָלט אַזוי געקענט, וואָלט זי זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער וועלט...

יאָ, עפּעס שפּירט זי אַ מין אייפערזוכט צו די ברידער פאַר זייער ערגעץ אַוועקגעהן און פאַר זייער שפּעט קומען... אויב ס'איז יאָ אַזוי, טאָ וואָס טוען זיי דאָ פאַר איהר אויף? און זי באַדאַרף עס נאָך אַליין אַלע נאַכט געהן עפענען די טיר און זי באַדאַרף זיך אַלע מאָל ניט וויסענדיג מאַכען, ווי די ברידער שלעפּען זיך אַרום ביז האַלבע נאַכט. און ווילענדיג, ניט ווילענ־דיג, איז זי אַלע מאָל דער שטומער עדות פון זייער שפּעט קומען... זי האָט שוין ניט איינמאָל געפּרואווט זיך ניט הערעננדיג מאַכען, אָבער די מאַמע איז זי משלח פון בעט אַראָפּ, זי זאָל געהן עפע־נען די טיר. און דאָרטען אין שטוב ביי דער טיר אויף אַ טיש ליגט אויסגעצויגען דער טאַטע, און ס'האָט נאָך קיין איין מאָל ניט גע־טראָפען, אז ער זאָל אמאָל די טיר עפענען. יאָ, מ'קען זיין ברוגז און ברוגזערהייט עפענען די טיר... אַ סברה, אז אַלע מאָל שלאָפט ער, אז קיינמאָל הערט ער ניט, ווי זיי קלאַפּען. אָבער לא יזכר ולא יפּקד — מ'איז שוין געוואוינט דערצו און מ'רעדט ניט דערפון... פאַרביי איהם דרעהען זיך כמעט אַלע נאַכט דריי מענשען, זיינע דריי קינדער, און מען שווייגט אַמאָל צוויי צו־זאַמען, אמאָל אַלע דריי (ס'הייסט, וועןביידע ברידערלאָך קומען אין איין צייט) און דער ליגט אויסגעצויגען, שאַ, שטיל, אומבאַ־וועגליך. און ס'איז ניט צו גלויבען, אז אַלע מאָל שלאָפט ער; און ס'איז ניט צו וויסען, ווען ער שלאָפט יאָ, ווען ער שלאָפט ניט. און ס'גיסט זיך אַזאַ שווערער אומעט פון דעם ברוגז'ען, פרעמ־דען טאַטען, וואָס איז אינגאַנצען אַוועק פון זיי מיט זיין פאַ־

טערשאפט און איז דאך געבליבען א שטוביגער... יא, ניט איין מאל, נאר זעהר אפט, ווען מ'טרעפט זיך אלע דריי צוזאמען אין דער שטילקייט און אין דער נאכטיגער פינסטערניש, און מ'זעהט אויסגעצויגען די טאטישע פיגור, גלוסט זיך יעדען פון זיי עפעס ריידען וועגען אט דער פיגור, יעדער האט עפעס פיל צו זאגען... און ס'איז עפעס אזוי געדיכט און שווער אט דאס וואס זיי האבען צו זאגען... ס'איז אהן ווערטער...

— א גוטע נאכט! — זאגט איין ברודער גאנץ שטיל צו דער שוועסטער און דער צווייטער זאגט נאך שטילער:

— א גוטע נאכט!

און מ'צוגעהט זיך: דער אהער, דער אהין, און מ'צולייגט זיך שלאפען: דער דא, דער דארטען, מיט א שווערען איינדרוק פון א ברוגז'ען טאטען. און רבקה שלאפט אזוי שלעכט נאך דעם, דער שלאף איז אזא שיטערער און עס פלאנטערט זיך ווירקליכקייט מיט חלומות און זי וויים ניט, וואו ס'הויבט זיך אן חלום און וואו ס'ענדיגט זיך די ווירקליכקייט.

איינמאל, אזוי שלאפענדיג האט זי אין שלאף געפיהלט, אז אויפ'ן טישעל ברענט איינגעדרעהט און פינסטער א לעמפעל און פון דרויסען האט זי געהערט ווי פון צייט צו צייט לויפען און קייקלען זיך הארטע, געשמירטע רעדער איבער דער שפיציג געשטיינערטער גאס. יא, אלץ ווי אין דער ווירקליכקייט. אבער איין זאך האט זיך ניט געלאזט גלויבען, אז דאס זעהט און פיהלט אין איהר א וואכעדיגער געדאנק. די זאך איז געווען — די מוטער... זי האט ניט געפיהלט די מוטער ביי דער זייט און זי איז געווען זיכער, אז זי שלאפט מיט דער מאמע... זי איז געוואָרען אומרוהיג און די אומרוהיגקייט האט זי אינגאנצען ארויסגעריסען פון דעם דרימלענדיגען צושטאנד און געעפענט די אויגען האט זי אויף דער וואר טאקע די מוטער אין בעט ניט געטראפען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און פון דעמאלט אן האט זי זיך איבערצייגט, אז אלע נארען

זי דאָ אין שטוב, אַז זי, די איין און איינציגע, איז די אומגליקליכסטע און די עלענדסטע דאָ אין שטוב און אויף דער גאַנצער וועלט.

רב דוד איז איינמאָל פאַרנאַכט געקומען פון נאָך אַ גאַנצען טאָג אין שטוב ניט זיין און האָט שטילערהייט, בגנבה, אריינגערוקט רבקה׳ן אַ באַר אין האַנט אריין און זיך אָפּגעדרעהט. רבקה איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט, ווי אַ פּריטשמעלעטע פון דער מתנה, וואָס זי האָט פּלוצלונג אריינגעכאַפּט פון ברוגז׳ן טאַטען, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט איהר, מיט דער באַר... אַז מ׳קען די באַר נעמען און אויפעסען, איז איהר אין געדאַנק ניט געקומען. נאָר עפּעס האָט זיך געמישט אין קאָפּ, אַז עפּעס דאַרף מען טאָן מיט איהר און ניט דאָס, וואָס אַלע מענשען טוען מיט דער פרוכט, אָדער ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳דאַרף גאָר ניט טאָן... נאָר האַלטען... האַלטען און גענוג.

די באַר איז געווען אַן אויסגעוואַרימטע, אָבער זעהר אַ שעהנע. פון איין זייט איז זי געווען טונקעל ברוין און פון אַ צווייטער זייט געל־גרין מיט קליינינקע שפּרינקעלאַך. און די פאָרמע איז נאָך שעהנער געווען פון איהרע קאָלירען... איינמאָל און אַ צווייט מאָל באַטראַכט אָט די מתנה האָט זיך איהר מאָמענטענווייז געדאַכט, אַז זי איז פּלוצלונג אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק מיט צוואַנציג יאָהר, ווען דער פאָטער פלעגט איהר אָפט אַזעלכע מתנות ברענגגען.

די ברידער האָבען שוין געהאַט אוועקגעלייגט די ארבייט און האָבען זיך געוואַשען און געפּוצט ערגעץ ארויסצוגעהן, און זי, רבקה, האָט זיך געדרעהט ארום זיי, געוואָלט ווייזען די מתנה און ניט געקענט... עפּעס האָט זי זיך געשעמט. און ווידער, ניט ווייזען?... זי האָט ניט געקענט, ניט דאָס און ניט יענעס.

די ברידער זיינען אוועק, די נאַכט איז צוגעפאַלען און רבקה האָט זיך נאָך אַלץ מיט דער באַר ארומגעטראָגען. דער טאַטע דרעהט זיך דאָרטען אָרום שטיל און ברוגז׳דיג, ווי אַלע מאָל, און די מאַמע טאַסקעט שוין פון שלאָף־צימער אַ פּאַק מיט בעט־

געוואַנט פאַר'ן טאַטענ'ס וועגען און זיך פאַרנעמען אין דער בין־השמשות'דיגער טונקעלקייט בעטען און פּאַטשען דאָס געלעגער אויף די טישען. און רבקה וואָלט זיך גערן באַזעצט פאַר דער טיר פון גלעזערנעם גאַנעק, ווי זי טוט עס אַלע זומערדיגע אָוונטען, איז אָבער אָט די באַר דערלאָזט עס איהר ניט... ס'איז איהר אפילו איינגעפאַלען זי אַרונטערצושטופּען דעם טאַטען אונטער'ן קישען, נאָר דאָס האָט זי אויך ניט געקאָנט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס'איז איהר אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק, אויסגראָבען אַ גריבעלע און זי באַגראָבען.

הינטער'ן שטוב איז געווען אַ גערטעל, וואו ס'האָבען געוואַקסען אַ פּאָר הויקערדיגע ביימלאַך. רבקה איז אַרויס מיט אַ שפּיציגען מעסער אין האַנט און אויסגעגראַבען דאָרטען אַ גריבעל. האָט זי דאָרטען אין דעם גריבעל די באַר באַגראָבען, פאַרשאָטען און מיט'ן פוס צוגעטראַטען.

אַריינגעקומען אין שטוב נאָך דער קבורה, האָט זי שוין געטראָפען ברענען אַ לעמפּעל אין שטוב. דעם טאַטענ'ס געלעגער איז שוין געווען פאַרטיג און דער טאַטע אַליין איז געשטאַנען מיט די ווייסע אַרבעל און גערויכערט אַ פּאַפּיראָס. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געקנוילט דער רויך אַזאַ געדיכטער און מאַסיווער, און אויף דער וואַנט הינטער איהם האָט זיך אָפּגעשלאָגען אַ לאַנגער שאָטען, און איבער'ן שאָטענ'ס קאָפּ האָט זיך אויך געקנוילט אַזאַ רויך, ווי איבער'ן קאָפּ פון אָריגינאַל.

ווען זי איז איהם פאַרבייגעגאַנגען פון הינטען, האָט ער געטאָן אַ דרעה־אויס צו איהר דעם קאָפּ פול מיט אויפמערקזאַמקייט און געוואָרפען אויף איהר אַ פאָרשענדען בליק... זי האָט האַסטיג אָפּגעצויגען און האָט זיך באַזעצט אין דרויסען פאַר דער טיר מיט אַ נעבעלדיג שווער געמיט, ווי זי וואָלט ערשט ניט לאַנג געקומען פון אַ לויה פון אַ נאָהענטען מענשען. עפּעס מאָדנע האָט זי דאָ אָפּגעטאָן אַ גאָרנישטדיגע זאַך, אָבער וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, האָט געלאָזט נאָך זיך אַ שווערען געפיהל, ווי זי וואָלט

דאָרטען אין דעם גריבעלע אַ לעבעדיגע זאַך באַגראָבען און עס האָט זיך געגלוסט וויינען...

ס'איז שוין געווען פינסטער, דער הימעל איז ערטערווייז געווען אויסגעשטערענט און ערטערווייז פאַרהוכט מיט שיטערע, דורכזיכטיגע וואָלקענדלאַך. ס'איז געווען וואַרים און ווינטעלדיג. פון אַ בוים דאָ און אַ בוים דאָרטען, וואָס זיינען אין דער לענג פון גאַס געשטאַנען, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטילע און רוהיגע אומרוהיגקייט צווישען צווייגען און בלעטער. די קראָמען זיינען שוין געווען פאַרמאַכט, ס'האָבען ווי בילמעס אַרויסגעקוקט די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרעס אויף די פענסטער און טירען, נאָר אַנט־קעגען האָבען מיט נאַכטיגע אומעט געגלאַנצט די גרויסע צוויי שויפענסטער פון אַפּטייק־מאַגאַזין און געבלייכט האָבען זיך פון דאָרטען די קאָסמעטישע אַרטיקלען, וואָס זיינען אין די פענסטער געווען אָנגעלעגט.

זי איז געזעסען און צוגעקוקט, ווי ס'דרעהען זיך און געהען פאַרביי הין און צוריק פּאָרלאַך, אייניגע וואָס זיינען געגאַנגען אַזוי איינגעקלעפּט איינס אין דאָס אַנדערע, אַז ס'האָט אויס־געזעהן ווי איין מענש געהט, איין מענש מיט פיר פיס און מיט צוויי קעפּ... ווי לאַנג איז דאָס געווען, אַז זי איז אויך מיט אימיצען געגאַנגען... אַ סברה, אַז זי איז קיינמאָל אַזוי מיט קיינעם ניט געגאַנגען? מסתמא יאָ... אָבער ס'איז אינגאַנצען אָוועקגעשוואומען מיט'ן עבר דאָס אויסזעהן זיינס... און זי ווייסט ניט אויף וועלכען אופן ער איז פון איהר פאַרשוואונדען געוואָרען... און ווער איז שולדיג אין דעם פאַרשוואונדען ווערען? מסתמא זי... זי און ער. ביידע זיינען זיי שולדיג. פריהער ער, נאָכ־דעם זי... ער האָט זיך אָנגעהויבען צופיל ערלויבען (מסתמא אַזוי), און זי, זי האָט איהם גאָרניט ערלויבט... הייסט עס, אַז ביידע זיינען זיי שולדיג... און וואו איז ער? מסתמא גע־שטאָרבען. זיכער געשטאָרבען פון בענקשאַפט און האַרצווערטאָג... ער האָט אַזוי לאַנג געבענקט ביז ער איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט; אַלץ איבער איהר, איבער איהרע קאַפּריזען, וואָס

זי האָט איהם ניט צוגעלאָזט צו זיך און איהם גאָרניט ערלויבט. ניין, טאקע זי איז אינגאנצען איז שולדיג...

אריינטראַכטענדיג זיך אזוי טיפער און טיפער, איז איהר אריינגעשפרונגען אין מוח אריין א נאָמען „בערל" און דער נאָמען בערל האָט זיך צוגעקלעפּט צום פארשטאָרבענעם, צו דעם נעבאך, וואָס איז פריהצייטיג איבער איהר עקשנות, פריה פון דער וועלט געגאנגען...

„בערל".

עפּעס געדענקט זי דאָך טאקע וועגען אַן אומגעקומענעם בערל... און ס'שרעקט און ס'פּרעהט איינצייטיג... זיכער, נאָר וואָס דען?... ס'האָט זי גאָר קיינמאָל קיינער ניט ליב געהאט?... פון איינעם און אַ צווייטען ווייסט זי דאָך דעם איינעם און צווייטען באַגעגענט זי אפילו אָפט אין גאס אליין, אָדער מיט ווייב און קינדער, איז פון די וואָס לעבען און וואָס זי באַגעגענט מיט ווייב און קינדער, פון די איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר איינער, אַ בערל, וואָס האָט זי אין זיך שטאַרק געליבט און געליטען און קיינמאָל אפילו קיין דרייסט ניט געהאט צו זאָגען איהר, אז ער ליבט זי...

„בערל!"...

פון דאָרטען, פון שטוב, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטיל גרייזלענדיגער אל מלא רחמים'דיגער געזאנג. רבקה האָט זיך אומגעקוקט ארונטער אין שטוב אריין און געזעהן, אז דאָרטען איז שוין פינסטער און פון דער פינסטערניש האָט זיך געלאָזט הערען אָט דער אומעטיגער מאָטיוו. אַ פראָסט האָט דורכגענומען די ביינער איהרע און זי האָט אַ ציטער געטאָן פון שוידערליכען אומעט... די געדאנקען האָבען זיך ביי איהר איבערגעריסען און זי האָט זיך לאנג געמאַטערט, ביז זי האָט צוריק דאָס געוועב פון איהרע פאַנטאַזיעס געכאַפּט. דערפאַר מעהר ממשות'דיג און מעהר צו גלויבען, ווי פריהער, אין ערשטען געוועב... זי האָט נאָר גע־זוכט און געוואָלט אויסגעפינען אַ געשטאַלט, געוואָלט זיך ער־

אינערען, ווי אַזוי יענער, דער וואָס איז אומגעקומען איבער איהר, האָט אויסגעזעהן. נאָר דאָס איז שוין געווען העכער פון איהר פאַנטאַזיע... עפּעס האָט עס אַזוי ווי אין דער לופט אַרומגע־שוועבט, אַזוי שווער געמיטליך, אַז ס׳איז קיין אָטעם ניט גע־בליבען... עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ, אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט, קלאַפּט אַ דופק און אַרום דעם פלאַטערט זיך און פלעכט זיך אַזאַ ווייט־אידילישע לעבען, וואָס איז אַזוי לייכט ווי די לופט און שטיל ווי די שטילקייט אַליין. און ערגעץ וואו און אומעטום פלאַנטערט זיך אָהן אַן אָרט און אָהן אַ באָדען איינער אָהן אַ געשטאַלט, אָהן אַ פאָרמע, עפּעס אַ גייסט פון איינעם, פון אַ געשטאָרבענעם, וואָס איז געשטאָרבען איבער איהר און נאָכ׳ן טויט פלאַטערט ער אַרום, אויף ווינטיגע פליגעל פון בענקשאַפט און לעכצט נאָך איהר, נאָך זיין געליבטער...

„בערל!“

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אויסצושיילען אין בלייכקייט פון איהרע עראינערונגען אַ פּנים פון אַ... אַ יונג, גאָר אַ יונג פּנים, פאַרמאַכטע אויגען... יאָ, ס׳איז שוין כמעט ווי אַ ווירק־ליכקייט... אָט־אָט טאַפּט זי דאָס אָן... אָבער אַלץ — טויט. דער לעבעדיגער קומט ניט...

די געדאַנקען לויפען, שפּרינגען און טאַנצען איינס איבער דאָס אַנדערע. שפּרינגען איבער אַ לאַנגער, לאַנגער פאַרגאַנגענ־הייט און פּלוצלינג שפּרייט זיך פאַר איהר אויס אַ טייך און באַ־גלייך מיט׳ן טייך די בריק... דאָס וואַסער שוואַר ווי טינט. טיף אינווענדיג שפּיגלען זיך אָפּ מיט אַ מאָדנעם געהיימען, שטילען אומעט די ביימער, וואָס האָבען פון די ברעגעס אַריבער־געוואָרפען זייערע צווייגען איבער׳ן וואַסער און ס׳איז אַזאַ אומעט דאָרטען, אַזאַ אומעט, ווי אַ צווייטע וועלט וואָלט פון אונטען אַרויף אַרויפגעקוקט. און פון די אונטערשטע טיפענישען האָט זיך באַוויזען אָט דאָס באַקאַנטע בערל־פּנים...

יאָ, זי איז שוין כמעט אַזוי ווי ביים וועג... זי דערנעהענט זיך אַלץ נעהענטער צו יענעם און צו יענער צייט... ס׳איז זיכער,

אז ער איז מיט זיין טויט ניט געשטאָרבען, אז ער האָט זיך דער־טרונקען...

אָבער איין קליינינקייט (וואָס איז גאָר קיין קליינינקייט ניט געווען), האָט זי ניט געלאָזט איינגאַנצען זיך צונויפגיסען מיט איהר גלויבען, אז דער בערל האָט זיך איבער איהר דערטרונקען, איז געווען דאָס, וואָס דער בערל, וועמען זי האָט פון וואסער ארויס־געזעהן, האָט אויסגעזעהן זעהר, זעהר יונג... יאָ, ס'איז זיכער, אז יענער האָט זיך דערטרונקען, אָבער עפּעס צו א יונג פּנים, אָהן א סימן פון באָרד און וואָנצעס...

רבקה'ן האָט אָנגעהויבען ציהען צו דער בריק... זי איז זיכער געווען, אז דאָרטען וואָלט זי גרינגליך דערגאַנגען ווער און וואָס דער דערטרונקענער איז געווען און ווען דאָס איז פאָרגעקומען... צי האָט זי געהאַט אַמאָל א געליבטען, צי ניט; צי לעבט ער, צי ער איז געשטאָרבען; זיכער איז, אז עפּעס איינער א בערל איז דאָך יאָ ווען עס איז דערטרונקען געוואָרען... און זי האָט אומ־באדינגט געוואָלט, אז דאָס זאָל האָבען געווען ניט קיין אַנדערער, ווי איהרער א געליבטער... יאָ, זאָל זיין א טויטער, א דערטרונ־קענער, אָבער אַלץ בעסער ווי קיינמאָל קיינעם ניט געהאַט.

און דאָרטען אין שטוב איז אַלץ געווען פינסטער, שטיל און וואָכעדיג... און שטיל האָט זיך פון דאָרטען געטראָגען דאָס אומע־טיגע, אל מלא רחמים'דיגע געזאַנג. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער נאָר־וואָס צו קבורה געבראַכטער באָר און ס'האָט זיך איהר ניט געגלויבט, אז זי אליין האָט עס נאָר־וואָס געטאָן און ניט געקאָנט באַגרייפען, נאָך וואָס האָט זי עס געטאָן. ס'האָט זיך ביי איהר אויסגעזעהן, ווי ניט קיין וואַרהאַפטיגע זאַך, אָט די זאַך, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אליין מיט איהרע אייגענע הענט אָפּגעטאָן... און פאַר וועמעס וועגען געהט עס אָט דער שטילער אָהן ווערטער־דיגער אל מלא רחמים: פאַר דער נאָר־וואָס צו קבורה געבראַכטער באָר, צי פאַר דעם לאַנג דערטרונקענעם בערל?

---

דאָ גאָר פּלוצלינג איז אין איהר זכרון ארויסגעשוואומען א

אינגעלע, אַ אינגעלע פון אַ יאָהר אַכט־ניין, וואָס איז צוריק מיט אַ יאָהר צוואַנציג דערטרונקען געוואָרען, באָדענדיג זיך שפּעט אין אָוונט איינער אַליין אין טייך און דאָס אינגעלע, האָט זי זיך דערמאָנט, האָט געהייסען בערעלע...

און ס'איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דער בערעלע איז דאָס געווען דער זיווג איהרער... אַז זי וועט שוין קיין אַנדערען ניט האָבען...

און ס'האָט זי אַ ציה געטאָן צו דער בריק, אַהינצו צום זיווג, און ערשט דאָרטען, ביים טייך, איז איהר קלאָר געוואָרען, אַז זי קאָן פון דאָרטען ניט אַוועקגעהן, אַז זי האָט ניט צוליב וואָס און צו וועמען זיך אומצוקערען צוריק. און האַסטיג און שטורעמדיג זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין און ביים ערשטען שלונג וואַסער, וואָס זי האָט געגעבען אין זיך אַריין, האָט זי זיך דערמאָנט אין דער באַגראָבענער באַר, ווי אַזוי עס וועט אַרויסוואַקסען פון דער באַר אַ גרויסער בוים. און איז עקשנות'דיג געזונקען צום גרונט...

און פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך אין שטוב ביי זיך און ביי די קינדער אַרומגעדרעהט רב דוד און זיך געברומט און גע־גרייזעלט אָהן ווערטער דאָס ניגונ'דעל פון אל מלא רחמים...

## צו־שפעט.

— אַט דאָס מיידעל פאָהרט אויך קיין ר. — האָט דער בעל־עגלה געזאָגט, אָנווייזענדיג מיר מיט׳ן שטעקעל פון דער בייטש אויף אַ הויך, שלאַנק מיידעל, וואָס איז ניט ווייט פון אונז אויפ׳ן פעראָן געשטאַנען און געקוקט אויף אונז.

דאָס מיידעל האָט מיר, ווי יעדעס מיידעל, ווען ס׳געפעלט מיר, אויסגעזעהן ווי באַקאַנט צו זיין.

איך האָב געקוקט אויף איהר און זי האָט מיר טאַקע אויך אַן אמת אויסגעזעהן ווי באַקאַנט צו זיין... באַקאַנטע שטריכען. און וואָלט זי ניט געשטאַנען אַזוי אומעטיג, ווי עס שטעהען אָפט דאַמען אָדער מיידלאַך, ווען זיי פיהלען אויף זיך אויגען פון אַ פרעמדען אומבאַקאַנטען מאַנספּערזאָן, וועלענדיג מיט דעם ניט צו געבען יענעם אַ צוטריט צו זיך, וואָלט איך צוגעגאַנגען צו איהר, איך וואָלט צוגעגאַנגען און געזאָגט: „פריילין, איהר זיינט מיר אַזוי באַקאַנט!״ דאָס זעלבע געזאָגט, וואָס עס קאָן זאָגען איינער צו איינע, ווען זי וואָלט איהם אפילו ניט באַקאַנט געווען...

דער בעל־עגלה האָט אוועקגעטאַסקעט מיינע פּעק מיט איהר פּעקעלע און מירביידע זיינען געבליבען שטעהן אויפ׳ן פעראָן. מיר האָבען נאָך צייט געהאַט, וויל דער בעל־עגלה האָט געזוכט נאָך פאַרשוינען און די באַהן איז נאָך געשטאַנען און כל זמן דער צוג, מיט וועלכען דו ביזט געקומען, שטעהט, וועט דער בעל־עגלה זיך ניט ריהרען פון אָרט.

אומגעריכט איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַ שמייכעלע געפרעגט:

— איהר דערקענט מיך ניט?

— אַך, צום טייוועל! פּעסעלע! דאָס זיינט איהר? פון וואַנען פאָהרט איהר?

זי האָט מיר אָנגערופען די שטאָדט.

— זיינען מיר, הייסט עס, אַ נאַכט געפאָהרען צוזאַמען, אין איין צוג, ווען איך וויים!

— יאָ, איך פאָהר אהיים, — האָט זי אומעטיג געזאָגט, — איך האָב באַקומען זעהר אַ טרויעריגען בריף, די מאַמע איז שטארק שלאַף.

— אַ, דערפאר זיינט איהר אַזוי אומעטיג; איהר זיינט שוין לאַנג פון דער היים?

— איך בין שוין אָנדערהאַלבען יאָהר פון דער היים... איהר זיינט ביי אונז די גאַנצע צייט ניט געווען?!

— איין מאָל... דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָך אייער אָפּ־פאָהרען.. די עלטערען אייערע האָבען אייך פארקלאָגט פאר מיר, וואָס איהר האָט זיי אַוועקגעוואָרפען... מיר איז אַזוי אומעטיג געווען מיט'ן אַלטען פּאָר־פאָלק... ביי אייך איז דאָך אַמאָל אַזוי פרעהליך געווען!...

— איהר ווייסט, — האָט זי היציג אויסגערופען, — דעם ערנסטען חלק כאַפּט אַלע מאָל אוים די מיזינקע... יאָ, דאָס ערנ־סטע איז אַ מיזינקע צו זיין... מענשען אויף דער עלטער ווערען אַזוי עגאָאיסטיש... זיי וואָלטען געוואָלט, מ'זאָל מיט זיי זיצען טאָג און נאַכט און זיך ניאַנטשען מיט זיי... ווען עלטערען זיינען יונג, לעבען זיי פאַר די קינדער דערנאָך, ווען זיי ווערען אַלט, וואָלטען זיי געוואָלט, די קינדער זאָלען לעבען פאר זיי, און דער־פאר בין איך אַוועקגעפאָהרען...

— גאַנץ ריכטיג! — האָב איך געזאָגט, קוקענדיג איהר טיף אין די גרויסע מיידעלש־קלוגע, מיידעלש־ערנסטע אויגען. און ניט געגלויבט האָט זיך מיר, אַז דאָס איז דאָס זעלבע מיידעל, מיט וועלכער איך האָב ערשט צוריק מיט צוויי יאָהר אַזוי חוזק־דיג אַן אָוועגט פארבראַכט, געשפּילט אַ לצ'ישע ראָליע פון אַ פארליבטען... האָב זי גענאַרט אָהן שום נוצען פאר מיר, אָט גלאַט

אַזוי זיך... אומבאַוואוסטזיניג געמיינט, אַז איך דאַרף עס און מוז עס... ווייל זי איז אַ מיידעל און איך בין אַ בחור... געדענקסט זי יענעם אָוונט? געדענקסט זי, ווי איך האָב מיר געהייסען וואַרפען קאָרטען און האָב מיך שטאַרק געערגערט, ווען נעבען דער דאַמע פיק (דאָס איז זי געווען) האָבען זיך, פון ביידע זייטען, אַוועקגעלעגט צוויי וואַלעטען... ווייסט זי שוין, אויב זי געדענקט עס, אַז איך האָב פון איהר פּשוט חוזק געמאַכט?

דער צוג איז אָפּגעשטאַנען זיינע צעהן מינוט און איז אַוועקגעגאַנגען, מיטשלעפּענדיג מיט זיך יענע פּאַסאַזשירען, מיט וועלכע איך בין אַהער געקומען און מיט זיי דאָס קאָרעקטע צנועות'דיגע דאַמעלע מיט'ן זויג־קינד אויף דער האַנט, וואָס איז אַלע מאָל, ווען זאָס קינד האָט אָנגעהויבען וויינען, ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען און געקומען צוריק מיט אַ שווייגענדיג קינד...

אויפ'ן פּעראָן איז געוואָרען שטיל און אומעטיג. צוזאַמען מיט'ן אַוועקגעהענדיגען צוג זיינען אויך פאַרשוואונדען די עטליכע מענשען, וואָס האָבען זיך דאָ אַרומגעדרעהט, אַרומגעדרעהט זיך ווי היימישע און ניט געבליבען ווי פרעמדע, — צווישען זיי דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע מיט'ן רויטען פאַרוויקעלטען פעהנדעל אין האַנט. אין דעם צווישען־רוים פון איין פּלאַטפאָרמע צו דער צווייטער, וואו דער צוג איז נאָר־וואָס געשטאַנען, און אַזאַ אָנגעזעהען אָרט פאַרנומען, האָט זיך געשפּירט אַ נאָגענדע, אומעטיגע פּוסטקייט.

ס'איז געפאַלען אַ געדיכט דראָבנער שנייעלע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז שוין געווען ענדע מערץ. וואו ניט וואו האָט זיך די שוואַרצע ערד מיט ווייסע פלעקען באַדעקט. דער הימעל איז געווען איבערגעצויגען מיט אַ טונקעל־בלויען וואָלקען, האָט אויסגעזעהן ברוגז'דיג פאַרצאָרענט.

מיין באַקאַנטע איז געווען זעהר לייכט אָנגעטאָן, כמעט זומערדיג: אַ לאַנגען טונקעל־בלויען פּאַלטאָ מיט קיילאַכיג פאַרשניטענע פּאָלעס, וואָס מ'האָט געקאָנט טראָגען אין אַ קיהלען זומערדיגען אָוונט. אויפ'ן קאָפּ אַ קליין שוואַרץ געווענטען

היטעל, א „טיראָלקע", עהנליך אויף יענע, וואָס גימנאַזיסטקעס טראָגען. דאָס דינע געטאָקטע העלזעל איז געווען אָפען, ווי זי וואָלט זיך ערשט פון שטוב ארויסגעכאַפּט.

— איהר פאָהרט גאַנץ זומערדיג, — האָב איך געזאָגט. — איהר וועט פאַרפרויערען ווערען אויפ'ן וועג.

— אז איך בין ארויסגעפאָהרען, איז מעהר וואַרים געווען. איך האָב אפילו ניט מיטגענומען די זאַכען מיינע... איך מיין, אפשר נאַרט מען מיך אָפּ... כאָטש איצט גלויב איך שוין, אז ס'איז אמת, ווייל דאָס הארץ איז מיר שווער!... איך האָב אפילו מורא צו פרעגען ביים בעל־עגלה... ער האָט מיר גאַרניט געזאָגט... איז — אָדער ס'איז גאַרניט, אָדער ס'איז שוין דאָרט עפּעס אזעלכעס, וואָס ער קאָן מיר ניט זאָגען...

— איך גלויב, אז ס'איז גאַרניט, — האָב איך זי געוואָלט בארוהיגען. — אייערע עלטערען האָבען זיך פּשוט פאַרבענקט נאָך אייך... האָט מען אייך מסתמא ניט איין מאָל געשריבען, איהר זאָלט אהיים קומען... נאָר וואָס שטעהען מיר דאָ אין דער קעלט, לאָמיר אריינגעהן אין וואָקזאַל... אייך מוז דאָך זיין רעכט קאַלט.

געהענדיג, האָט זי געזאָגט מיט א ריהרענדער שטים:

— איהר וועט פאַרפאָהרען צו אונז, יאָ?... וואָס ביי אונז זאָל ניט זיין, בעט איך אייך צו אונז פאַרפאָהרען, ווייל טאַמער איז טאַקע די מאַמע מיינע שלאַף, וועל איך אויסגעהן פון אומעט און שרעק...

עפּעס האָט זי מיך שוין צו איינפאַך, צו לייכט פאַרבעטען צו זיך און מיר איז איינגעפאַלען: „האָט זי שוין ניט אימיצען?" ווייל אזוי, אָהן צערעמאָניעס, קאָנען רעדען נאָר אזעלכע מיידלאָך, וואָס האָבען שוין אימיצען און דערפאַר זיינען זיי פּראָסט און איינפאַך מיט די אַלע איבעריגע, וואָס אינטערעסירען זיי ניט... מיט אזעלכע קלערען זיי ניט איבער, וואָס צו רעדען און זאָגען גלייך דאָס, וואָס זיי ווילען זאָגען. איך האָב מיך דורכגעדרונגען

מיט איהר לאַנגע און דאָך האָב איך מיך עפּעס באַליידיגט געפיהלט... איך האָב געזאָגט:

— איך האָב גאָר אַנדערש ניט געקלערט... איך וועל זעהר צופרידען זיין, ווען איך וועל אייך מיט עפּעס קאָנען נוצליך זיין, נאָר איך גלויב, אַז ביי אייך אין דער היים איז אַלץ אין אָרדנונג...

ס'איז געוועןן אַ ליגען. איך האָב ניט געגלויבט און ניט געמיינט האָב איך אַזוי איהר טובה, ווי מיינע... איך האָב עפּעס געוואָלט רעדען מיט איהר, געוואָלט רעדען דאָס, וואָל איך רעד אַלע מאָל מיט אַ מיידעל, וואָס געפעלט מיר. נאָר גערה רעד, אַז זי איז אַזוי צוטראָגען און פאַרצאָגט.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון יענער זייט וואָקזאַל, וואו ס'איז שוין געשטאַנען גרייט די פוהר און דער בעל־עגלה האָט אַריינגעלעגט די פערד די ציימלאַך אין די מיילער אַריין. דאָ, פון דער זייט וואָקזאַל, איז פיל קעלטער געוועןן, ווי פון יענער זייט. דאָ האָט גלייך אויף אונז געבלאָזען אַ קאַלט צפון'דיג ווינטעל. די בוימער פונ'ם שיטערען, ערטערווייז אויסגעדאַרטען וועלדעל, וואָס האָט זיך געפונען עטליכע קלאַפטער ווייט פון אונז, האָט הערבסטיג גערוישט, און געשפּירט האָט זיך אַרום און אַרום אַ שרעקליכער אומעט, יענער אומעט, וואָס מ'קאָן שפּירען נאָר דעמאָלט, ווען עס קומט נאָך עטליכע וואַרימע כמעט פריהלינגסטעג אַזאַ פאַרענדערונג אין דער נאַטור. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, די ערד, די בוימער, דער הימעל, זיינען געוועןן ברוגז, צוריסען איינס מיט דאָס אַנדערע און יעדעס באַזונדער פיהלט זיך עפּעס אַזוי נאַריש און מיאוס אָפּגענאַרט.

— ס'ווערט ווינטער! — האָט מיין שעהנע באַקאַנטע געזאָגט מיט טרויעריגע אויגען אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג.

— ס'זעהט אויס, — האָב איך אַ צופרידענער אונטערגעכאַפּט. איך בין געוועןן צופרידען פון וואָס זי האָט ניט גערעדט, אַבי ניט פון איהר קראַנקער מאַמען...

— צוריק צום וואָקזאַל, וועלען מיר שוין פאָהרען מיט אַ שליטען, — האָט דער בעל עגלה פון זיין זייט באַמערקט, צונויפ־

נעמענדיג פון דער ערד דאָס ביסעל היי, וואָס איז געלעגען ביי די פערד אונטער די פיס.

יאָ, מ'האָט עס געקאָנט גלויבען. דאָרט, ווייטער פון וואָק־זאַל, איז שוין די ערד אינגאַנצען ווייס געווען, נאָר דאָ, וואו מ'איז געגאַנגען און געפאָהרען, איז געווען בלאָטיג.

איך האָב געהאָלפען מיין באַקאַנטער אַרויפקריכען אויפ'ן וואָגען. גלייך האָב איך זיך דאָרט אַוועקגעזעצט נעבען איהר און געזאָגט צום בעל־עגלה:

— הערט, אפשר האָט איהר עפּעס ביי זיך אַ וואַרימס אָנ־צוטאָן?

ניין, ער האָט גאָרניט, נאָר אַזעקעל האָבער האָט ער און האָט עס אָנגעהויבען אַרויסשלעפּען פון הינטער זיין ברייטען געזעס. ער האָט פאַרשטאַנען וועמ ס'באַדאַרף עס און האָט עס גלייך אַרויפגעוואָרפען מיין באַגלייטערין אויף די פיס, זאָגענדיג דערביי:

— אין די פיס וועט אייך שוין קאַלט ניט זיין, האָבער וואַרימט זעהר גוט.

זי האָט אויף מיר אַ דאַנקבאַרען קוק געוואָרפען, דער קוק איז מיר ווי אַ וואַרימער ליכטיגער שטראַהל טיף אין הארצען אַריינגעפאַלען, האָט מיך עפּעס אויפגעמונטערט, אויפגעפרישט, פון וואָס איך האָב מיך אויף אַ צעהנדליג יאָהרען איינגער גע־פיהלט... איך האָב געטראַכט: וואָס הייסט עס? דאָס זעלבע מיידעל... פאַרוואָס־זשע האָב איך דעמאָלט ניט געפיהלט צו איהר דאָס, וואָס איך פיהל איצט!... ווער האָט זיך דאָ גע־ענדערט: איך, צי זי!... וואָס האָט איהר דעמאָלט אַזעלכעס געפעהלט, וואָס האָט מיך אָפּגעשטויסען פון איהר, און וואָס איז איהר איצט אַזעלכעס צוגעקומען, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיינעם. אמת, זי איז רייפער געוואָרען. נאָר זי איז דאָך שוין דעמאָלט קיין קינד ניט געווען. ניין, דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען אַן אינערליכע ענדערונג... איהרע אויגען... דיזעלבע אויגען, און דאָך אַנדערע... אַן אַנדער בליק, וואָס איז מיר אינגאַנצען פרעמד

און אומבאַקאַנט... און דערמאָהנט האָט דאָס דאַרע מיידעלע מיר אַ בלום, אַ יונג בלימעלע, וואָס אַ טאָג לעבען איז אַ גאַנצע עפּאָ־כע, אַן איבערגאַנג פון איין פאַרב צו אַ צווייטער און וואָס הויבט אָן צו שמעקען דעמאָלט, ווען זי ווערט אינגאַנצען רייף, ווען זי באַקומט די אמת'ע פאַרב איהרע. יאָ, דאָס איז געווען איינע פון יענע בלומען... זי איז שוין דעמאָלט שעהן געווען, נאָר האָט נאָך ניט געהאַט דעם ווייבליכען רייץ, אַ ניט־פאַרטיג רויה בלימעל...

דער וואָקזאַל איז שוין ווייט געבליבען פון הינטען. פון פאָרענט שטיקער וואַלד, שטיקער פעלד ערטערווייז דורכגעשניטען מיט לאַנגע טיפע שוואַרצע פּאַסען. ס'איז געווען הערבסט־שטיל, הערבסטיג־אומעטיג און ווינטערדיג־ווייס. פון צייט צו צייט האָט אַ פויגעל די לופט אַדורכגעשניטען, וואָס האָט זיך רעליעף אויסגע־טיילט מיט זיין שוואַרצקייט צווישען גרויען הימעל און ווייסער ערד.

איך בין געזעסען הארט נעבען איהר. מיר האָט זיך גע־גלוסט עפּעס איהר זאָגען. און זאָגען עפּעס וואַרימס און קלוגס, נאָר זי איז געווען אַזוי טרויעריג פאַרטראַכט, אַז איך האָב דערצו קיין מוט ניט געהאַט. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט וויסען, צי זי האָט מיך טאַקע ליב געהאַט, צי ניט?... אפשר איז דאָס אויך פון איהר זייט עפּעס אַ מין שפּיל געווען און ניט מעהר... און אפשר טאַקע יאָ... דעמאָלט, ווען זי איז נאָך אַזוי יונג געווען און האָט נאָך ניט געקאָנט זיך פאַנאַנדערנעמען אין איהרע געפיהלען... אָבער איצט?... אפשר פאַרשטעהט זי שוין, אַז איך האָב דעמאָלט פון איהר חוזק געמאַכט און זי האַסט מיך דערפאַר, און אפשר האָט זי מיך איצט אויך ליב, נאָר ווייל זי איז עלטער און קליגער געוואָרען, וועט זי עס מיר ניט זאָגען.

— הערט! — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט — מיר איז פּשוט שרעקליך, וואָס ער (האָט אָנגעוויזען אויפ'ן בעל עגלה) שווייגט אַזוי... ער האָט תמיד ליב צו רעדען מיט זיינע פאַרשוינען. איצט שווייגט ער... ווער ווייס, וואָס דאָרט אין דער היים טוט זיך...

איך האָב מיך געפּרואווט זי בארוהיגען, נאָר זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען!

— איהר זעהט ניט, ווי ער מאַכט זיך ניט הערענדיג, וואָס מיר רעדען דאָ!...

— ניין, ער הערט פּשוט ניט; איהר זעהט ניט, די אויערען זיינען ביי איהם מיט'ן באַשליק פארשטעלט... איך בין זיכער, אַז ביי אייך אין דער היים איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג... אויב איהר ווילט, קאָן איך איהם פרעגען?...

זי האָט אַזש אָנגעהויבען צאַפּלען, האָט מיך אַזש ביי די הענט געכאַפּט:

— ניין, ניין, איך בעט אייך, פרעגט איהם גאָר ניט... איהר זעהט ניט, ווי ער שמייסט די פערד... ער פאָהרט קיינמאָל ניט אַזוי גיך...

מיר איז אין דעם מאָמענט איינגעפאַלען זי צו פרעגען, צי איך האָב זיך עפּעס געענדערט פאַר דער צייט? נאָר איך האָב מיך אָפּגעהאַלטען. שפּעטער מיט אַ ווײַלע האָב איך געטראַכט: מ'דאַרף אויסנוצען די צייט. אויב דאָרט האָט טאַקע געטראָפען אַזעלכעס, פאַרוואָס זי, פּעסעלע, ציטערט אַזוי וועט זיין פאַרפאַלען. וועל איך איהר אין אַזאַ צושטאַנד גאָר ניט קאָנען זאָגען און איך וועל אַוועקפאָהרען מיט גאָר ניט. יאָ, מ'באַדאַרף איהר זאָגען, אַז איך בין אין איהר פאַרליבט און זי פרעגען, ווי האַלט עס ביי איהר... אויב ס'האַלט ביי איהר אַזוי ווי ביי מיר, איז זי — מיינע, און איך — איהרער.

אַנטקעגען איז אָנגעפאָהרען אַ פוהר, אַ פוהר מיט אידען איינגעהילטע אין שעפּסענע טולופּעס מיט הויכע אויפגעשטעלטע קעלנער, ווי וועגט און פאַרבונדענע מיט אַלטע שאַלען. פּעסעלע האָט זיך שטייף איינגעקוקט אין די אידען, האָט זיך אויסגעבויגען ווי ווייט זי האָט געקאָנט, האָט קענטיג געוואָלט, מען זאָל זי דערקענען און מען זאָל איהר עפּעס זאָגען. נאָר די אידען האָבען געקוקט אויף איהר אומעטיג און ערנסט, האָבען זיך געמאַכט, אַז זיי דערקענען זי ניט און ווען זיי זיינען אָפּגעפאָהרען אַ שטיקעל,

װעג, האָט אײנער צום אַנדערען עפּעס אַ זאָג געטאָן און אַ צװײטער האָט אָן אױ'קע געטאָן...

מיר זײנען אַרײנגעפאָהרען אין שטעדטעל אַרײן אָדער, בעסער געזאָגט — אַרײנגעפאָהרען אין בלאָטע אַרײן... טונקעלע שטיבער אומעטיג גלאַנציגע פענסטער, נאַסע שװאַרצע דעכער און צװאַװײקטע קוימענס... װאָר־ניט־װאו זײנען אױף דער שװאַרצער בלאָטע װײסע שנײ־פלעקען געלעגען און דאָס האָט נאָך מעהר אומעט צוגעגעבען... ס'איז געװען אַזױ אומעטיג, װי דעם שטעדטיל װאָלטען אַ פּאָר צעהנדליג מתים אַ באַזוך געמאַכט... אַראָפּגעװאָרפען פון זיך די תכריכים און ניט געבליבען...

נאָך פון װײטענס, אײדער מיר זײנען צו פּעסיל'ס שטוב צוגעפאָהרען, האָב איך דערזעהן װי צװײ באַװאַקסענע אידען שטעהען אין דרױסען און שנײדען ברעטעלאַך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אױף מאָרגען פאַרנאַכט בין איך אָפּגעפאָהרען. מיט אַ קלעמענדיג האַרץ, מיט אַ טיף־װעהטאָג'דיגער בענקשאַפט בין איך פאַר'ן פאָהרען געשטאַנען און די שטוב באַטראַכט... װי לאַנג איז דאָ אַזױ פרעהלאַך געװען.. װי לאַנג ערשט האָט דאָ יעדעס װינקעלע געהילכט און געקלונגען... איך האָב די שטוב דערקענט אין סאַמע פריהלינג... װען די פאַרשטאָרבענע און פאַרשטאָרבענעס מאַן זײנען נאָך יונג און פרוכטבאַר געװען... און די מײדלאַך... אַ פּיצעלם... אַ גרעסערס, אַן עלטערס... אײנס שעהנער, אײנס מיאוס'ער, נאָר אַלע יונג. לעבעדיג און קװיטשענדיג שפּרינגענדיג און טאַנצענדיג. װאו זײנען זײ איצט?... און װאו איז שױן יענע גליהענדע אידינע אָדער כמעט װײבעל, װאָס איך האָב נאָך דערקענט װאָס האָט אַזױ מילד מיט מײדלאַך געשפּאָטען... אַ פּוסטער אומעט האָט זיך אין דער שטוב צולעגט, עס האָט דאָרט געשמעקט װי עס שמעקט פון אַ פאַרדאַרטען צופױלטען בױם... צום לעצטען מאָל האָב איך די שטוב באַטראַכט און געקוקט האָב איך אױפ'ן פּאָר'ל, װאָס איז אײנס נעבען דאָס אַנדערע שבעה געזעסען... איך האָב רחמנות געהאַט אױפ'ן אַל־

טען... ווער ווייס — האָב איך געטראַכט — אפשר וועסטו שוין דאָ אויך ניט זיין, ווען איך וועל דאָ אַ צווייטען מאָל קומען... און זי, פּעסעלע?... איך האָב איהר אַזוי פיל געהאַט צו זאָגען... איך בין געשטאַנען פאַר'ן אָוועקפאָהרען און געקוקט אויף איהר, זי האָט אויך פון צייט צו צייט אויף מיר אַ קוק געוואָרפען און דער אַלטער איז געזעסען, האָט אין איוב אַריינגעקוקט און די ברילען האָבען אַזוי אומעטיג געגלאַנצט אויף זיין נאָז...

איך בין שטום־שווייגענדיג געשטאַנען אַנטקעגען, זיי האָבען דעם לעצטען „זייַ־געזונד" געוואָלט זאָגען, נאָר געוואוסט, אַז איך באַדאַרף עס זיי ניט זאָגען, אַז זיי טאָרען ניט ענטפערען... האָב איך כאָטש געוואָלט איהר האַנד דריקען, נאָר דאָס איז נאָך שווע־רער, אונמעגליכער געווען... נאָך אַ מינוט, נאָך אַ ווײַלע — איך קען זיך פון איהר ניט אָפּרייסען, איך קאָן ניט אַוועקפאָהרען ניט־געזעגענט... עפּעס טוט מיר באַנג, און איהר... כ'ווייס ניט וואָס — צי זי אַליין, צי זי מיט דער גאַנצער שטוב... עס ווילט זיך זאָגען אַ פּאָר וואַרימע ווערטער... איך וויל זאָגען, אַז איך האָב זי ליב. אפשר האָט זי מיך אויך ליב.

זי איז מיך געגאַנגען באַגלייטען פּאַמעליכקע און שטיל מיט דראָבנע שטילע שוואַרצע טריטעלאַך, און איך האָב זיך נאָכגע־בלאָנקעט נאָך איהר. און אָט שטעהען מיר שוין ביי דער טיר... זי האָט מיר טיף פאַרקוקט אין די אויגען, איך — איהר... איך עפען פּאַמעליכקע די טיהר, האַלט זי אַ ווײַלע אָפען.. דער לעצטער מאָמענט... איך קוק אויף איהר טרויעריג געזיכט, אויף די קליינע פיסלאַך און די זאָקען...

— פּעסעלע, פאַרמאַכט די טיר, איהר וועט זיך נאָך, חלילה, צוקיהלען. — מעהר האָב איך גאָר ניט געקאָנט זאָגען.

# נאָך אַ קינפּעט.

ווען מאַדאַם רויטמאַן האָט זיך דאָס ערשטע מאָל נאָכ'ן קינ־פּעט אין גאַס באַוויזען, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט אַן אַנדער אויסזעהן באַקומען. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אַריבער אין אַ נייער פרישער וועלט, גלייך ווי די וועלט וואָלט אויך נאָר וואָס פון קינפּעט אויפגעשטאַנען.

דאָס איז געווען דער ערשטער, וואַרעמער פריהלינגס־טאָג. דער הימעל איז געווען ריין, צערטליך בלוי, נאַאיוו ווי אַ קליין קינד; אין דערמיט איז די זון געשטאַנען און צוגאָסען איבער אַלעס און אַלעמען אַ ליבע ווייכע וואַרעמקייט. עס האָבען געבלאַנקט צעהנדליגע, פרישע אויסגעפּאַרבטע דעכער. עס האָבען געבלאַנקט די אויגען פון הונדערטער אויסגעפּוצטע פענסטער און אין דער שטילער, קוים באַוועגליכער לופט, האָט זיך געשפּירט אַ צאַרטער ריח פון די אַקאַציען־בוימער, וועלכע שטעהען אין צוויי רייהען אין דער לענג פון די גאַסען. אין ביידע זייטען טראָטואַר האָבען זיך געצויגען היו און צוריק יום טוב'דיג אויסגעפּוצטע מענער און דאַ־מען. עס האָבען געבלאַנקט צילינדערס און לאַקירטע שיך. איבער דער שטיינערנער בריק האָבען זיך געקייקעלט היו און צוריק גומענע רעדלאַך אונטערשפּרינגענדיג גומיש ווייך און גומיש שטיל. עס זיינען געלאָפען עלעקטרישע טראַמווייען פול אָנגעפּאַקט מיט מענ־שען, און פון צייט צו צייט, איז ווי אַ ווילד באַשעפעניש מיט רעש און געפּילדער, דורכגעפלויגען אַן אויטאָמאָביל איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ שווערען ריח פון בענזין.

מאַדאַם רויטמאַן האָט זיך צו אַלעס און צו אַלעמען צוגע־קוקט און זיך געוואונדערט וואָס דער גאַנצער גלאַנץ און פּראַכט שטעהט עפּעס ווי אויסער איהר. עס האָט זי קיין זאַך ניט געריי̆צט

און ניט געצויגען. קענטיג, אַז דאָרטען ערגעץ ביי איהר אינוועניג איז עפּעס אַ פאַרענדערונג געקומען, וואָס האָט טעמפּ געמאַכט איהרע געפיהלען. דאָס בלוט האָט אין איהר קאַלט און רוהיג גע־פליסט. עס זיינען פון איהר פאַרשוואונדען געוואָרען יענע איינ־צעלנע רייצענדע טענער וואָס ליגען ערגעץ טיף באַהאַלטען פאַר'ן אויג, אָבער לאָזען זיך שטאַרק שפּירען ביי יונגע מענשען מיט הייסע טעמפּעראַמענטען... אַלעס האָט אין זיך עפּעס סודות'דיגעס געהאַט, וואָס האָט געצויגען, גערייצט און איצט איז זי אַזוי רוהיג! אויף דער נשמה עפּעס אַ מין קאַלטע גלייכגילטיגקייט. מאָמענטען־ווייז האָט זיך איהר ניט געגלויבט, אַז דאָס איז די פאַניע, דאָס לעבעדיג ברענענדיג מיידעל... יענע איז עפּעס ווי אין נעבעל פאַר־שוואונדען געוואָרען, אָדער איינגעשלאָפען ווי נאָך אַ לאַנגער שווערער אַרבייט.

זי איז זיך געגאַנגען פאַמעליך, רוהיג און שטיל... אין קערפּער האָט זיך געשפּירט אַ מאָדנע לייכטקייט ווי זי וואָלט גאָר קיין וואָג ניט געהאַט. אין בויך האָט עפּעס געפעהלט און געווען איז עס איהר אי אַנגענעהם אי ניט... איהר האָט זיך גערעכט אַז ניט נאָר דאָס קינד פעהלט נאָך עפּעס נאָך וואָס... עפּעס אַזעלכעס... ניין, האָט ניט געוואוסט וואָס נאָך אַזעלכעס פעהלט איהר... ערשט פאַר־אַ־יאָהרען, אין דער צייט, אַ מיידעל געווען, האָט זי זיך היציג צור־טראַכט, און איצט איז זי שוין אַ מוטער... עס זיינען פאַרשוואונ־דען אַלע שעהנע אונדייטליכע נעבעלדיגע טרוימען. עס טוט איהר אַזוי באַנק, עס טוט איהר אַזוי פיינליך וועה! ... אַלעס איז געוואָ־רען אַזוי אומאינטערעסאַנט!... אַן איבעלדיגע זאַטקייט פיהלט אָן דאָס גאַנצע וועזען איהר'ס... פון דער גאַנצער ליבע, איז נאָר עפּעס ערגעץ ביי איהר אַ שאָטען געבליבען, אַ קאַלטער טונקעלער שאָטען. גלייכגילטיג לאָזט דורך דאָס אויג איהר'ס אַלע שעהנע מענער, וואָס געהען פאַרביי. מערקווירדיג, וואָס דוקא דאַן, פאַר דער חתונה, ווען זי האָט דעם חתן איהרען שטאַרק ליב געהאַט, האָבען איהר די מענער פיל מעהר אינטערעסירט ווי איצט. וואָס, זי האָט שוין איהם, דעם מאַן, נישט אַזוי ליב?... זי האָט איהם יאָ ליב, נאָר...

אָבער ס'איז נים יענע ליבע... עפּעס אַן אַנדערע, אַ שטילע, אַ ווייכע, אַ רוהיגע, אַ מוטערליך צאַרטע... זי איז איהם... זי איז איהם זעהר געטריי און איבערגעגעבען...

זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָדט־גאָרטען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ „ווייגענדיגער איווא", אויף דער זעלבער באַנק זיך אַוועק־געזעצט, אויפ'ן זעלבען אָרט וואו זי פלעגט מיט „איהם" זיצען פאַר דער חתונה און שטיל מיט האַלבע ווערטער גערעדט וועגען זייער צוקונפט... דאָ האָט זיך גאַרניט געענדערט: ווי דעמאָלט אַזוי איצט שפּריצט דער פאָנטאַן און אַרום איהם וואַקסען בלומען; אָבער דעמאָלט האָבען זי די פאַרבען געררייצט, געצויגען צו עפּעס אומדייטליכס, פאַרטראָגען אין פאַנטאַסטישע וועלטען... איצט קוקט זי אויף די בלומען גלייכגילטיג, די פאַרבען שאַפען ניט קיין רעגענבויגענדיגע אילוזיעס און צומאָל דאַכט זיך איהר, אַז פאַר איהר שטעהט עפּעס אַ לאַנג פאַרגאַנגענער חלום... איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון גאָרטען זיינען אַרומגעלאָפען קינדער, געטריבען רייפען און געוואָרפען פּילקעס אין דער לופטען... פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזען אַ קליין שייגעציל אין אַ רויט העמדעל אָהן אַ היטעל באָרוועס און געפיהרט פאַר אַ צוימעל צוויי גרויסע ווייסע ציגען איינגעשפּאַנט אין אַ קליין וועגעלע אין וועלכעס עס זיינען געזעסען צו צוויי, צו דריי קינדער: איינער פון זיי איז געזעסען אויבען־אָן אויף דער קעלניע. אַלס שמייסער געהאַלטען אַ בייטשעל אין די הענט. זיך געוואָרפען, געהויבען און געשריגען אויף די ווייסע הערנערדיגע באַשעפענישען זיי זאָלען גיך געהן. אויף די בענק זיינען געזעסען איינגערע און עלטערע מענשען, דאַמען מיט שירעמס און מענער מיט שטעקלאַך אין די הענט, יונגע פאַרלאַך מיט שטיפערישע געזיכטער, ניאַניעס, באָנעס, מיט קינדער און איבער אַלעס און אַלעמען האָט זיך געטראָגען אַ פייכטער, זאַנפטער, שמעקעדיגער ריח פון פרישער צופאַרעטער ערד אויסגעמישט מיט די ריחות פון גראָזען און בוימער וואָס יעדע פון זיי, פון די בוימער, האָט געהאַט אַ נאָמען געבראַכט פון פערשידענע געגענדען און לענדער, און געדאַכט האָט זיך, אַז

די אַלע גרינע באַשעפּענישן זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ יום־טוב, האָבן גראַטולירט איינס דאָס צווייטע, צושאָקלענדיג מיט די קעפּלאַך: גוט יום־טוב, גוט יום־טוב.

אָפּגעזעסען אַ פופצעהן מינוט, האָט מאַדאַם רויטמאַן פּלוצ־לונג באַמערקט ווי גענענאיבער פון יענער זייט אַלעע, זיצט אַן עלעגאַנטער מאַנספּערזאָן און קוקט אויף איהר און איהר האָט זיך גלייך פאַרוואָלט וויסען ווי לאַנג ער זיצט שוין דאָ, צי איז ער דאָ געזעסען שוין פריהער נאָך איידער זי איז אָנגעקומען אַהערצו, צי שוין פאַר איהר איז ער דאָ געווען, נאָר זי האָט איהם ניט באַ־מערקט... האָט זי זיך געוואונדערט: אַזוי צי אַנדערש באַמערקען האָט זי איהם דאָך באַדאַרפט... ווייל... ווייל דער יונגער מענש האָט איהר פון ערשטען אויגענבליק אויסגעזעהן ווי באַקאַנט צו זיין, זי וואָלט אפילו געקענט שווערען, אַז זי האָט איהם ערגעץ ערשט ניט לאַנג געזעהן. איינצייטיג האָט זיך איהר דורכגעוואָרפען אַ געדאַנק, אַז ער ווייסט אַז זי איז ערשט ניט לאַנג פון אַ קינפּעט אויפגעשטאַנען. אַ געדיכטע ראָזע פאַרב האָט זיך צוגאָסען אויף איהר איידעל־בלאַס געזיכט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און איינציגווייז גענומען צופּען די בלעטלאַך פון דעם בינטעל בעז, וואָס זי האָט געהאַלטען די גאַנצע צייט אין די האַנד. גאָר כאַ־פּענדיג זיך, אַז זי האָט אַמאָל אַזוי געריסען די בלעטלאַך אויף „יאָ ליב" און „ניט ליב" האָט זי באַלד אויפגעהערט צו רייסען, ער, דער פרעמדער און באַקאַנטער, זאָל צומאָל ניט איבערגלויבען, אַז זי טוט עס אויף זיין רעכענונג.... געזעסען עטליכע מינוט אומבאַוועג־ליך, האָט זי מיט'ן שירמ'ל גענומען שרייבען בוכשטאַבען אויף דער ערד און, מערקווירדיג, כאָטש זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דער פרעמדער הייסט, איז זי דאָך זיכער געווען אַז צווישען די עטליכע גרויסע אויסגעקריצטע בוכשטאַבען אויפ'ן זאַמד געפינט זיך שוין זיכער... אָך, זי האָט זיך גאָר דערמאָנט אַז דאַמאָלס ווען זי איז דאָ געזעסען און געוואַרט אויף איהר געליבטען האָט זי אומגעדולדיג געשריבען מיט'ן שירם אויף דער ערד... אָך, יענער קוקט אויף איהר... פאַלט איהם צופעליג ניט איין?

צוקראַצט די בוכשטאַבען אויפהויבענדיג אַ שטויב אַרום זיך, און האָט זיך אויסגעדרעהט מיט אַ זייט צו איהם, אַרויפגעשטעלט אַן עלענבויגען אויפ'ן אָנלעהן באַנק און אַפּזיצענדיג עטליכע מינוט אין אַזאַ פּאָזע, האָט זי זיך געכאַפּט אַז דאָס זיצען צום פרעמדען... אַז זי דאַרף אַזוי ניט זיצען, ווייל יענער איז אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער און אַז מיט דעם וואָס זי זיצט צו איהם אַזוי אין אַזאַ אָנגעפּוישטער פּאָזע, באַמערקט ער שוין, אַז זי טראַכט פון איהם...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט גלייך רעכט, מיטביידע הענט אָנגעצויגען דאָס קליידעל צו די פיס און פריי זיך אָנגעשפּאַרט אין אָנלעהן פון דער באַנק... יאָ, אַלעס וואָלט גוט געווען, ווען ס'וואָלט ניט געצויגען צו קוקען אויף איהם מעהרער ווי אויף אַלע איבעריגע מענשען וואָס זיינען אַנטקעגען איהר געזעסען... אָבער זי איז דאָך ניט שולדיג אין דעם, זי קוקט אויף איהם דערפאַר וואָס ער קוקט אויף איהר... ווייטער האָט זי מיט איהם אַן עסק... זי איז אַן אָרענטליכע פרוי, געטריי דעם מאַן און האָט ליב איהר קינד... און אויב ער קען זי און וויים...

מענער זיינען דאָך נאַבאַלעמען !...

זי האָט אָנגעווענדעט אַלע איהרע קרעפטען אַפּצוציהען איהרע געדאַנקען צום מאַן און קינד. אָבער געגען איהר ווילען האָט זיך צווישען ביידע געפּלאָנטערט דער, פון וועמען זי האָט טראַכטען ניט געוואָלט.

אפשר טאַקע אַ באַקאַנטער ?

געמוזט אַ קוק טאָן און זיך באַגעגענט מיט זיין בליק... דאָס האָט ניט געטויגט... האָט ער שוין, הייסט עס, באַמערקט, אַז זי האָט זיך אַפּגעדרעהט פון איהם און שפּעטער געקוקט אויף איהם, דאָס וועט איהם שוין געבען שטאָף צו דענקען...

צו אַל די רוחות !...

עפּעס האָט איהר אימיצער געוואָלט איינשמועסען, אַז זי איז שוין גאָרניט אַזאַ אָרענטליך ווייבעל, ווי איהר דאַכט זיך, און דאָס האָט זי שוין גאָר אַרויסגעבראַכט פון געדולד... נו, זי טראַכט פון איהם... אָבער וואָס טראַכט זי ? זי מיידט דאָך אויס

אַ קוק צו טאָן אויף איהם... איהר האָט זיך פון ערשטען אויגען־בליק געדאַכט אַז דאָס איז אַ באַקאַנטער... נו יאָ... און סיי פריהער סיי איצט איז זי דאָך גלייכגילטיג צו איהם... נו יאָ, ער איז אַ שעהנער מאַנספערזאָן, זי געפינט אפילו ניט פאַר נויטיג דאָס צו פאַרלייקענען פאַר זיך, אָבער ער אינטערעסירט איהר דאָך ניט... זי קען זיך מיט אַ גרינג הארץ אויפהויבען און גאָר אינגאַנצען אוועקגעהן פון דאַנען...

ניט פאַרטיפט זיך, איז עס געווען אַזוי, און האָט זיך טאַקע מורא געהאַט טיפער אַראָפצולאָזען. אין נעבעלדיגער אומדייטליכ־קייט האָט זיך געפלאָכטען אַ קייט פון פאַררעטערישע פרויען געפיה־לען נעגען איהר געזונדטען פאַרשטאַנד און געגען דער, וואָס האָט געקענט טראַכטען... דאָס אָרענטליכע יונגע ווייבעל האָט נעבעלדיג געשפּירט, אַז ביי איהר האָט זיך פאַר דער קורצער צייט וואָס זי זיצט דאָ, געגען איהר ווילען אויסגעאַרבייט צווישען „יענעם“ מיט איהר אַ געגען־זייטיגע נאָהענטקייט... דערפיהלט, אַז זי איז ווי דורך אַ כישוף פאַרבונדען געוואָרען מיט דעם אומבאַקאַנטען מיט טויזענדער עלעקטריש פעדים און אַז פונקט אַזוי ווי ערד און גע־וויקסען, סיי ווען זיי נויטיגען זיך, סיי ניט, מוזען זיי אָננעהמען די שטראַלען פון דער זון צו נוציג, צו שעדליך, אַזוי האָט זי איינ־געזאַפּט אין זיך די בליקען פון זיינע גליהענדע אויגען... איהר איז געבליבען איין אויסגאַנג: אַוועקגעהן פון דאַנען. אָבער... זי האָט זיך באַטראַכט, אַז דאָס טויג ניט... אויב ער האָט נאָך ביז אהער ניט באַמערקט, אַז זי איז געקרעמפּירט פון איהם, וואָלט ער זיך עס ערשט, פון איהר אַוועקגעהן, איבערצייגט און דאָס קען איהם געבען דעם ענדגילטיגען באַשלוס צו צוטרעטען צו איהר...

צוטרעטען צו איהר ? דער געדאַנק איז שוין גאָר אומגעריכט געקומען... די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו ברענען פון באַליידיג־טען פאַרדרוס... ווי וועט ער עס זיך דערוואַגען צוטאָן... וואָלט ער עס נאָר פּרובירט !

אינגאַנצען געווען גרייט מיט מויל און האַנט געבען אַ ווידער־שטאַנד.

אויף אַצולהכעיס געבליבען זיצען מיט האַרטקייט און פאַרביסענקייט און גלייך אויף איהם געקוקט שטעבעדיג און גיפטיג.

יאָ, זי איז געווען זיכער, גאַנץ זיכער אין איהר ווייבליכער אָרענטליכקייט. אָבער זי האָט פאָרט ניט געקענט באַהאַלטען פון זיך, אַז זי האָט זיך דאָ עפּעס פאַרפּלאָנטערט אויף אַ מאָדנעם אופן. אַליין אויסגעפּלאָכטען אַרום זיך אַ נעץ פון וועלכען ס'איז איהר שווער אַרויסצוקריכען...

זי האָט געטראַכט וועגען זיך, וועגען ערטער פאַרבאַהאַלטענע, פאַרהילטע, געוואָלט טיף אין זיך באַהאַלטען פון געדאַנק און אויג... ווי נאָכגעגאַנגען זיינע מחשבות... געהיצט זיך און געפּלאָגט פון מאַנסבילשער פרעכהייט... אַ רייב פון אַ שוועבעלע האָט איבערגעריסען איהרע געדאַנקען. דאָס האָט „יענער" אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערט. זי האָט ניט ווילענדיג אויף איהם אַ בליק געוואָרפען און... פּלוצלינדיגע באַרוהיגונג... דערזעהן, אַז ער האָט זי אַפילו ניט אין זינען, האָט אַפילו איין טראַכט פון איהר ניט געטאָן.

אַן אידיאָטקע! פּראָווינציאַלקע, האָט געמיינט אָט כאַפּט ער זי אויס.

אין מוח איז עפּעס אומעדיג און קאַלט געוואָרען ווי ביי טאָג אין אַ טעאַטער... אַן אומעדיגע, יאוש'דיגע פּוסטקייט האָט געבלאָזען אויף האַרץ און נשמה... זי האָט זיך פאַרשעמט פון איהרע נאַרישע געדאַנקען און... ס'האָט פאַרדראָסען וואָס די געדאַנקען זיינען נאַריש און ניט ריכטיג... איהר פרויען אייגען־ליבע האָט פון דעם טעות אָנגעהויבען צו ליידען און געוואָלט האָט זי שוין, אַז אַלעס וואָס זי האָט נאָר אויסגעטראַכט און ניט שטאַרק געווען צופרידען, האָט זי איצט באַגעהרט זאָל זיין אמת... זי איז אָרענטליך... אָבער פרויען־אַמביציע... וואָס, אַזוי מיאוס איז זי שוין מ'זאָל גאָר ניט וועלען אַ טראַכט טאָן, אַ קוק טאָן אויף איהר... ס'פאַרדריסט וואָס זי האָט זיך אַזוי נאַריש אָפּגענאַרט...

יאָ... שוין נאָך אַלעמען... זי איז שוין ניט יענע פאַניע... ערשט פאַר־אַ־יאָהרען... ניין, ס'אַרט זי גאַרניט פאַר זיך... עפּעס פיהלט זי זיך גאָר פאַר'ן מאַן באַליידיגט... וואָס נאָר ער איז אַ

שוטה, וואָס נאָר איהם געפעלט זי... יענער זאָגט דאָך אז נאָך אזעלכעס ווי זי, איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ?

אין דער צייט האָט זי דערזעהן ווי „יענער" האָט צוגערופען אַ קריסטין, וועלכע האָט געטראָגען אויף אַ האַנט אַ קוישעלע מיט בלומען און איהר איז איינגעפאַלען אז דאָס וויל ער פאַר איהר קויפען אַ בוקעט... יאָ, ער האַלט צוויי בוקעטען, באַטראַכט זיי, שמעקט זיי און פאַרלויפט אַלע מאָל מיט אַ בליק אויף איהר... צוויי בוקעטען! פאַר זיך איינעם און פאַר איהר איינעם... אינטערעסאַנט — צי וועט ער עס אַליין צוטראָגען, אָדער ער וועט צושיקען מיט דער קריסטין... זי וועט ביי איהם ניט נעמען און פון דער קריסטין ניט נעמען, נאָר געוואָלט וואָלט זי, ער זאָל אַליין צוטראָגען... יאָ, ער האָט אויסגעקליבען צוויי... און געשפּירט האָט זי ווי די פּוסטקייט און גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער זי איז פריהער מיט אַ שעה צייט אהער געקומען הויבט זיך אָן אומבאַמערקט אָנצופיהלען... די איבעלדיגע זאַטקייט איז פאַרשוואונדען געוואָרען און זי האָט אָנגעהויבען צו שפּירען אַ לייכטען הונגער נאָך עפּעס אונדייטליכעס און נעבעלדיגעס.

די קריסטין איז אוועקגעגאַנגען, ביי יענעם אין די הענט זיינען געבליבען צוויי בוקעטען... הייסט עס... ער וועט אַליין צוטראָגען... ער קוקט אויף איהר... ער טראַכט... זעהט איים האָט קיין דרייסטקייט ניט. ער זיצט... שווער אָהן אַנטשלאָסענהייט זיך אויפצוהויבען... קוקט אין אַ זייט... זי פאַרשטעהט עס... קוקט אין אַ צווייטער זייט...

— און זי האָט גאָר פאַרגעסען: זי האָט נאָך ניט אָנגענומען קיין ענדגילטיגען באַשלוס — זאָל זי צונעמען ביי איהם די בלומען, צי ניין?

ער האָט זיך אויפגעהויבען, דאָס הארץ האָט איהר שרעקליך אָנגעהויבען צו קלאַפּען, און איבער'ן גאַנצען קערפּער האָט זיך אַ היץ צוגאָסען... ער שטעהט. גוט וואָס ער שטעהט נאָך. אָ! ווידער אויף איהר אַ קוק געוואָרפען און גלייך אָפּגעוואָרפען דעם קאָפּ אָן אַ זייט... ניין ער איז ניט קיין דרייסטער... זי האָט ניט ליב

אַזעלכע. אָבער באַקוועם פאַר איהר... ער איז שוין גאָרניט קיין „נאַכאַל”. נו, ס'איז דאָך אַזוי נאַטירליך... אַ יונגער בליהענדער מאַנספּערזאָן... פריהלינג... זון, בוימער און בלומען... אַ יונגע שהענע פרוי זיצט אַנטקעגען...

זאָל זי פון איהם אָננעמען די מתנה, צי ניין?

פון אַ זייטיגער אַלעע האָט זיך אַ יונג מיידעל באַוויזען, אָנ־געטאָן אין אַ העלען גאַרניטור און אין אַ ווייסען הוט מיט אַ פלע־רעז. דאָס פּנים פון אומבאַקאַנטען האָט זיך אין אַ שמייכעל צו־גאָסען, איז געשווינד יענער אַנטקעגען געלאָפען און געכאַפּט איהרע אַ האַנד, אַ קוש געטאָן, גענומען אונטערען אָרעם אוןביידע זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען מיט אַ פרעהליך קלינגענדיג געלעכטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אומבאַמערקט האָט זיך די זון אריבער גערוקט אין מערב־זייט, צוגיסענדיג אַרום זיך ווייכע, קיהלע, פייערדיגע פלאַמען. אי־בער'ן גאָרטען האָבען זיך, פון בוימער און בענק, לאַנגע און ברייטע שאָטענס צושפּרייט... די לופט איז קיהלער געוואָרען, קיהלער און דאַכט זיך עפּעס ווי אומעטיגער עס זיינען אומבאַמערקט פאַר־שוואונדען געוואָרען די קינדער מיט זייער שפּילוואַרג און צוזאַמען מיט זיי — דאָס גערויש... עס איז ליידיג געוואָרען אין באַנק נאָך דער צווייטער... אַ גרויסער טייל מענשען האָבען פאַרלאָזט דעם גאָרטען מיט אַ שטיל יאוש'דיג געמיט, הילענדיג זיך אין די לייכטע זומער־מאַנטלען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעס — די לופט, די בוימער און מענשען — האָבען זיך נאָך עפּעס פאַרבענקט און ווי ברוגז געוואָרען איינס אויף דאָס צווייטע. נאָר די בלומען זיינען עפּעס ווי בלייכער געוואָרען. מילדער, פאַרלירענדיג אין דער דונקעלהייט זייערע שרייענדע פאַרבען און געוואָרען מעהר עהנליך איינס אויף דער אַנדערער ווי ביי טאָג...

מאַדאַם רויטמאַן האָט פאַרלאָזט דעם גאָרטען מיט אַ שטיל, נאָגענדיג בענקשאַפט און פאַרדרוס. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגע־בען קיין רעכנונג וואָס מיט איהר אַזעלכעס איז פאָרגעקומען... וואָס האָט זי אַזעלכעס געוואָלט... וואָס, איז זי אַן אָרענטליכע פרוי?...

נאָר.. האָט אָרענטליכערהייט, אויפ'ן אָרענטליכען אופן געוואָלט דעם מאַן פארראַטען? זי, וואָס איז ערשט פון איהם אַ מוטער גע־וואָרען?... ניין!... אזא פאַרלאַנג איז ביי איהר ניט געווען, האָט אַ געדאַנק אויסגעשריען און אַ צווייטער האָט שטיל געזאָגט: יאָ, ביי איהר איז יאָ געווען אזא פאַרלאַנג.

געקומען אַ היים מיט איבעריגער, ווייבליכער צערטליכקייט... האָט געדריקט דעם מאַנ'ס קאָפּ צו איהרע פולע אָנגעגאָסענע קינ־פּעט־ברוסטען און געזאָגט האָט זי איהם, אַז זי האָט איהם שטאַרק, שטאַרק ליב.

זי האָט געזאָגט און געגלויבט אינ'ם געזאָגטען און געוואונ־דערט זיך וואָס עפּעס איז דאָרטען אין גאָרטען פאָרגעקומען אזעל־כעס, וואָס זי קען איהם ניט דערצעהלען... אַז דאָס איז עפּעס איהרע אַ ווייבליכע זאַך, אַ זאַך וואָס דער מאַן, ווי זי זאָל איהם ניט ליב האָבען, וועט עס שוין ביי איהר קיינמאָל ניט וויסען...

# אַ יונגע אַלמנה.

ער איז געשטאָרבען נאָך גאָר אַ יונגער, און זי איז געבליבען נאָך גאָר אַ יונגע אַלמנה, איינגער ווי פאַר דער חתונה, ווייל פאַר דער חתונה איז זי געווען אַן אַלטע מויד, און נאָכ'ן מאַנ'ס טויט איז זי געבליבען אַ יונגע אַלמנה.

דערווייל טראָגט זי נאָך דעם מאַנ'ס פאַמיליען נאָמען און זי וועט איהם טראָגען אַזוי לאַנג, ביז זי וועט קריגען אַ צווייטען מאַן מיט אַן אַנדער פאַמיליע. אמת, זי טרויערט נאָכ'ן פאַרשטאָרבענעם מאַן, אָבער אַזוי, מיט שכל, הייסט עס, ניט אָפּצושטויסען פון זיך אַ לעבעדיגען, און טאַקע, פאַרקערט, אויך צוליב אַ לעבעדיגען טרויערט זי נאָכ'ן טויטען, כדי אַ לעבעדיגען צוציהען...

עס איז שוין אַ פּאָר יאָהר נאָך זיין טויט, און זי רעדט וועגען איהם, אַזוי ווי עס וואָלט ערשט געווען אַ פּאָר וואָכען נאָך זיין שטאַרבען... וואָס מעהר איינער, אַ לעבעדיגער, געפעלט איהר, רעדט זי מעהר פון פאַרשטאָרבענעם. רעדט אַזוי פיל, וויפיל מען דאַרף, אַז יענער, דער וואָס געפעלט איהר, זאָל זיך טראַכטען, אַז זי קאָן זיין זעהר אַ געטרייע פרוי און ליבט איהם אפילו נאָך זיין שטאַרבען.

זי איז שוין איין מאָל קלוג...

אייגענטליך, ווען זי וויל נאָר, וואָלט זי זיך געקאָנט אָנגעבען פאַר אַ מיידעל... איז זי אָבער דערגאַנגען... אַזאַ יונגע אַלמנה האָט אַלע מאָל מעהר שאַנסען צוציהען צו זיך אַ יונגען מאַן, ווי אַ פאַרעלטערט מיידעל. זי איז דאָס דערגאַנגען, זעהענדיג, אַז נאָכ'ן מאַנ'ס טויט האָט מען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אַרום איהר, פיל גערנער, מיט מעהר לוסט, ווי פאַר דער חתונה... פון

דעם האָט זי זיך דערוואוסט די שוואכקייט פון די מענער, אז א יונגע אַלמנה האָט עפּעס מעהר רייץ, איז אפילו פאר אַן אומבאַ־קאַנטען, וואָס באַקענט זיך מיט איהר פאר׳ן ערשטען מאָל, גיט זי איהם גלייך צו וויסען, ווען יענער טיטולירט זי מיט׳ן וואָרט „מיס״, אז:

— ניין, מיסטער, איהר האָט א טעות. ניט מיס, נאָר מיסעס!

און גלייך איילט זי זיך צו לאָזען וויסען דעם נייעם באַקאַנ־טען, וואָס האָט זי אָנגענומען פאר א מיס און ניט פאר קיין מיסעס, אז דער מאַן איהרער איז געשטאָרבען און אויב דער ניי־באַקאַנטער געפעלט איהר, צורעדט זי זיך וועגען איהר מאַן, ווי דער מאַן האָט זי ליב געהאַט און זי איהם, ווי זי ליבט איהם נאָך היינט, ביז איצטיגען טאָג און ביז איצטיגער שעה... האָט זי אָבער מורא, אז ער וועט אפשר דערפאַר מורא האָבען א טראַכט צו טאָן וועגען איהר, גיט זי איהם אָנצוהערען, אז דאָס לעבען איז שטאַרקער און צורעדט זיך אומגעפּהר יעדעס מאָל מיט אזא לשון:

זי האָט געמיינט, ווען דער מאַן איז געשטאָרבען, אז אויס, די וועלט געהט אונטער!... זי האָט אפילו ניט געקלערט צו לעבען. יאָ, זי האָט געטראַכט דאָס לעבען זיך צו נעמען. זי געדענקט, אז מען האָט איהר צום ערשטען מאָל צוגעטראָגען א גלאָז טיי, האָט זי יענעם, וואָס האָט איהר אונטערגעטראָגען די גלאָז טיי, אָנגע־קוקט ווי א משוגע׳נעם.

— אָט אזוי איז דאָס לעבען, — פאַרענדיגט זי אַלע מאָל, צי זי דערצעהלט אזוי צי אַנדערש, — דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אונז... מ׳לעבט און ס׳ווילט זיך לעבען... זומער צוליב דער זון און ווינטער צוליב׳ן שניי... ס׳געפינט זיך שוין איבער וואָס צו לעבען.

א חכמה! אז פון אַלע זייטען האָט עס שכל זיך צו באַוואָ־רענען... זאָל ער וויסען, אז זי איז אַן אַלמנה און זאָל ער קראַפּירען נאָך איהר און זאָל ער וויסען, אז זי האָט ליב געהאַט דעם מאַן און האָט איהם נאָך איצט ליב, כדי ער זאָל זיך ניט ערלויבען דאָס,

וואס צו אן אלמנה קאן מען זיך ערלויבען, און זאל ער וויסען, אז דאס לעבען איז שטארק...

* * *

געפאקט איינעם, וואס איז איהר געפעלען מעהר ווי אלע אנדערע, האט זי אין דעם מאן אריינגערעדט פיל מעהר ווי אין אלע אנדערע. א חוץ די אויסגערעכענטע זאכען, וואס זי האט אריינגערעדט אין אנדערע, האט זי דעם מאן אנגעהויבען דערצעהלען פון איהר אינטים לעבען מיט'ן פארשטארבענעם מאן. וואס יענער האט געגליכען אין איהר און וואס ער האט ניט געגליכען. און ווידער, וואס זי האט געגליכען אין איהם און ניט געגליכען... האט זי אנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי ער, דער מאן איהרער, האט געגליכען צו שנעלען אין נאז אריין. זי האט געקאנט זיצען פארטראכט און פלוצלינג... א פיק אין נאז. זי פלעגט זיך מיט איהם הרג'ענען דערפאר, און ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט עס שוין מעהר ניט טאן... איז דאך גוט, א יא? אין דעם זעלבען טאג, אין א שעה ארום, אהא, זי פיהלט שוין ווידער א שנעל אין נאז.

— בין איך געווארען מיט איהם ברוגז אויף א טאג און אמאל אויף צוויי פאר דעם שנעל אין נאז, און דאס האט זעהר פיל געזונט איהם געקאסט. ער האט ניט געקאנט איבערטראגען, אז איך זאל מיט איהם ברוגז זיין, האט ער מיך איבערגעבעטען און זיך געשווארען: אויס, שוין! ער וועט עס שוין מעהר ניט טאן. ס'איז אוועק א טאג, צוויי און אויפ'ן דריטען טאג, אהא! איך קריג שוין ווידער א פיק אין נאז אריין...

איז וואס האט זי מיט איהם געקאנט מאכען? געהן זיך גט'ן, צי זיך אלע מאל קריגען, צי אלע טעג פון וואך זיין מיט איהם ברוגז? האט זי איהם דערפאר אפגעצאהלט מיט א הוך אין אויער אריין. פלעגט ער געבען א שפרונג אונטער א פארציטערטער... טאקע דעמאלט, ווען ער איז געזעסען פארטראכט, האט זי עס איהם געטאן, דעם מאן איהרען. אונטערגעגאנגען און:

— הו־הו!

ווייטער האָט ער געגליכען עפּעס אַריינצונעמען אין מויל אַריין, האַלטען צווישען די ליפּען און נאָר געוואָלט זי זאָל אָפּ־בייסען אַ שטיקעל דערפון און זי האָט געזאָגט, אַז זי וויל ניט, זי גלייכט עס ניט, האָט עס איהם פאַרדראָסען. ער האָט געזאָגט, אַז ניט אַנדערש, אַז זי האָט איהם ניט ליב. האָט זי געשוויגען. וואָס וועט זי איהם געהן זאָגען, אַז זי האָט איהם יאָ ליב. אַ מאַן דאַרף מען עס ניט זאָגען. פּיהלט ער, איז גוט; פּיהלט ער ניט... זאָל ער מיינען, וואָס שאַדט עס? ער וועט איהר נאָך בעסער ליב האָבען.

און אַזוי איז זי אָנגעגאַנגען מיט איהרע ערצעהלונגען פון איהר אינטים לעבען מיט׳ן מאַן. זי איז אַלץ ווייטער געגאַנגען, וואָס מעהר זי איז אין איהם, אינ׳ם לעבעדיגען, פאַרליבט געוואָרען.

ער האָט זעהר געגליכען זי אויסצוטאָן, און אויסצוטאָן זיך איז ביי איהר קיינמאָל ניט געווען שווער. זי, פאַרקערט, האָט אַלע יאָהרען, פון פּיצעלווייז אָן, געגליכען מען זאָל איהר אָנטאָן און ניט אויסטאָן... און זי פלעגט איהם זאָגען: יאָ, גוט, זי וועט זיך לאָזען אויסטאָן, אַבי ער זאָל איהר צוזאָגען, אַז אין דער פריה וועט ער זי אָנטאָן, האָט ער איהר צוגעזאָגט, און אויף מאָרגען:

— איהר האָט מיך אַמאָל אָנגעטאָן? אַזוי האָט ער מיך אָנגעטאָן... האָב איך שוין דערפאַר דעם צווייטען אויף דער נאַכט זיך ניט געלאָזט אויסטאָן.

פון איהר ברוסטיגער ברוסט איז ניט אַראָפּ די פאָרטרעט שפּילקע פון איהר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס איז געווען אַ קליין בילדעל איינגעפאַסט אין אַ קליין גאָלדען וואָאַל רעמעל. נאָך דעם מאַנ׳ס טויט האָט זי עס, אָט דאָס בילדעל, געלאָזט איינפאַסען אין דעם גאָלדענעם רעמעל פאַר אַ זכר און פאַר אַ צירונג פאַר זיך און פאַר אַנדערע, אַז זי האָט געהאַט אַ מאַן און פאַרגעסט ניט אָן איהם און... האָט אַ שפּילקע, וואָס איז „ער" און וואָס דאָס איז שפּילקע איינציייטיג... אין געגענוואַרט פון לעבעדיגען, ווען זי האָט אויסדערוועהלט פאַר איהר אויסדערוועהלטען, איז זי אָפּט אַריינגעפאַלען אין אַ בענקשאַפט טאַקע צום לעבעדיגען, אָבער זי

האָט געהאַלטען מיט אַלע פינף פינגער פון אַ האַנט די שפּילקע און אַראָפּגעקוקט אויף איהר, ס'הייסט אויף „איהם", מיט די אויגען און מימ דער נאָז און מיט'ן גאַנצען פּנים אַראָפּ, ווי אַלעס, אַט דאָס אַלעס וואָס קוקט צו איהם אַראָפּ און דאָס איבעריגע וואָס איז גע־בונדען מיט איהר, געהער נאָך אַלץ צו איהם... בייטאָג האָט זי געהאַט צוויי, איינעם אינוועניג, הינטער דער ברוסט, און איינעם אויסוועניג, אויף דער ברוסט. און ווי נאָר איינער איז אוועק, האָט זי גלייך אָן דעם, וואָס איז איהר אויבען אויף דער ברוסט געהאַנגען, אינגאַנצען פאַרגעסען און אויף ביינאַכט איז ער איב־גאַנצען אַראָפּ פון איהר ברוסט, איז געבאָך געבליבען מיט דער בלוזע איינזאַם פאַרלאָזט, ווי „ער" נעבאַך, דער אָריגינאַל, איז דאָרטען אויפ'ן בית־עולם אין זיינע תכריכים געלעגען. דאָס בילד איז אינגאַנצען פאַרגעסען געוואָרען און געבליבען מיט איהר איב־גאַנצען איז דער, וואָס איז הינטער דער ברוסט געלעגען...

דער יונגערמאַן, וואָס האָט לכתחילה געזוכט מיט איהר זיך צו באַקענען כדי גרינג און אומפאַראַנטוואָרטליך צו קאָנען גע־ניסען פון איהר דאָס וואָס איז שווער און פאַראַנטוואָרטליך צו באַקומען ביי אַ מיידעל, האָט זיך נעבאַך זעהר נאַריש דערפיהלט אין זיין ראָליע. זי האָט ווירקליך דערגרייכט ביי איהם דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. ער איז צוגעצויגען געוואָרען צו איהר און האָט איינצייטיג זיך גאָרניט געקאָנט ערלויבען... ער האָט גע־פיהלט אַ גרויסע אַכטונג און עהרעפורכט צו דער יונגער אַלמנה, וואָס רעדט אַזוי אָפט פון איהר מאַן און וואָס ביי איהר הענגט ווי אַ שומר'ל אַט דאָס פּאָרטרעטעל פון פאַרשטאָרבענעם, און ער קאָן זיך ניט ערלויבען מיט איהר אפילו אַזאַ זאַך, וואָס מ'קאָן זיך אפילו אַמאָל מיט אַ מיידעל ערלויבען, ניט נעמענדיג אויף זיך דערמיט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט... דעם יונגענמאַן איז נעבאַך אויס־געגאַנגען דאָס חיות. ער האָט אַזוי געגלוסט אָנצוריהרען אָט די ברוסט, אָט וויל דאָס בילד פון איהר טויטען מאַן איז געהאַנגען אויף דער ברוסט, און ווידער דערפאַר, וויל עס איז געהאַנגען, האָט ער עס קיין דרייסט ניט געהאַט צו טאָן. יאָ, ס'איז געווען אַ גרויס

רחמנות אויף דעם לעבעדיגען: אריינגעהן צו אַן אַלמנה און זיך מוזען האַלטען לייטישער ווי מיט אַ מיידעל, און דערצו נאָך אויס־הערען כסדר איהרע רייד וועגען איהר פארשטאָרבענעם מאַן, וועמען ער האָט אויפ'ן לעבען ניט געקאָנט, און ס'האָט איהם געאַרט פאַר יענעם פונקט אַזוי פיל ווי עס אַרט איהם פאַר אַלע טויזענטער מענשען, וואָס שטאַרבען אויף דער וועלט און מען ווייסט אפילו ניט, אַז זיי זיינען געשטאָרבען... דאָ האָט ער נאָך געמוזט מאַכען אַ נאַריש אָנגעבלאָזענעם פנים, אַז עס אַרט איהם כלומר'שט פאַר יענעם וואָס איז געשטאָרבען און וואָס זי איז נאָכ'ן געשטאָרבענעם געבליבען אַן אַלמנה...

ער איז צובּיסלאַך, אַליין דאָס ניט באַמערקענד, פאַרהיפּנאָ־טיזירט געוואָרען אי פון איהר, אי פון „איהם", צווישעןביידען, ווי אין קלאַמערס אריינגעפאַלען און פאַרהיפּנאָטיזירט געוואָרען פון איהר אינטים לעבען מיט'ן פאַרשטאָרבענעם, און דערפיהלט, ווי עס וואַקסט ביי איהם אַ פאַרלאַנג, עפּעס אַ מין שוואַכקייט נאָכצוטאָן יענעם, דעם פאַרשטאָרבענעם, נאָכצוטאָן אַלעס דאָס, וואָס „יענער" האָט מיט איהר געגליכען צו טאָן, אָבער האָט עס איינצייטיג מורא געהאַט צו טאָן, ווייל זי האָט עס ניט געגליכען. איז ער אַזוי פּאַמעליכקע צוגעגאַנגען צו איהר און זיך אַוועקגע־שטעלט, האָט פאַרבויגען אַ פינגער אַנטקעגען איהר נאָז אין רעכט־פערטיגקייט איהר צו געבען אַ פּיק אין נאָז אריין און זי האָט זיך אַזוי אָנגעשטאַלט מיט ערנסטקייט און מיט זיכערהייט, אַז ער וועט קיין דרייסט ניט האָבען דאָס צו טאָן און באַהאַלטען אין זיך די צופרידענהייט, וואָס ער האָט אַזאַ פאַרלאַנג.

— אַנו, לאָמיר זעהן!... איך האָב ניט געגליכען מיין מאַן זאָל עס מיר טאָן.

און זי האָט זיך אריינגעוואָרפען אין אַ קאָקעטישען אומעט און אונטערגעמורמעלט אַן אומעטיג ניגונ'דעל, אַן אומעטיגס און מיט זיך צופרידענעם און מיט אַ צוזאַמענמיש פון בענקשאַפט, כלומר'שט נאָכ'ן פאַרשטאָרבענעם מאַן און אין דער אמת'ן מיט ציהעניש צום לעבעדיגען, און ווידער מיט עפּעס אַ מין פאַלשקייט

צוביידען... צום פאַרשטאָרבענעם דערפאַר, וואָס ער איז אַ געשטאָרבענער, און פאַלש צום לעבעדיגען דערפאַר, וואָס ער איז אַ לעבעדיגער.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל קיינמאָל קיינעם ניט ליב קריגען, — האָט זי געזאָגט צום יונגענמאַן אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט דערפיהלט, אַז זי איז אין איהם פאַרליבט.

דער יונגערמאַן האָט עפּעס יאָ געגלויבט און ניט געגלויבט, אַלענפאַלס איז ער געוואָרען ערנסט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער אַ שנעל טאָן איהר אין נאָז אריין, צי ניט, און דאָס אַלמנה'לע האָט אויף איהם געקוקט פול מיט לעבענס לוסט און ווייבליכער חכמה און געזעהן, אַז ס'איז שוין אַלעס צייטיג, אַז ער איז שוין אין איהר פאַרליבט, האָט זי זיך געטראַכט, זאָל ער שנעלען. האָט אָבער דער יונגערמאַן געזעהן און געקוקט אויפ'ן פאָרטרעטעל, וואָס האָט מיט פאָטאָגראַפישער לעבעדיגקייט געקוקט אויף איהם און געשוויגען, געשוויגען מיט לעבען און טויט צוזאמען, און האָט מיט מעהר מאַכט ווי ווען ס'וואָלט זיך נאָר לעבען געפיהלט און ניט קיין טויט, איהם אָפּגעהאַלטען דערפון... דאָס אַלמנה'לע, נאָך לאַנג וואַרטען, האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט, פון איהר זיצען און געוואָרפען אויף איהם אַן ערנסטען און שמייכלענדיגען קוק, איז זי איהם פאַרגאַנגען אַרונטער און האָט איהם אַ הויך געטאָן אין אויער אריין... דער יונגערמאַן האָט זי גלייך אַרומגעכאַפּט, זיך צוגעדריקט צו איהר און זי צו זיך און ביידע האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט הענט און פיס און מיט אַלעם אַנאַנדער, און צווישען ביידען, צווישען איהם מיט איהר, איז איינגעפּרעסט געוואָרען פון זיין האַרטער ברוסט צו איהר ווייכער, די פאָרטרעט שפּילקע פון דעם פאַרשטאָרבענעם מאַן... ביידע האָבען פאַרגעסען אָן דעם דריטען צווישען זיי...

# די מאָרעל.

אין איינעם אַ שבת אין דער פריה, ווען רחל איז געשטאַנען אָהן אַ בלוזע איבערגעבויגען איבער אַ שיסעל וואַסער און זיך געזייפט און געוואַשען דאָס פּנים איהרס, האָט זיך האַמאָטנע אַן עפען געטאָן די טיר און ס׳איז אַריינגעלאָפען און גלייך צוגעלאָפען צו רחל׳ען אַ קליין, דאַר מיידעלע פון אַ יאָהר צוועלף-דרייצעהן און אַרויפגעלעגט איהר קליין, דאַר הענטעל אויף רחל׳ס נאַקעטען אַקסעל, און זי האָט גיך און איילענדיג געזאָגט:

— אוי, רחל, קומט שוין צוגעהן, די מאַדאַם דאַרף אייך נויטיג האָבען.

און כאָטש די קליינע האָט ניט געזאָגט צו וואָס די מאַדאַם, אין ווענעמס נאָמען איהר מיידעלע איז איהר געקומען רופען, דאַרף זי האָבען, האָט רחל דאָך פאַרשטאַנען, נאָך וואָס יענע האָט עקסטראַ געשיקט נאָך איהר. רחל האָט אויסגעדרעהט צו איהר דאָס אָנגעזייפטע פּנים מיט פאַרמאַכטע אויגען און מיט אַ פאַרקנייטשטער נאָז, און געענטפערט:

— געה זאָג דער מאַדאַם, אַז דו האָסט מיך אין שטוב ניט געטראָפען, אַז איך בין ניטאָ.

— וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט צוגעהן? — האָט די מוטער, וואָס איז געשטאַנען נעבען מיט אַ פרישען האַנדטוך, געזאָגט. — וויפיל דאַרף עס געדויערען?

— די דאַמע, וואָס איז געקומען מעסטען דאָס קלייד, שטעהט און וואַרט, — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט.

— אפילו פון היינט ביז מאָרגען, — האָט רחל געזאָגט האַרט און אָנטשלאָסען, אַריינוואַרפענדיג דאָס פריש נאַס פּנים אין האַנדטוך אַריין.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פאָטער, אַ האָרעפּאַשנער איד, וואָס איז געזעסען ביים טיש מיט די ווייסע אַרבעל און גע־טרונקען שטאַרקע טיי, ווי ביער (זעהט אויס, לכבוד שבת).

— מסתמא באַדאַרף זי דאָך דיך נויטיג האָבען, ווען זי האָט געשיקט נאָך דיר.

רחל האָט ניט געענטפערט. זי האָט געווישט און געריבען דאָס פּנים שוין ניט צוליב דעם, ווייל זי האָט עס באַדאַרפט ווישען, נאָר פון פאַרדרוס האָט זי דאָס שוין געטאָן. דאָס פּנים איז שוין געווען אינגאַנצען טרוקען.

— געה זאָג דער מאָדיסטקע, אַז איך בין ניטאָ! — האָט זי מיט נאָך מעהר הארטקייט און אַנטשלאָסענהייט געזאָגט צום מיידעלע.

ביים טיש, ביי אַ זייט נעבען האָרעפּאַשנעם אידען, איז גע־זעסען אַן אָנגעבלאָזען ווייבעל, און כאָטש דעם בויך איהרען האָט דער טיש פאַרשטעלט, האָט מען אָבער אָן פּנים אַליין געקאָנט דער־קענען, אַז דאָס ווייבעל איז אַ ווייבעל (כאָטש זי איז געווען אינגער פון רחל'ען), און אַז דאָס ווייבעל „טראָגט". די ליפּען און די נאָז איז געווען אָנגעבלאָזען ביי איהר און אפילו ווען זי איז ניט געווען ברוגז, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ ברוגז'ע. איצט אודאי. ס'האָט איהר פאַרדראָסען אויף דער שוועסטער, וואָס יענע האַלט זיך אַזוי פאַררייסען.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס ביזטו ביי זיך אַזאַ גרויסער „יאַ טעבע דאַם"? — האָט זי געזאָגט, באַטראַכטענדיג דעם ביוסט דער שוועסטער'ס און די גאַנצע פיגור איהרע, איבער וועלכע די האָט גערעכענט, אַז יענע, רחל, האַלט זיך פאַר אַ „יאַ טעבע דאַם"... יאָ, זי וואַלט איהר געקאָנט אַריינזאָגען, אַז זי, רחל, זאָל זיך שוין האָבען צו האַלטען... וועגען איהר ביוסט טאַקע און וועגען איהר פיגור. אָבער דער פאָטער, וואָס איז דערביי געזעסען, האָט איהר מיט זיין זיצען דאָ צושטערט.

בכלל האָט זיך די אינגערע שוועסטער, דאָס ווייבעל, די טראָ־געדיגע, געהאַלטען צו דער עלטערער מיט אַ האַלטען זיך, ווי זי

וואָלט געווען די עלטערע, און דאָס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס איהר האָט עס אָפּגעגילט פריהער חתונה צו האָבען פאַר דער עלטערער, און ווי אַלע פאַרהייראַטע פרויען, האָט די אויך געמיינט, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט שוין חתונה געהאַט, איז מיט דעם אַליין איז זי שוין קליגער פון דער עלטערער שוועסטער און קאָן זיך ערלויבען אַריינצומישען זיך אין איהר פּערזענליכען לעבען.

די מוטער האָט דערזעהן, אַז ס'פאַרנעמט זיך צו פאַרקאָכען אַ קאַשע, האָט זי דיפּלאָמאַטיש אַ גלעט געטאָן דאָס קליינע מיידעלע, וואָס איז נאָך רחל'ען געקומען און געזאָגט צו איהר, צום מיידעלע, זי זאָל זיך אָוועקזעצען און זיצען און צוואַווארטען ביז וואַנען רחל וועט זיך אָנטאָן און „כאַפּען" אַ גלאָז טיי. רחל איז אָנגעפאַלען אויף דער מוטער:

— האָסט איהר ניט וואָס צו הייסען ווארטען. איך וועל ניט געהן!

— פאַרוואָס?

— אַזוי, דערפאַר וואָס איך וויל ניט.

— דערפאַר, וואָס זי איז אַ מאַנעקען! — האָט די שוועסטער געזאָגט.

— איהר אויף אַ קדחת וועל איך ניט געהן! אָט ווייל זי וויל. ווען זי וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט, וואָלט איך געגאַנגען.

— נאָך וואָס באַדאַרפסטו זיך מישען? — האָט זיך די מוטער אָנגעע'ברוגז'ט אויף יענער, אויף דער אינגערער, אויף דער טראָגעדיגער. — וואָס דאַרפסטו זיך מישען?

און מיט סקריפּעדיגע שבת'דיגע שיך, וואָס מ'האָט פון די שיך אַליין געקאָנט דערקענען, אַז ס'איז שבת, איז זי צוגעגאַנגען צום טיש און פון טשייניק, וואָס איז דאָרטען אויפ'ן טיש געשטאַנען איינגעדעקט מיט אַ גראָבען האַנדטוך, די וואַסער זאָל ניט קאַלט ווערען, האָט זי אָנגעגאָסען פאַר רחל'ען אַ גלאָז טיי און אַריינגעלעגט אַ קיבעל אין שאָלכעל אַריין.

— נעם, טאָכטער!

— איך האָב געזאָגט, אַז איך געה ניט!

דער פאָטער האָט איהר גענומען אויפ'ן צימבעל:

— אודאי, מ'באַדאַרף האַלטען וואָרט. אז מ'זאָגט אַ וואָרט, באַדאַרף מען דאָס וואָרט האַלטען. כל היוצא מפיו יעשה.

ער האָט אויך געוואָלט זי זאָל געהן, אָבער ס'האָט איהם ניט געאַרט, וואָס זי געהט ניט. ס'האָט איהם געאַרט אויף אַזוי פיל, וויפיל ער האָט ניט געקאָנט לײדען דאָס אַמפּערען און דאָס קריגען זיך זייערס, וואָס קאָן אַרויסשפּרינגען אַ דאַנק דעם, וואָס זי געהט ניט... ער האָט געוואוסט, אין וואָס עס האַנדעלט זיך, און ביי זיין בעסטען ווילען האָט ער זיך דאָ ניט געקאָנט אַריינמישען... ס'האָט זיך דאָך געהאַנדעלט וועגען דער טאָכטער'ס פיגור... איז דאָס געווען אַ ביסעל פּריקרע. ס'האָט זיך געלוינט גאָר אין גאַנצען זיך ניט ווייסענדיג מאַכען...

— איך פאַרשטעה ניט, ס'איז דאָך שבת!...

די מוטער איז אויף איהם אָנגעפאַלען:

— וואָס זשע, מ'רופט איהר דען עפּעס אַרבייטען דאָרטען? נאָר אָנמעסטען אַ קלייד, ווייטער גאָרניט.

— מיין עסק! — האָט זיך דער איד אָפּגעטרייסעלט.

דאָס קליינע מיידעלע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געוואַרט. זי האָט געוואַרט און געגלויבט, אַז רחל וועט נאָך געהן מיט איהר. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אָט דאָס קליינע מיידעל, דעם קאַפּריז פון דער גרויסער מיידעל, ווי אַזוי מ'וויל דאָס ניט געהן מעסטען אַ נייע זיידענע קלייד.

— דו קאָנסט געהן! איך וועל ניט געהן! — האָט רחל באַפוילעריש און אַנטשלאָסען געזאָגט צום מיידעלע.

ווען די קליינע איז שוין געווען ביי דער טיר, איז איהר נאָכגעגאַנגען די אַלטע און געזאָגט דער קליינער, די קליינע זאָל זאָגען, אַז זי האָט ניט געטראָפען רחל'ען אין דער היים, און רחל האָט גלייך און כמעט ווי איינצייטיג מיט דער מוטער געזאָגט, פאַר זיך, פאַר אַלעמען, אַז אַלע זאָלען הערען און דאָס קליינע מיידעל זאָל הערען:

— אַז ס'אַרט מיך ניט, אַז זי וועט יאָ זאָגען, אַז איך בין אין דער היים געווען. אוים, איך וועל מעהר קיין מאַנעקען ניט זיין.

די טראָגעדיגע שוועסטער האָט אויסגעשטעלט אויף רחל'ען אַ פּאָר טעמפּע אויגען און איהר אַריינגעזאָגט:

— אַליץ איינס, צי דו וועסט געהן, צי דו וועסט ניט געהן, אַ מאַנעקען וועסטו שוין בלייבען.

דאָס קלוגע מיידעל איז אַוועקגעגאַנגען און רחל'ען האָט זיך זעהר ניט געגלוסט זיך אַוועקזעצען ביים טיש און אָנקוקען דער שוועסטער'ס פּנים. דערפאַר האָט זי די גלאָז טיי איהרע צום פענסטער גענומען און האָט זיך ביים פענסטער געזעצט און גע־טרונקען און זופּענדיג די טיי, האָט זי אין דרויסען געקוקט אויף דעם שעהנעם און ליכטיגען פריהמאָרגען, אין וועלכען ס'האָט זיך נאָך געשפּירט די פרישקייט פון ביינאַכטיגען רעגען, און ס'האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די אַלע מענשען, וואָס געהען הין און צוריק, איז יעדער איינער פון זיי גליקליכער פון איהר, אַז זי קען איבער עפּעס ניט געניסען פון דער ליכטיגקייט און וואַרימקייט, וואָס גאָט'ס מילדע האַנט האָט איבער זיין וועלט צוגאָסען... איין שבת אין דער וואָך, איין פרייער טאָג, איז וואָס זי האָט פון איהם, אַ חוץ דעם וואָס זי עסט אַ פרישען קיכעל, קען זי זיך ערלויבען צו שלאָפען שפּעט און... וואָס נאָך? מעהר גאָר ניט... וואָס טוט זי מיט די איבעריגע פרייע שעה'ן?... מערקווירדיג! וואָס איז מיט איהר אַזעלכעס געשעהן? ס'האָט זיך דאָך פון אָנפאַנג גאָר אַנדערש גע־שניטען... אין אָנפאַנג, ווען איהר קערפּער האָט זיך אָנגעהויבען אויספאָרמירען... אָ, וויפיל פרייד און האָפנונג האָט איהר געגעבען אָט די פיגור איהרע, וואָס האָט זיך צווישען 14 און 15 יאָהר אַזוי שעהן צואוואַקסען און צובליהט. זי איז נאָך קיין פולע דרייצעהן יאָהר ניט אַלט געווען, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען פאָרמירען, און צו פופצעהן יאָהר איז זי שוין געווען אַ פאַרטיגע, אַ צייטיגע, אַן אויסגעפאָרמירטע, מיט אַ קיילעכדיגען, פאַלשטענדיגען ביוסט און אַ זעלטענער טאַליע. און ווי גרויס איז דאָס געווען דאָס גליק איהרס, ווען מ'האָט ביי די מאָדיסטקעס, וואו זי האָט געאַרבייט,

אָנגעהויבען צו מעסטען אויף איהר די קליידער. אַלע דאַמען, וואָס האָבען דאָרטען גענייט אָט די קליידער, האָבען זיך מתקנא געווען אין איהר:

— דאָס איז אַ פיגור! דאָס איז שוין איינמאָל אַ טאַליע!

און ס'געדענקט זיך צייטען און מאָמענטען, ווי רעגענבויגענ־דיגע פאַרבען. ערגעץ אין איהרע ווייבליכע אָפּגרונדען האָט גע־בליצט האָפנונג און פרייד פון עפּעס אַ ליכטיגער צוקונפט, וואָס איהר איז פאַרגעשטאַנען און וואָס איהר האָט צוגעזאָגט אָט די שעהנע פיגור מיט דעם פריה־אַנטוויקעלטען קערפּער... יאָ, ס'איז געקומען אומגעריכט, גאַר אומערוואַרטעט, ווי אַ באַלוינונג פאַר איהר שלעכט קינדערש לעבען וואָס זי האָט דורכגעמאַכט ביי די עלטערען און ביי די מאַדיסטקעס, וואו זי האָט די אַרבייט געלע־רענט און מיט די האָפנונגען האָט זי זיך אַזוי געלעבט אַ יאָהר און צוויי און... מערקווירדיג: מעהר האָבען געקוואָלען פון איהר מענשען פון איהר געשלעכט. זי האָט עס שוין שפּעטער־צו אָנגע־הויבען צו באַמערקען, אַז מיט דער פיגור מיט איהרער זייגען ווייבער מעהר ענטציקט ווי מענער. קענטיג, אַז אַ חוץ דעם, איז עפּעס קיין אָנציהענדעס ניט געווען אין איהר, עפּעס איז זי שוין געווען צו מאַדעליסטיש. די פיגור איהרע איז געווען אַזוי אויס־געגאָסען, אַז ס'האָט ווירקליך מעהר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מאָדעל, ווי אַ לעבעדיגע פיגור. יאָ, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט טאַקע באַשאַפען געוואָרען צוליב דעם, אַ מאָדעל צו זיין און קיין יונגע לייט האָט זי ניט צוגעצויגען צו זיך מיט איהר שעהנער פיגור. עפּעס האָט זיך געפיהלט אין איהר אַן אומבאַוועגלכקייט, רוהיגקייט און פאַרשלאָפענהייט, כאָטש באמת איז זי אינערליך ניט געווען אַזוי רוהיג און ניט אַזוי פאַרשלאָפען, און ס'האָט זיך געקאָנט דוכטען נאָר... דוקא פון אָט דעם ביוסט פון איהרען האָט עס גע־שלאָגען אָט די רוהיגקייט, אָט די שטענדיגע אויסגעפיגורטקייט, וועלכע האָט געשאַפען דעם איינדרוק, אַז זי פאַרמאָגט אין זיך קיין טעמפּעראַמענט ניט... און זי איז נאָר אויף אויסגעשטעלט צו ווע־רען. די ערשטע פאַר יאָהר האָט זי עס ניט באַמערקט און ניט גע־

קענט באַמערקען, ווייל זי איז געווען יונג און ניט געוואוסט ווי יונגע לייט באַדאַרפען זיך האַלטען און זיך פיהרען... שפּעטער האָט זי אָנגעהויבען צו קלערען, אז ס'איז עפּעס ניט אזוי ווי זי האָט געמיינט, אז עס דאַרף זיין, אז מענער פראַהאַלטען זיך צו איהר פיל רוהיגער ווי ווייבער... יאָ, פון דערווייטענס האָבען מענער אומבאַקאַנטע געוואָרפען אויף איהר בליציגע בליקען. אָבער ווי ס'איז געקומען צו דער נאָהענט, ווי נאָר זי האָט זיך מיט אימיצען באַקענט, האָט זי באַמערקט עפּעס אַ גלייכגילטיגקייט. אין בעסטען פאַל האָט זי ניט באַמערקט דעם רייץ, וואָס זי האָט ערוואַרטעט, האָט זי דאָך נאָך סאַמע פון אָנהויב, גאָר אין די אינגסטע יאָהרען, געוואוסט, וואָס יענע לייט האָבען אזוי ליב, נאָך וואָס זיי לעכצען אזוי שטאַרק, און דאָ גאָר...

זי האָט עס ניט געקאָנט באַגרייפען.

זי האָט זיך אזוי פאַרטראַכט און פאַרגעסען אָן דער טיי. צוזאַמען ווי דאַרטען פאַר די אויגען האָט זיך געפּלאָנטערט די באַוועגונג אין גאַס, אזוי האָט זיך דאָרטען אין איהרע געדאַנקען געוועבט אָט די אַלע מחשבות וואָס האָבען זיך ערגעץ אין איהרע הינטערגרונדען זיך געוועבט און פאַרשאַפט האַרץ־וועהטאָג און שמערצליכע בענקשאַפט... זי האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך, אַז זי איז אַ שטיף־קינד ביים לעבען... פּונקט ווי ביי אַ שטיף־מאַמע אַ שעהן קינד: ווי דאָס קינד זאָל דאַרטען שעהן ניט זיין, בלייבט עס פאָר איהר אַלץ אַ שטיף קינד און זי באַהאַנדעלט עס אַנדערש ווי איהרע אייגענע קינדער, אזוי ווערט זי באַהאַנדעלט אין לעבען. כאָטש זי איז שעהנער פון אַלע אַנדערע מיידלאַך און יונגע ווייבלאַך... פּשוט זי האָט קיין מזל ניט. ווי אזוי עפּעס, וואָס הייסט אזא פיגור! אזא ביוסט!

— דיין טיי איז שוין קאַלט, — האָט זיך דערהערט דער מוטער'ס קול — פאַרוואָס טרינקסטו ניט, פאַרוואָס?

זי האָט זיך דערמאָנט, אז ווען זי איז אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר האָט צו יענער צייט עפּעס אָנגעהויבען אריינצוקומען אַ יונגערמאַן צו זיי אין שטוב אריין. דער יונגערמאַן האָט אין זעלבען

הויף געוואוינט. אריינגעקומען איינמאָל, אַ צווייטען מאָל, גערעדט מיט'ן טאַטען, מיט דער מאַמען, מיט דער שוועסטער און מיט איהר און ס'איז זיכער געווען, אַז דאָס קומט ער אריין אין שטוב צוליב איהר און אַז דאָס רעדט ער און פאַרברענגט מיט אַלעמען, ווייל ער וויל מיט איהר רעדען און פאַרברענגען, נאָר עס פאַסט איהם ניט, איז דערפאַר... איז האָט זיך ניט געמאַכט פון איהם. אַ קנאַפּער גליק וואָלט איהר געטראָפען ווען דאָס גליק וואָלט איהר אפילו יאָ געטראָפען, אָבער ווען ער האָט גאָר פּלוצלונג אויפגעהערט צו קו־מען, האָט זי זיך געפיהלט זעהר באַליידיגט און זיך געשעמט פאַר די שטוביגע. נאָכדעם האָט זי זיך ערגעץ דאָרטען אויסער דער שטוב באַקאַנט מיט איינעם און דער איינער האָט אָנגעהויבען אריינצוגעהן אין שטוב אריין צו זיי און האָט אויך אויפגעהערט. אין אַ געוויסער צייט ארום האָט ער זיך גאָר פּלוצלונג ווידער באַ־וויזען ווי אַ נייער, ווי אַ פרעמדער, ווי גאָר אַן אומבאַקאַנטער צו איהר, דערפאַר עפּעס גאָר ווי אַ היימישער און ווי אַן אייגענער זיך געהאַלטען צו דער שוועסטער און אַזוי איז דאָס געוואָרען וואָס די שוועסטער איז אַ כלה געוואָרען און חתונה געהאַט פאַר דעם זעל־בען, וואָס האָט אָנגעהויבען אריינצוגעהן צוליב איהר אין שטוב אריין.

ס'אַרט איהר ניט... ניט אַזאַ אַנטיק דער שוואָגער, דער שוועסטער'ס מאַן, אַז ס'זאָל איהר אַרען. אָבער צייטענווייז אַרט דאָך יאָ וואָס אפילו אַזאַ אַנטיק האָט מיט איהר געבראַקירט. רבונו של עולם, פאַרוואָס ?... אפשר דערפאַר אַליין וואָס זי ווערט אַזוי געגלעט פון פרויען־הענט ?

זי האָט זיך אָנגעהויבען צו שעמען מיט איהר ביוסט און מיט איהר שעהנער פיגור. דאָס איז דאָך נאָך טויזענד מאָל ערגער ווי מ'וואָלט זיך אויף איינער ניט אומגעקוקט, וואָס פאַרמאָגט ניט דאָס, וואָס זי, רחל, פאַרמאָגט... דאָרטען איז דאָס פאַר אַלעמען און אויך פאַר איהר פאַרשטענדליך, און דאָ ?... זי, די עלטערע שוועס־טער מיט דער שעהנער פיגור און מיט'ן שעהנעם ביוסט איז פאַר־זעסען און יענע דוקא, די אינגערע, וואָס... פּשוט ניט צו באַנעמען

וואָס אַזעלכעס דאַרף מען באַזיצען די מאַנסבילען צו געפעלען... דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַלעמען באַוואוסט, אַז אַ מיידעל באַזיצט... נו, אָט האָסטו, באַזיצט זי דאָך און זי האָט קיין ערפאָלג ניט... איז ביי איהר דורכגעגאַנגען אַ שטיק לעבען ביז פיער און צוואַנציג יאָהר אָהן ליכט און אָהן פרייד... ביז וואַנעט־זשע קען זי דאָס נאָך וואַרטען... אויב ס'האָט שוין עפּעס געקאָנט זיין, האָט עס שוין באַדאַרפט זיין און אויב ניט... איז דאָך טאַקע ניט. — וואָס האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער און פאַרשטעלט די ליכטיגע שיין — האָט זי דערהערט דער שוועסטער'ס קול.

רחל האָט זיך ניט ווּיסענדיג און ניט הערענדיג געמאַכט. ס'איז איהר שוין אַזעלכעס דערגאַנגען, אַז ס'האָט זיך איהר ניט געגלוסט זיך אָנצוהויבען מיט דער שוועסטער, אָבער שלום מאַכען מיט דעם לעבען מיט איהרען האָט זי נאָך אַלץ ניט געקענט. ס'האָט אין איהר פּראָטעסטירט אַנטקעגען דעם ווּיסטען מזל וואָס זי האָט... ס'האָט דאָך געקאָנט וועה טאָן ניט פאַר דער שוועסטער, נאָר פאַר פילע, פילע, פאַר די אַלע וואָס געהען דאָ פאַרביי אַזעלכע פריהליכע און לעבעדיגע, נאָר זי... זי איז עפּעס פאַררוקט געוואָרען אין אַ ווינקעל פון לעבען, פונקט אַזוי ווי דער מאַנעקען דאָרטען ביי איהר מאָדיסטקע... ביי איהר האָט זיך שוין לאַנג אויסגעאַרבייט אַזאַ באַגריף, אַז צווישען איהר מיט'ן מאַנעקען איז עפּעס פאַראַן גע־מיינזאַמעס, אַז ביידע דינען זיי, אַז ביידע זיינען זיי באַשאַפען גע־וואָרען צו איין ציל...

— דו געהסט דאָך שוין ניט! — האָט זי ווידער דערהערט דער מוטער'ס קול — טאָ וואָס־זשע זיצטו אַזוי ווי אַן אָנגעבלאָ־זענע? דיין טיי איז שוין קאַלט. אָנגיסען דיר אַן אַנדער גלאָז? און אפשר ועסטו נאָך צולויפען, האַ?

רחל האָט האַסטיג אויסגעדרעהט דאָס פּנים צו איהר און אויסגעשריען:

— יאַכנע, וועסט אַוועקגעהן פון מיר? — און אין אַ ווײַלע אַרום וויינענדיג צוגעגעבען: וואָס בין איך, אַ מאַנעקען בין איך? אוים מאַנעקען!

# אַן אומגליקליכע.

זי איז מיר פון ערשטען בליק געפעלען געוואָרען. זי האָט מיך פאַרבעטען אין שטוב. נאָר איך האָב איהר דערפאַר עלע־גאַנט באַדאַנקט, צולעגענדיג אַ פינגער צו מיין הוט. מיר איז אנגענעהמער געווען צו שטעהן מיט איהר אויפ'ן בריקעל, וואו קיינער, אחוץ אונז, איז ניט געווען, און די זון איז געשטאַנען אויף דער מיט הימעל, האָט אונז באַגאָסען מיט אַ הייסער ליכ־טיגקייט. מיר זיינען געשטאַנען אַ פּאָר טריט וויט איינס אַנט־קעגען דאָס אַנדערע, זי האָט געהאַלטען איהר קליינע ווייסע האַנד אויפ'ן שטערען, אום צו פאַרטיידיגען איהרע שעהנע אויגען פון די ברענענדיגע שטראַהלען און דאָס איז פאַר מיר געווען ווי גע־וואונשען. איך האָב אונגעשטערט געקאָנט באַטראַכטען איהר שלאַנקע פיגור. דער עיקר האָבען זיך מיינע אויגען אָפּגעשטעלט אויף איהר ווייסען האַלז, וועלכער איז געווען ארומגעבונדען מיט אַ שוואַרץ סאַמעטקעלע, פון וואָס דער האַלז איהרער האָט נאָך אויסגעזעהן ווייסער ווי ער איז. מיר האָבען גערעדט, גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכען און איך האָב אַ פּאָר מאָל געפּרואווט ארויפ־פיהרען אַ שמועס וועגען ליבע, פון וואָס מיידלאך האָבען אַזוי ליב צו ריידען און צו הערען, נאָר זי האָט זיך ניט הערענדיג געמאַכט. און דאָס איז ביי מיר געווען דער ערשטער סימן, אַז איך געפעהל איהר ניט — וויל מיידלאך, אַפילו פאַרליבטע, האָבען ליב צו ריידען פון ליבע נאָר מיט אַזעלכען, וואָס געפעלט זיי.

— איהר ווייסט, — זאָג איך צו איהר, — אַז דאָס סאַ־מעטקעלע געהט אייך זעהר ניט... אייער האַלז וועט שעהנער אויסזעהן, ווען איהר וועט עס אַראָפּוואַרפען.

איהרע באַקען זיינען רויז געוואָרען, זי האָט אַראָפּגענומען

די האַנט פון שטערן און האָט אויף מיר אַ פאַרשעמטען גיפטי־גען קוק געוואָרפען. קיין וואונדער ניט: דאָס איז דאָך געווען די ערשטע באַקאַנטשאַפט אונזערע.

איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר איך האָב באַמערקט, אַז זי הערט גאָר ניט, וואָס איך רייד צו איהר. איהרע אויגען זיינען מיט אַ גליהענד־שטאַרקען קוק געווען געווענדעט ווייט צום מאַרק צו, וואו איך האָב דערזעהן פאָהרען אַ פוהר מיט אַ ווייסען מענשען אונטער אַ שוואַרצען שירם, איינגעהילט אין אַ גרויען וואָלקען שטויב.

די פוהר, וועלכע איז באַשטאַנען פון איין פערדעל, איז שטעהן געבליבען אַן אַרשין אַנדערטהאַלבען ווייט פונ׳ם בריקעל, וואו מיר זיינען געשטאַנען. אין וואָגען איז געזעסען אַ איד, איינגעהילט אין אַ העלען פּאַרוסינעם שטויב־מאַנטעל און אויפ׳ן קאָפּ אַ קאַלפּאַק פון דעמזעלבען מאַנטעל. דער איד — אויפ׳ן אויסזעהן אַ יאָהר 50, מיט אַ קורצער געמישטער באָרד פון שוואַר־צע און גרויע האָר — האָט זיך אַ נויג געטאָן צו איהר, האָט לופּ־טיג געטאָן אַ וואָרף אַריבער די פיס איבער דער דראַבינע און אין אויגענבליק איז ער געשטאַנען אויף דער ערד. נאָכהער האָט ער מיט דערזעלבער געשווינדקייט געטאָן אַ דרעה די לייצען אַרום אַ קלעצעל פונ׳ם בריקעל, האָט אַנגענומען אין וואָגען אַ הויפען גרין גראָז און עס אונטערגעוואָרפען דעם פערדעל אונטער דער מאָרדע, און איז אַרויף אויפ׳ן בריקעל און געגעבען איהר די האַנד. איך האָב באַמערקט, אַז אַ בלאַסקייט האָט זיך איהר אי־בער׳ן גאַנצען געזיכט צוגאָסען.

— דער טאַטע איז דאָ? — האָט ער אַ פרעג געגעבען.

— ניטאָ! — אוןביידע זיינען אַריין אין שטוב.

פיהלענדיג זיך באַליידיגט וואָס זי האָט מיך געלאָזט איי־נעם אַליין אויפ׳ן בריקעל, האָב איך שוין געמאַכט אַ שפּאַן אַראָפּ פון אַ טרעפּעל, נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטען; איך האָב צוריק אַרויפגענומען דעם אַראָפּגעשפּאַנטען פוס און האָב מיר באַ־

שלאָסען זי אָפּצואוואַרטען און זיך אָפּרעכענען מיט איהר פאַר דער באַליידיגונג.

איך האָב אַריינגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס, בין שטעהן געבליבען, קוקענדיג אויפ'ן פערדעל.

דורכגעהענדיג, האָבען זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר אידען, וואָס האָבען פריי געקוקט אויפ'ן פערדעל און גנב'יש אויף מיר און דערקענט האָב איך אין דעם קוקען, דאָס זיי מיינען, אַז איך בין עס מיט דעם פערדעל געקומען צו פאָהרען. און אַזוי ווי איך בין געווען שלעכט געשטימט, האָב איך געזעהן אַ נקמה דערין, וואָס זיי האָבען אַ טעות. און כדי עס צו באַפעסטיגען ביי זיי, בין איך אַראָפּ פון בריקעל, אָנגענומען אַ הויפען גראָז און גע־געבען דעם פערד עסען; אין דערזעלבער צייט האָב איך אונ־טער זיך אויפ'ן בריקעל איהרע טריט דערהערט, נאָר איך האָב מיך געמאַכט ניט הערענדיג, האָב מיט איין האַנד געפּיטערט דאָס פערד און מיט דער צווייטער האָב איך איהם געגלעט די ווייסע לאַטע אויפ'ן שטערען.

— הערר שיפּמאַן!

איך האָב געגעבען אַ דרעה אוים דעם קאָפּ.

— אַ?

— איך שטעה שוין דאָ אַ פערטעל שעה און קוק, ווי איהר גלעט דאָס פערד.

— נו, לאָמיר רעכענען, אַז איהר שטעהט דאָ נאָך אפילו קיין פינף מינוט אויך ניט — „אפשר אייפערט זי מיך צום פערד" — האָט מיט מיר אַ געדאַנק אַ שפּאַס געטאָן, — לאָמיר רעכענען, אַז איהר שטעהט נאָך דאָ קיין פינף מינוט אויך ניט... נאָר דאָס פערדעל... דאָס איז טאַקע אַ שעהן פערדעל... קוקט זיך צו: עס האָט קאַשטאַן אויגען... זעהט נאָר ס'אַר אַ דינע פיסלאַך... (דאָס האָב איך אַלץ געמיינט זי). וואָס, מ'קאָן זיך דען ניט פאַרליבען אין קיין פערדעל? אָהאָ, נאָך ווי אַזוי!

זי האָט זיך צולאַכט אַזוי הילכיג, אַזוי שעהן, אַז מיר איז

אַזש אומעטיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען. דאָס שעהנע געלעכטער איהרס האָט מיך נאָך מעהר דערוויטערט פון איהר. עפּעס איז זי מיר נאָך מעהר ניט דערגרייכבאַר געוואָרען און פאַר גרויס פאַרדרוס האָב איך אויפגעהויבען די האַנד און דערלאַנגט דעם פערד אַזאַ פּאַטש אין שטערן, אַז ער האָט פון שרעק געגעבען אַ ריס דעם קאָפּ אין דער לופטען און שיער ניט איבערגעריסען די לייצעס.

— מיט אייך איז עפּעס גאָר געפעהרליך, — האָט זי מיר אַ שטאָך געגעבען, — אָט גלעט איהר און דאָ שלאָגט איהר שוין!

— ליבעם און הויכגעשעצטעם פרײלין, איהר זאָלט וויסען זיין, אַז עס איז זעהר ניט קאָרעקט פון אייער זייט, וואָס איהר האָט מיך איינעם אַליין געלאָזען שטעהן אויף אַזאַ לאַנגע צייט אויפ'ן בריקעל... — איך האָב אַ הויב געטאָן דעם הוט און זיך געלאָזט אַוועקגעהן, נאָר זי האָט מיר מיט אַ טרויעריג שמייכעלע געזאָגט, אַז זי איז ניט שולדיג און אַז באַלד וועט דער איד אַוועק־פאָהרען, וועט זי שוין זיין פריי.

— ווער איז דער איד?

— אַ מעקלער.

— אַ שדכן מיינט איהר צו זאָגען?

— ניין, ניט קיין שדכן, נאָר אַן איינפאַכער מעקלער פון וואַלד.

— אַזוי, וואָס־זשע טוט ער ביי אייך?

— ער איז געקומען צו מיין פאָטער.

— אייער פאָטער איז דען אויך אַ מעקלער?

— מיין פאָטער איז אויך אַ מעקלער... נאָר פאַרצייהעט, איך מוז אַריינגעהן, איך קום אין אַ פּאָר מינוט אַרויס... ער פאָהרט באַלד אַוועק.

זי איז אַריין.

אין פופצעהן מינוט אַרום בין איך ווידער מיט איהר אַליין געשטאַנען אויפ'ן בריקעל. דאָס געזיכט איז ביי איהר געוועזן

בלאַס, איהרע קאַשטאַן־אויגען האָבען געקוקט עפּעס מיט אַ מין טרויעריגער בענקשאַפט אַהין אויף דעם וועג, וואוהין דער איד איז אַוועקגעפאָהרען.

— אפשר וועט איהר זיך אַביסעל דורכגעהן? — האָט זי מיר פאָרגעלעגט.

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען.

זי איז אַריין אין שטוב און אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַרויס־געקומען מיט אַ גרינער וואָלענע אויפ׳ן קאָפּ.

ווען מיר זיינען איבערגעגאַנגען דעם מאַרק, וועלכער איז אין איינינע ערטער געווען באַוואַקסען מיט גראָז און קײַלעכיג אַרומ־געבויט מיט קליינע דונקעלע הייזער, זיינען מיר אַרויף אויף אַ באַרג, אויף וועלכען עס שטעהט זיך פעסט און זיכער אַ ווייסער, הויך־געמויערטער קלויסטער און די גרינע דעכלאַך און דער קײַ־לעכיגער קופּערנער קופּאָל און די געגילטע צלמים האָבען זיך גע־באָדען אין אַ ים פון זונען־שטראַהלען און צעהנדליגער שוואַרצע ראָבען האָבען זיך מחנות־ווייז געדרעהט אַרום די צלמים און אָנגעפילט די שטילע לופט מיט זייער קראַקען. דער באַרג אַליין איז פון אויבען ביז אַראָפּ געווען באַוואַקסען מיט נידריגען, נאָר געדיכטען גראָז, און הינטען, אונטער׳ן באַרג, האָט זיך געפליסט אַ קליין שמאָל טייכעלע. אויף דער ברייטער גרינער לאָנקע זיינען ווי פאַרגליווערט געשטאַנען בהמות, פערד און חזרים און האָבען, דאַכט זיך, ניט געגעסען, נאָר געקושט די ערד.

— אָ, ווי שעהן דאָ איז! — האָב איך אויסגערופען.

זי האָט שטיל אָפּגעזיפצט און אַ טרויעריג פאַרצווייפעלטען קוק געוואָרפען אין דער ריכטונג, וואוהין איך האָב געקוקט.

— אפשר וואָלטען מיר זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אויף דעם גראָז, — האָב איך פאָרגעלעגט.

זי האָט פאַמעליך און צאַרט פאַרבויגען דאָס אויבערשטע קליידעל און זיך אַראָפּגעלאָזט. איך נאָך איהר.

— ווער איז דער איד, וואָס איז געווען ביי אייך? — האָב איך דאָס צווייטע מאָל געפרעגט.

זי האָט אויף מיר ווי פארוואונדערט אַ קוק געטאָן: צי האָב איך ווירקליך פארגעסען, אַז איך האָב עס שוין איינמאָל געפרעגט.

— איך האָב עס אייך שוין איינמאָל געפרעגט, נאָר... פאר־צייהט, איך האָב באַמערקט, אַז ווען ער האָט אייך די האנד גע־געבען, זייט איהר בלאַס געוואָרען.

זי האָט אויף מיר אַ דערשראָקען צומישטען קוק געוואָרפען און אַ גערדיכטע פארב האָט זיך אויף די באַקען צוגאָסען.

אַ לאַנגע פויזע. זי האָט נערוועז אָנגעהויבען רייסען דאָס גראָז מיט דריי פינגערלאַך, אַזוי ווי מ׳פליקט אַן עוף, און יעדעס אויסגעריסען ביסעל גראָז האָט זי ווייט אַפּגעוואָרפען פון זיך און איך האָב אויף איהר קוקענדיג אויך געריסען דאָס גראָז, דערביי ארייגעקוקט איהר מיט אַ שעלמיש שמייכעלע אין די אויגען. אויף לעצט האָב איך אָנגעריסען אַ גאַנצען הויפען מיט גראָז און איהר געגעבען אַ שאָט גלייך אין געזיכט.

— איך זעה, אַז אייך מאַטערט עפּעס אַ שווערע זאַך, — האָב איך איבערגעריסען די שטילקייט, — איך זעה, אַז איהר האָט עפּעס צו זאָגען, נאָר איהר האַלט זיך אָפּ... גלויבט מיר, פריילין, אַז אויב איהר האָט עפּעס אַ סוד צו פארטרויען, מעגט איהר זיך שוין אויף מיר פארלאָזען... אַזוי ווי אין ים אריין... איך פארשטעה אייך גאַנץ גוט... איהר מוזט אודאי פיל ליידען, נאָר איהר האָט דאָ ניט פאר וועמען אייער הארץ צו עפענען... ווייל קיינער וועט אייך ניט פארשטעהן... און אַז מען ליבט, גלוסט זיך אַזוי ריידען, ווילט זיך אַזוי אויסגיסען דאָס הארץ... טאָ גלויבט זשע מיר, אַז קיין בעסערען גוטען פריינד, ווי איך בין אייך, קאָנט איהר שוין ניט האָבען...

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, וואַרפענדיג אויף מיר פון אונ־טער דער וואָלקע אַפּער אַ זייטיגען קוק, ווי זי וואָלט זיך גע־

וואָלט ערקונדיגען, צי רייד איך ערנסט און האָט ענדליך „ע־זאָגט:

— „פאַרליבט"... דאָס וואָלט נאָך אַזאַ אומגליק ניט געווען... נאָר איך בין אַזאַ אומגליקליכע: אַזוי אומגליקליך... מיין גע־ליבטער איז געשטאָרבען...

די אויגען איהרע האָבען געבלאַנקט פון טרעהרען. איך האָב פריער אָפגעזיפצט פון דעם, וואָס דער געליבטער איהער איז גע־שטאָרבען, און אין דערזעלבער צייט האָב איך מיט אַ שווער קלאַפּענדיג הארץ אָנגעשטרענגט די אויערען: איך האָב דער־קענט, אַז זי האָט נאָך עפּעס צו זאָגען.

— דער איד, וואָס איהר האָט ביי אונז געזעהן, איז זיין פאָטער...

— אַ־אַ־אַ! ?...

— ער איז אינגאַנצען אין פאָטער געווען עהנליך... עהנליך, ווי צוויי טראָפּען וואַסער... דער איינציגער אונטערשיד — די יאָהרען און דאָס, וואָס יענער האָט געגאָלט די באָרד...

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און אין אַ ווײַלע אַרום פאָרט־געזעצט:

— ווען ער גאָלט זיך אָפּ די באָרד, איז ער אינגאַנצען דער זוהן!...

אַ ציטער האָט דורכגענומען איהר גאַנצען קערפּער.

— איהר האָט געזעהן די נאָז זיינע, די גרויסע נאָז, מיט די ברייטע נאָז־לעכער — פּונקט זיין נאָז... ער אָטעמט אפילו אַזוי ווי יענער...

— ? ?...

— אַז ער קוקט אויף מיר, איז פּונקט אַזוי, ווי דער זוהן האָט אויף מיר געקוקט...

— ער האָט אייך ליב! אָט דער אַלטער תרח! — האָב איך איי־פּערזיכטיג אויסגעשריען.

— רעדט ניט אַזוי! — האָט זי כמעט ווי אָנגעשריען אויף

מיר מיט א גיפטיגען קוק, — ער האָט מיך ליב ווי א פאָטער, ווי אַ פאָטער זיין איין־און־איינציג קינד!... נאָר איך, אומ־גליקליכע... איך האָב איהם ליב, איך האָב ליב דעם אַלטען... איך האָב איהם ליב דערפאַר, וואָס ער איז אינגאַנצען דער זוהן... איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך די באָרד אָפּגאָלען...

— אָפּגאָלען די באָרד? נאָך וואָס?...

— ער וואָלט דער זוהן געווען, אינגאַנצען דער זוהן...

— און וואָס וואָלט דאַן געווען?

זי האָט ניט געענטפערט און איך האָב מיט א וועהטאָג־פאַר־דריסליכען קול געשריען צו איהר:

— אומגליקליכע, וואָס איהר זייט! וואָס טויג אייך אָט דער אַלטער, מיאוס'ער איד, אָט קניהט פאַר אייך א יונגער, פול מיט לעבען און קראַפט. גיט מיר א שפּיץ פינגער אייער, וועל איך...

איך האָב עפּעס נאָך געוואָלט זאָגען, נאָר זי האָט זיך מיט אַמאָל געטאָן א הויב־אויף און אַוועק מיט שנעלע טריט און ביז זי איז פון מיר פאַרשוואונדען געוואָרען, בין איך נאָך אַלץ גע־שטאַנען אויף די קני און איהר נאָכגעשריען:

— אומגליקליכע! אומגליקליכע, ס'וועט היינט דאָס גאַנצע שטעדטעל וויסען, אַז דו האָסט ליב אָט דעם אַלטען, מיאוס'ען איד...

# אין וואַגאָן.

מיר זיינען געזעסען צוויי אַנטקעגען צוויי, אַ פּאָרעל אַנט־קעגען אַ פּאָרעל, און מיר האָבען זיך ניט געקענט. מיר ביידע, ס'הייסט איך און „ער", זיינען מיר געזעסען איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע: איך נעבען „מיין" דאַמע און ער נעבען „זיינער" און מיר האָבען זיך געהאַלטען ליטויש... איך ווייס ניט ווער פון אונז האָט פריהער געוויזען דעם שניט פון דער ליטישער האַלטונג — איך צי ער, נאָר אַז איך האָב געקוקט אויף איהם און ער האָט גע־קוקט אויף מיר, אַז מיר האָבען איינס דאָ אַנדערע געבונדען מיט'ן האַלטען זיך, אין דעם איז קיין צווייפעל ניט.

דער צוג איז געגאַנגען זיין „שנעלצוג" גאַנג און געשניטען זעכציג ווערסט אַ שטונדע. פאַר די פענסטער זיינען אַריבערפּע־שפּרונגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען טעלעגראַפּנע סלופּעס, און פון צייט צו צייט אַ בוים, וואָס איז אָפּגעשפּרונגען מיט גערויש פון דעם שנעל פאַרביילויפענדען צוג, מיט גערויש פון בלעטער און שאָקלען פון צווייגען. איך האָב אין דעם אַלעם געזעהן, ווי די צייט לויפט און עס איז מיר אַ שאָד געווען, וואָס איך לאָז זי לויפען עפּעס אַזוי זיך, ווען נעבען מיר זיצט אַזאַ גאָלדענע פּאַסאַ־זשירקע מיט אַ צוגויפגעשרומפּען פּיסקעלע, וואָס דאָס זאָל האָבען אויך באַדייט ליטישקייט און פרעמדקייט, און אַז זי האָט מיך אפילו ניט אין זינען, אָט דעם וואָס זיצט נעבען איהר.

ס'זיינען געווען נאָך פּאַסאַזשירען אין וואַגאָן, אָבער ס'איז געווען גאַנץ גערוימליך; דאָרטען, ערגעץ אויף יענער זייט וועג־טעל־בענקלאַך, האָבען מענשען איינס מיט דאָס אַנדערע געשפּרע־כען געפיהרט און גערעדט אַזוי געמיטליך, ווי זיי וואָלטען איין פאַמיליע געווען. איניגע זיינען געזעסען און געשוויגען, אַנדערע

האָבען גאָר געדרעמעלט, פאַרוואָרפען די קעפּ אויף פרעמדע אַקסלען און אין אַלגעמיין איז געווען אַ גוטע שטימונג. (מענשען אין וועג, אַז זיי פאָהרען באַקוועם, זיינען אם מייסטען גוט געשטימט און דולדען גאַנץ געמיטליך איינס דאָס אַנדערע).

איך האָב פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, געבלאָזען דעם רויך פון זיך און אָהן אַן אויפהער געטריבען איהם מיט דער האַנט, ער זאָל חלילה ניט אָנקומען צו מיין שכנה. יענער אַנטקעגען האָט אויך פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס און אויך, אַזוי ווי איך, ווייט אַוועקגעבלאָזען דעם רויך און געטריבען מיט דער האַנט, אַז דער רויך זאָל ניט צו־קומען צו זיין דאַמע, און פּונקט אַזוי ווי מירביידע האָבען געטאָן איין אַרבייט, אַזוי האָבען די דאַמען אויך זיך געהאַלטען איינע ווי די אַנדערע: ביידע האָבען געקוקט אין פענסטער אַריין און זיך געהאַלטען אָנגעבלאָזען מיט פרעמדקייט און מיט ווייט אָפּגעשייד־קייט, און איך האָב ניט געוואוסט, צי ווייסען זיי, ווי ענערגיש מיר אַרבייטן אַרום זיי, ווי מיר בלאָזען און שאַרען מיט די הענט די רויכען פון זיי... צום טייוועל, איך האָב דאָך צוליב דעם אַליין אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערט. מיר האָט זיך דען געגלוסט רויכערן? איך האָב נאָר פאַררויכערט צוליב דעם, כדי אַזוי אַרומער באַקומען אַ מעגליכקייט איהר צו באַווייזען, ווי איידעל איך בין און ווי איידעל איך באַנעם זיך, און מיט דער איידעלקייט צוציהען צו זיך איהר אויפמערקזאַמקייט און צוגרייטען אַ באָדען אויף ווייטער... צום טייוועל, מ׳קאָן דאָך ניט אָפּפאָהרען אַ וועג מיט אַזאַ מיידעלע און גאָרניט, אַזוי זיך... און ווער ווייסט, וויפיל זי האָט אינגאַנצען צו פאָהרען, און דאָ פליהט דער צוג און ס׳שפּרינגען אַוועק איינס נאָך דאָס אַנדערע איין טעלעגראַף סלופּ נאָך דעם צווייטען... יעדער סלופּ איז דאָך עפּעס אַ שטיק אָפּגעלאָפען וועג, און אַ פּאָר טויזענט סלופּעס — בין איך פאַרטיג... און וואָלט ער ניט געזעסען... ווייל אויב יענער וועט אַזוי פאַרזעצען זיין זיצען, וועט דאָך די שכנה זיינע אויך אַזוי מוזען פאַרזעצען דאָס זיצען איהרס ווי זי זיצט, און אַז יענע וועט ווייטער אַזוי זיצען, וועט דאָך מיינע קוקען אויף יענער...

„אַ שווערער ביסעל", האָב איך געטראַכט. ס'טויג ניט; ניט גוט אַט דאָס, וואָס דער יאַלד זיצט מיר אַנטקעגנען און איך קאָן זיך צו גאָרניט פאַרמעסטען אַזוי לאַנג... ווייל וואָס וועט מיר דערפון אַרויסקומען, אַז זי וועט דאָך במילא קוקען אויף יענער...

— אַנטשולדיגט, אפשר קאָנט איהר דעם רויך ניט ליידען?

זי האָט אָפּגעקערעוועט דאָס געזיכט פון פענסטער און אַוועק־געשיקט אין מיין זייט די שוואַרצאַפּלען, האָט אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ און מיט'ן פּנים, אַז ניין, אַז ס'אַרט איהר ניט, וואָס איך רויכער און אַ קוק געוואָרפען אַנטקעגנען צו „איהם" און צו איהר, האָט זי צוריק אָפּגעדרעהט דאָס געזיכט איהרס צום פענסטער.

מיט דער פראַגע וואָס איך האָב געפרעגט, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז איך בין שוין דורכגעפאַלען... אויב זי איז אַן אינטעליגענטע מיידעל, פאַרשטעהט זי זיכער, אַז אַט די אַלע מיינע פראַגען זיינען ניט מעהר ווי זוכען אַ געלעגענהייט צו פאַרפיהרען אַ שמועס און זיך צו באַקענען. אמת, דער יונגערמאַן אַנטקעגנען, זעהט אויס, האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען און אַ ממזר'ישען שמייכעלע צו זיין דאַמע געוואָרפען. קענטיג, מיט דעם געוואָלט געבען „זייער" צו פאַרשטעהן, אַז ער איז קליגער פון מיר און אַנשטענדיגער, אַז ער וועט זיך מיט אַזאַ שאַבלאָן ניט באַנוצען, און דאָס אַליין, וואָס איך האָב איהם געגעבען אַ כשר'ע און רעכטגעפאַרטיגטע מעג־ליכקייט אַ שמייכעל צו טאָן צו זיין אומבאַקאַנטער (וואָס איך האָב געפונען פאַר גאַנץ נאַטירליך), דאָס אַליין האָט מיך שוין אויפ־גערעגט און דערצו נאָך איז מיר ביטער געוואָרען אין מויל פון דעם פּאַפּיראָס וואָס איך האָב גערויכערט, וואָס מיר האָט זיך ניט גע־גלוסט צו רויכערען, און אַ דאַנק דעם האָט זיך מיר אפילו אַ ביסעל דער קאָפּ פאַרדרעהט.

זי איז ווי פריהער געזעסען און געקוקט אין פענסטער און איך האָב געקוקט אויף איהרע אַקסעלאַך, אויף דער שמאָלער, כמעט קינדערשער פּלייצקע, וואָס האָט זיך שמאַליג אַרונטערגעלאָזט צו דער טאַליע. איך האָב געזעהן אַ ראָזען־לעפּעל פון אַן אויער אָהן אַן אוירינגעל און דער גאַנצער איבעריגער אויער איז געווען פאַר־

טונקען אין די געדיכטע בלאָנדע האָר, וואָס האָט זיך ווי א פליגעל געדיכט אַראָפּגעלאָזען אויפ׳ן האַלז און נאַקען אין אַ געפלאָכטענעם קובליק און פאַרדעקט די האַלז און נאַקען... זי זיצט צו מיר מיט אַ זייטעל און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גיט זי אַוועק אַהינצו, אין דרויסען אַרויס, און קענטיג, איינגאַנצען פאַרגעסען, אָדער מאַכט זיך פאַרגעסען, אַז אימיצער זיצט איהר ביי דער זייט... איך קוק זיך ווייטער צו און זעה, אַז אין דעם אויער־לעפּעל איז דאָ אַ לעכעלע און איך האָב פּונקט ביי זיך געהאַט אַן אוירינגעל, וואָס איך האָב שוין לענגער געהאַט געפונען. ניט לאַנג געטראַכט, האָב איך אַרויס־געכאַפּט דאָס אוירינגעל פון קאַמזויל קעשענע, זיך אַ דרעה געטאָן און זיך אָנגעבויגען, כלומר׳שט ווי עפּעס אויפגעהויבען, און אַ ווייז געטאָן מיין שכנה:

— אַנטשולדיגט, ס׳איז אייער אוירינגעל?

איך בין שוין דעמאָלט געווען באַהאַווענט אין פּרויענשער קליינליכקייט, אַז זיי האָבען אַ שוואַכקייט זיך ניט אָפּצוזאָגען פון אַזעלכע מציאה׳לאַך. האָב איך אָבער דאָ ניט געטראָפען.

— ניין, איך טראָג ניט קיין אוירינגלאַך, — האָט זי קורץ און טרוקען געענטפערט.

און דאָ האָט זיך שוין היימישער דער אַנטקעגענדיגער יונ־גערמאַן צו מיין שכנה צוגעשמייכעלט און זי האָט איהם אויך מיט אַ שמייכעלע געענטפערט, און איך האָב בחוש דערשפּירט, אַז וואָס מעהר איך באַגראָב זיך, אַלץ שטאַרקער און זיכערער גרייט איך צו אַ באָדען פאַר זייערטוועגען, פאַר זייער באַקאַנטשאַפט. דאָס הייסט, אַז אַ דאַנק מיר געפינט ער באַרעכטיגטע מעגליכקייטען צו שמייכלען צו איהר. און מיך האָט עס אַזוי פאַרדראָסען און באַ־ליידיגט... ניין, האָב איך געטראַכט, ס׳וועט דיר ניט געהן. איך וועל דאָך מיינס דערגרייכען. איך וועל מיט מיין דאַמע טאַקע פאַר־פיהרען באַקאַנטשאַפט און דו וועסט ליגען אין דער אדמה, דו כיט־ראַק איינער, וואָס דו ווילסט מיין לאַ־יוצלח׳דיגע לאַגע פאַר זיך אויסנוצען... דו וועסט טאַקע נעבען „דיינער״ בלייבען זיצען ווי

א שטומער און איך וועל מיינס דערגרייכען. איך וועל דאָך מיט איהר באַקאַנטשאַפט פאַרפיהרען.

דערווייל'ע הער איך מיר אַזוי צו און בין פאַראינטערעסירט, אַז מיין שכנה זאָל אויך הערען, ווי אויף יענער זייט וועגטעל־באַנק רעדען צוויי מאַנסלייט זעהר מיאוס'ע רייד. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך בין געוועז זעהר צופרידען פון די רייד פון זייערע, און ביים פאַרשוין, וואָס איז מיר געזעסען אַנטקעגען, האָ־בען אויך געקוואָלען די אויגעלאַך... זיי, אונזערע שכנ'טעס? — זיי הערען ניט... זיי הויבען ניט אָן צו הערען... האָב איך זיך מיישב געווען און צוגעגאַנגען צו די יונגעלייט, וואָס זיינען געזעסען אויף יענער זייט וועגטעל־באַנק און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— יונגעלייט, אַנטשולדיגט... דאָרטען זיצען דאַמען, פריילינס און מ'הערט יעדעס וואָרט וואָס איהר רעדט...

איך האָב צוריק מיין אָרט פאַרנומען, אַ צופרידענער ביז גאָר... מיר איז שוין דאָ געגאַנגען אָן איהם, אָן דעם פאַרשוין, און... יאָ, ס'איז מיר געגאַנגען אָן איהר אויך... איך האָב געוואָלט כאַפען עטליכע האָזען מיט אַמאָל... איין מאָל זאָלען זיי און זי וויסען, אַז איך וויים, אַז זיי און זי האָבען געהערט, וואָס די יונגעלייט האָבען גערעדט צווישען זיך און אַז זי וועט וויסען, אַז איך האָב געהרט, וועט עס עפּעס איהר מאַכען זיך אַנדערש צו פיהלען און זיך צו האַלטען. נאָר דאָ אָבער האָב איך גלייך דערזעהן דעם גרויסען פעהלער, וואָס איך האָב געמאַכט. מיין דאַמע האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעגראָבען אין פענסטער אַריין און האָט מיר שוין גאָר אינגאַנצען ניט געוואָלט אָנקוקען.

ס'איז שלעכט, האָב איך געטראַכט, ס'ווערט ערגער, און וואָס פאַר אַ פּנים האָב איך ביים יונגעמאַן? איך זעה, ווי די אויגען זיינע שפּאָטען און לאַכען פון מיר... טויג עס דאָך ווייטער ניט. באַווייזט ער דאָך, אַז ער איז קליגער פון מיר, אינטעליגענטער און לייטישער... ער זיצט און שווייגט, לאָזט „זיין" דאַמע צורוה און איך — וויפיל מאָל האָב איך זיך שוין באַנאַרישט?

האָב איך זיך שוין אין גרויסע אַנגסטען אויך אין פענסטער

פּאַרקוקט און געזעהן... דאָס זעלבע וואָס איך האָב פריהער געזעהן, ווי ס'שפּרינגען אַריבער פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען טעלעגראַפענע סלופּעס און דאָרטען, ווייט אין האָריזאָנטאַלער קיילאַכדיגקייט, דרעהט זיך פּאַמעליך די ערד, פּאַמעליך און שווער דרעהט זי זיך, ווי זי וואָלט פעסט אַריינגעריגעלט אין הימעל געוועזן. זיץ איך אַזוי און קוק און טראַכט, אפשר גאָר נעמען רעדען פון דער נאַטור, אָט פון דער ערד־דרעהעניש, וואָס מיר זעהען, און פון דעם ווייסען שניי, וואָס באַדעקט די פעלדער און פון די שוואַרצע קראָהען, וואָס דעקען צו מיט זייערע שוואַרצע פליגעל דעם שניי מיט פליהען און מיט פּיסלאַך איבער איהם... יאָ, ס'איז דאָ, איך וואָלט מיר גע־קאָנט אָפּזוכען פון וואָס צו ריידען... יאָ, איז דאָך עס ווידער שאַבלאָן... „מיינע" און ער מיט „זיינער" וועלען פאַרשטעהן, וואָס אַזאַ פּאָעטישער געשפּרעך מיינט און איך וועל ווידער דורכפאַלען. טויג עס דאָך ווייטער ניט... נאָר וואָס זשע דען? צום טייוועל, איך וועל ניט בלייבען הינטערשטעליג. אָנגעהויבען — וועל איך זיך ניט אונטערגעבען. איך מוז מיט איהר אַ שמועס פאַרפיהרען, זי פאַראינטערעסירען און זי פאַרכאַפּען מיט עפּעס... מיט וואָס אָבער פּאָרט, אַז פון אַלע גוטע שעהנע זאַכען טויג ניט צו רעדען, ווייל וואָס? — פאַרשטענדליך וואָס... און רעדען מוז איך דאָך וועגען עפּעס... שאַ... אָט דרימזשעט דער לאָמטערן... דאָס נעגלייזטע טירעל האַלט אין איין דרימזשען און קלאַפּען גלעזערדיג און בלעכיג. איך הער דאָס די גאַנצע צייט, און די גאַנצע צייט וואָס איך הער דאָס, קאָן איך עס ניט ליידען... דאַכט זיך אַ קליי־ניגקייט, ניט ס'דאַכט זיך, נאָר ס'איז טאַקע אַ גאָרניט. אפשר פאַרפיהרען וועגען דעם אַ געשפּרעך?

— פאַרצייהעט, פריילין, אייך אַרט ניט, וואָס דער לאָמטערן הערט ניט אויף צו דרימזשען... היינטיגע מענשען זיינען זעהר נערוועז, אַזאַ קלייניגקייט קאָן אויפרעגען ביז דער העכסטער שטופע... אָט איך, צום ביישפּיל...

— ווי איך זעה, מוזט איהר זיין זעהר אַ נערוועזער, — האָט זיך פלוצלינג אַריינגעמישט דער יונגערמאַן־פּאַרשוין, וואָס איז גע־

זעסען מיר אַנטקעגנען און אַ שמייכעל געטאָן צו זיין פרעמדער דאַמע.

מילא דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ נער־ווענער, האָט מיך ניט אָנגעהויבען צו באַריהרען, עס האָט מיר נאָר געאַרט, וואָס ער האָט עס געזאָגט און ניט זי, די יענינע, צו וועלכער איך האָב גערעדט, און ווען ער מישט זיך ניט אריין, וואָלט עס געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז זי זאָל דאָס זאָגען. און ווען זי וואָלט עס שוין געזאָגט, וואָלט איך איהר שוין עפּעס געענטפערט און ס'וואָלט שוין אַוועק אַ גאַנג. און צו מיין גרויסען פאַרדרוס האָב איך נאָך באַמערקט, ווי זי, מיין שכנה, האָט נאָך דעם, וואָס יענער האָט מיר די ווערטער געזאָגט, אַ שמייכעל געטאָן צו איהם... צו איהם, ניט צו מיר... הייסט עס... ברענען זאָל ער! איך אָקער און ער שניידט דאָס פאַרזעטע... איז וואָס טוט מען פאָרט ווייטער?... איך פיהל, אַז איך בין שוין אריין אין אַזאַרט, אין אַ שטילער, פאַרביסענער מלחמה מיט אָט דעם פאַרשוין, וואָס אַ דאַנק מיר האָט ער געוואונען אַזעלכע פּאָזיציעס... ניט נאָר ביי איינער, נאָר ביי ביידע גאָר... ניין, איך וועל זיך ניט אונטער־געבען, איך וועל ווייטער קעמפען...

— יאָ, נו, ס'דאַכט זיך אַ קליינינקקייט, איאָ, פריילין, עס דאַכט זיך גאָרניט אָט דאָס אָ, וואָס דער לאַמטערן דרימזשעט, און איך וועל אייך דערצעהלען שוין גאָרניט קיין גאָרנישטדיגע זאַך, וואָס האָט צוריק מיט עטליכע וואָכען, ווען איך בין געפאָהרען אין דעם זעלבען צוג, זיך געטראָפען מיט איינעם אַ יונגענמאַן אין די זעלבע יאָהרען וואָס איך... אָט אַזוי איז דאָס געווען אַזוי ווי איצט... מיר זיינען דעמאָלט געפאָהרען אַזוי ווי מיר פאָהרען איצט, צוויי אַנטקעגען צוויי, איך בין געזעסען אויף איין באַנק מיט אַן אומבאַקאַנטער פריילין און פונקט אַזוי ווי איצט האָט געהאַלטען אין איין דרימזשען דער לאַמטערן, דרימזשעט! איך זעה, דער יונגערמאַן קוקט צום לאַמטערן, קוקט איין מאָל, קוקט אַ צווייטען מאָל און זאָגט אַזוי צו זיין שכנה, צו דער אומבאַקאַנטער פריילין וואָס זיצט:

— פריילין, אַט דער לאַמטערן וועט מיך משוגע מאַכען!

די פריילין האָט איהם אָנגעקוקט און געשוויגען, אַט פונקט אַזוי ווי איהר, פריילין, קוקט איצט מיך אָן, פונקט אַקוראַט אַט אַזוי אַ, און איך האָב איהם אָנגעקוקט פונקט אַזוי ווי דער יונגער־מאַן קוקט איצט אויף מיר, און יענע פריילין, די צווייטע, וואָס איז נעבען מיר געזעסען, האָט אויך אויף איהם אַזוי געקוקט ווי די פריילין קוקט איצט אויף מיר, האָט עס איהם קענטיג פאַרדראָסען און ער האָט זיך צושריען אויף זיי:

— איהר האָט אייזעלשע נערווען, אַז איהר קאָנט זיצען רוהיג און הערען אַט דאָס דרימזשעריי... שוין באַלד אַ מעת־לעת, אַז איך הער אַט דאָס דרימזשען.

— האָט ער דאָך געקאָנט אַריבערגעהן אין אַ צווייטען וואַגאָן, — איז מיר פלוצלונג ווידער אַריינגעפאָהרען דער יונגערמאַן.

— מילא, האָב איך עס קיין שכל ניט געהאַט איהם דאָס פאַר־צושלאָגען... זייט איהר, זעהט אויס, קליגער פון מיר, אָבער דער־מיט ווערט דאָך די טרויעריגע פאַסירונג ניט געענדערט. איך געדענק נאָר, ווי ער האָט אונז אַלעמען פאַרגיפטעט מיט זיינע נער־ווען און אונז אַלעמען האָט שטאַרק אָנגעהויבען צו דערעסען אַט דאָס דרימזשעריי פון לאַמטערן, און ער האָט זיך איין מאָל גע־געבען אַ שטעל אַרויף אויף דער באַנק און איין מאָל עפּעס גע־פּרואווט דאַרטען צו טאָן, אַז עס זאָל אויפהערען צו דרימזשען, אַ צווייטען מאָל געפּרואווט און אַ דריטען מאָל, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ביז אַזוי לאַנג ווי ער איז פלוצים, אַט אַזוי ווי איך ווייז אייך, געגעבען אַ שפּרונג־צו צום פענסטער און אַ פרעג געטאָן:

— ס'עפענט זיך?

און אַט אַזוי ווי איך ווייז אייך, אַזוי ווי איך שלעפּ ביים אויער דעם פענסטער, אַזוי פונקט האָט ער איהם געשלעפּט און פאַר דער צייט האָט איהם די שכנה זיינע, דאָס פרעמדע מיידעל, וואָס איז נעבען איהם געזעסען, אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט און אַ פרעג געטאָן:

— וואס ווילט איהר טאָן?

— איך וויל עס ביי אייך אויך פרעגען! — האָט מיין שכנה פלוצלינג א פרעג געטאָן מיט א ליב שמייכעלע און מיר אָנגעכאַפּט פאר דער האַנט און מיר געקוקט אין די אויגען אריין מיט א גרויס געמיש פון צערטליכקייט און שרעק, און איך בין שוין געוועזן אין דער ראָלע פון יענעם, פון מיר אויסגעטראַכטען פארשוין:

— אָה, לאָזט מיך, לאָזט מיך!...

מיין שכנה האָט מיך פעסט ארומגענומען און צוגעהאַלטען:

— נו, בארוהיגט זיך, ניטאָ פון וואָס אזוי אויפגערעגט צו זיין... מיר זיינען טאַקע היינט אַלע מיט שוואכע נערוועז, נאָר מ'טאָר זיך אזוי ניט נאָכגעבען.

איך האָב איהר נאָכגעגעבען און זיך געלאָזט פון איהר און פון איהרע הענט זיך אוועקזעצען... איך האָב מיך כלומר'שט ענד־ליך דאָך בארוהיגט און ארויס מיט לשון:

— נו, איך פרעג אייך מעהר ניט: ווי אזוי קאָן מען טאַקע ניט משוגע ווערען... מ'קאָן דאָך ווירקליך פון זינען אראָפּ... איהר מיינט פון לאַמטערן, ניין... נאָר פון אייך... ווי אזוי האָט מען דאָס אזא אייזערנעם געדולד זיצען אין שכנות נעבען אזא שעהנ־הייט ווי איהר זייט און ניט הערען קיין וואָרט פון איהר און ניט זעהן קיין שמייכעלע. גאָט מיינער, צוליב וואָס אזא אָנגעבלאָ־זענע שטרענגקייט, מיר זיינען דאָך יונגע מענשען, מיר האָבען דאָך יונג בלוט. זעהט, זעהט, ווי עס פליהען די סלופּעס איינער נאָכ'ן אנדערען, יעדער סלופּ איז א פּיצעל, א ברעקעל לעבען אונזערס, וואָס ווערט אָפּגעריסען פון אונז. שפּרינגט אוועק און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען... באטראַכט אומיסטנע וויפיל אָנשטרענגונגען איך האָב באַדאַרפט מאַכען און ענדליך דערפיהרט אייך צום געדאַנק, אז איך גיה זיך דורכ'ן פענסטער ארויסוואַרפען, ערשט דאָ האָב איך פון אייך א ליב וואַרעם וואָרט דערהערט און צאַרטקייט און פריינדליכקייט אין אייערע אויגעלאַך דערזעהן, און א שמייכעלע האָט זיך ביי אייך אויף די ליפּעלאַך געוויזען... האָט

איהר דאָס ניט געקאָנט פריהער גלייך טאָן... אָבער... ס'איז איצט אויך רעכט, מיין ליבע און טייערע פרעמדע שכנה... דעם ווייטער־דיגען וועג, גלויב איך, וועלען מיר שוין אנדערש פארברענגען... איהר האָט נאָך א סך צו פאָהרען?

— נאָך איין סטאַנציע...

אך, צו אלדי טייוואָלים! פארוואָס האָב איך זיך פריהער מיט עטליכע שעה ניט געגאַנגען ווארפען פון פענסטער ארויס?...

# צווישען צוויי פייערען.

ליבער אדאלף, האסט מיך געבעטען, באלד ווי איך וועל אהיים קומען, זאל איך דיר שרייבען. איך בין שוין א וואך אין דער היים, האב דיר גאר ניט געשריבען און געפין זיך אין שרעק־ליכער פארצווייפלונג צי זאל איך דיר שרייבען, צי האב איך נאך דאס רעכט דיר צו שרייבען...

געדענקסטו, מיין ליבער, ווי מירביידע זיינען געשטאנען לעבען וואגאן און האבען זיך ביים לעצטען קלונג ניט געקענט צו־שיידען? געדענקסטו ווי דו האסט מיך פון צייט צו צייט ארומ־גענומען און ליידענשאפטליך געדריקט צו זיך און געקוקט האס־טו אויף מיר מיט פייכטע בענקענדיגע אויגען? ביזט פאר־קלערט געווען און געהאט אזא אויסדרוק ווי דו וואלסט מיר נאך עפעס געהאט צו זאגען נאך פיל גוזאגטעס און מיר געקוקט אין די אויגען אריין און געזוכט און געפארשט מיט די אויגען פאר־ליבטע און פאר׳חלומ׳טע ווי ניט געגלויבט דער ווירקליכקייט, אז איך בין נעבען דיר, אז איך בין דיינע. האסט געבלאנדזשעט הילפלאז מיט אויגען און בענקענדיגע בליקען אויף מיר און אויפ׳ן וואגאן און פלוצים, געדענק איך, מיך א נעם געטאן און א פרעג געטאן:

— האסט מיך ליב?

האסטו דען שוין דעמאלט געהאט באמערקט די פאר אוי־גען וואס האבען פון וואגאן־פענסטער אויף מיר געקוקט און צי האסטו באמערקט, אז איך האב זיי פון דיר פארלייקענט מיט מאכען זיך ניט וויסענדיג, אז כ׳זעה זיי יא. כ׳האב זיי געזעהן און איך ווייס נאך ביז איצט ניט וואס אזעלכעס האט מיך אפגע־

האַלטען אָנצואָווייזען דיר אויף די אויגען, אָבער איך געדענק זעהר גוט, אז מיר איז אָנגענעהם געווען וואָס די צוויי אויגען זעהען ווי געליבט איך בין... אזא טבע האָבען שוין פרויען, וואָס האָבען ליב, די גאַנצע וועלט זאָל וויסען און זעהן ווי געליבט זיי ווערען.

ווען דער צוג איז פאַרביי דער סטאַנציע, ווען דו ביזט נאָך געווען אזוי נאָהענט פון מיר, אז איך האָב נאָך געזעהן ווי דו פאַכסט צו מיר מיט'ן ווייסען טיכעלע, האָב איך שוין דעמאָלט געטראַכט פון איהם אזוי פיל וויפיל פון דיר, ניט ווילענדיג גע־טראַכט, ווייל איך האָב געפיהלט די אויגען זיינע אויף זיך, גע־פיהלט, אז ער גאַרט שוין איך זאָל אריינגעהן אין וואַגאָן אריין און דערפאַר בין איך לענגער געשטאַנען אויף דער „פּלאַטשטשאַד־קע" און דו האָסט נערוועז געפאָכט מיט'ן טיכעלע איך זאָל אריינגעהן.

געוואָרפען דיר מיין לעצטען לופט־קוש בין איך אריין אין וואַגאָן און האָב גלייך דערזעהן אָנגעשטעלט אויף מיר די באַ־קאַנטע אויגען, וואָס האָבען גליהענד און שמייכלענדיג געקוקט אויף מיר. איך האָב מיך מיט טריאומף אוועקגעזעצט און ער האָט מיך, זעצענדיג זיך מיר אַנטקעגען, אַ פרעג געטאָן:

— איהר פאָהרט ווייט?

געזאָגט איהם וואוהין איך פאָהר, האָט ער געזאָגט אז ער פאָהרט נאָך ווייטער און ליבליך צוגעשמייכעלט. און איך, פאַר־שטעהענדיג פון וואָס ער שמייכעלט, האָט עס מיר הנאה געטאָן. ס'האָט מיך געפרעהט וואָס דער וואָס זיצט מיר אַנטקעגען וויים, אז איך האָב דאַרטען געלאָזט אַ געליבטען און האָב עס געהאַל־טען ווי פאַר אַ שוץ פאַר זיך... דו ווייסט דאָך ווי אייערע מאַנס־ליים האַלטען זיך אונטערוועגס צו פרויען, ווי די לעצטע קומט אָפטמאָל אוים צו הערען באַנאַלע און צום מאָל ציניזשע רייד... כאָטש דער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ סאָלידען אריסטאָ־קראַט אָבער דאָך אַ מאַנסביל און דערצו נאָך אַ שעהנער מאַנס־ביל, וואָס קען פיל שטעלען אויף זיך... אָבער נאָך דעם וואָס

ער האָט געזעהן האָט ער שוין פון גאָר ניט געקענט ערוואַרטען. איך בין זיך מודה, אַז ס'האָט מיך געפרעהט וואָס ער האָט עס געזעהן און האָב קאָקעטירט מיט דעם... אָך, מיין ליבער, דו ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ עגאָאיסטען פרויען זיינען... אַ פרוי וואָס ווערט געליבט, גלוסט זיך איהר שרייען אין די גאַסען:

— מ'איז פאַרליבט אין מיר! מ'איז פאַרליבט אין מיר!

ווען דער צוג האָט שוין געהאַלטען אין רעכטען גאַנג, ווען אַלע שפּורען פון שטאָדטיגען לעבען זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען און פאַר די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צושפּרייטען ברייטע פאַרשידענאַרטיגע פעלדער, האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— אייער חתן?

זעהט אויס ווי ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט דערפון, און איך, צופרידען פון זיין פראַגע, וואָס ער פרעגט מיר גראָד דאָס און ניט עפּעס אַנדערש האָב גערן געשמייכעלט:

— נאָך בעסערס!...

— איך האָב עס אַזוי פאַרשטאַנען — האָט ער מיט אַ ברייט ליבליכען שמייכעל געזאָגט און צוגעגעבען: — איהר זייט גליקליך, יאָ?

יאָ, איך בין נאָך באַזונדערס גליקליך געווען דערמיט, וואָס ער האָט עס געזעהן, ווייל מיר זיינען אין צווייען אין אַ באַזונדער קופּע געזעסען...

— דאָס איז דאָס בעסטע גליק אין לעבען, — האָט ער פאַרטגעזעצט, — ליבען און געליבט צו זיין — און ביי איהם האָבען די אויגען אַזוי אָנגעהויבען צו גלאַנצען, ווי ער וואָלט אין דעם מאָמענט אַליין אין דער ראָלע פון אַ פאַרליבטען געווען...

איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. אַזוי ליגט עס שוין ביי מענשען אין דער נאַטור. ווען איינער איז שטאַרק גליקליך אָדער אומגליקליך, וואָלט ער געוואָלט די גאַנצע וועלט זאָל ווי־סען, אַז ער איז גליקליך אָדער אומגליקליך.

— איהר זייט דען אויך פאַרליבט, וואָס איהר רעדט מיט

אַזאַ באַגייסטערונג פון דעם גליק? — האָב איך נייגעריג גע־פרעגט.

— יאָ, איך בין פאַרליבט... איך האָב עס מיר נאָר וואָס אַנגעשטעקט... דאָס איז דאָך אַזוי ווי אַן אַנשטעקענדע קרענק.

איך האָב געשמייכעלט וואָס ער האָט געזאָגט, און האָב זיך האַרטער צוגערוקט צום אָפענעם פענסטער, דורך וואַנעט עס האָ־בען זיך אַריינגעריסען גאַנצע שטראָמען מיט פעלד־לופט. דאָס האַרץ פול מיט פרייד און גליק האָט ברייט אַריינגעאָטעמט די פרייע שמעקעדיגע פעלד־לופט. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל אַזוי גליקליך ניט געפיהלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין גליק איז אונענדליך. די ברייטע פעלדער האָבען מיר גערופען צום לע־בען, געוועקט אין מיר פאַרשיידענע געפיהלען... עפּעס האָט מיר אַלץ אויסגעזעהן אַזוי זאַפטיג און רייצענד... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יעדעס גרעזעלע, יעדער זאַנג איז דורכגעדרונגען מיט די זעלבע געפיהלען, וואָס איך, און דערצעהלט מיר שטום פון אַ זים פאַנטאַסטיש לעבען, פון אַזאַ לעבען, וואָס איז אינגאַנצען אומבאַקאַנט שטאָדטיגע מענשען, וואָס שטיקען זיך צווישען גרוי־סע הייזער און שטיינערנע ווענט.

אַ שטיק צייט איז מיין שכן געזעסען און געשוויגען. ער האָט אויך געקוקט אין פענסטער און געהאַט אַזאַ אויסזעהן, ווי ער וואָלט אויף אַן אמת פאַרליבט געווען. זיין שווייגען איז מיר שטאַרק געפעלען געוואָרען. אין זיין שווייגען האָב איך עפּעס פיל עהנליכעס אויף דיר געזעהן... זיין פאַרטראַכט זיין האָט מיר אויך דערמאָנט אַן גרויסע מאָמענטען, ווען דו ביזט נעבען מיר געזעסען: בלאַס און ליידענשאַפטליך צאַרט...

פּלוצים האָט ער זיין פּנים אָפּגעקירעוועט פון פענסטער, האָט אַנגעשטעלט אויף מיר זיינע שוואַרצע טיף־פאַר'חלומ'טע אויגען און געזאָגט:

דאָס וועטער האַרמאָנירט מיט אייער איצטיגער שטימונג... איך זעה דאָס גליקזעליג שמייכעלע, וואָס שוועבט אויף אייערע ליפּען... איך פיהל ווי אייער האַרץ קלאַפּט איצט האַרמאָניש

מיט דער גאנצער נאטור... זעהט נאר וואס פאר א ליבע בלענדענדע ליכטיגקייט ס'איז אויף די פעלדער צואגסען... צי דאכט זיך אייך ניט ,אז אלעם איז פארליבט אין אייך. ציהט עס אייך ניט, שלעפט עס אייך ניט אהין צווישען די זאנגען צו כאפען זיך פאר אימיצען באהאלטען. צי וואלט איהר זיך ניט היימליך דארטען געפיהלט כאטש דאס אלעס איז אייך כלומרשט פרעמד, און דאך בין איך זיכער, אז ווען איהר וואלט געהאט אזא מעגליכקייט וואלט איהר עס ניט געטאן... איהר זייט שוין צוגעבונדען צו דער שטאדט... מיר זיינען קנעכט פון דער געוואוינהייט, מיר זיינען ערצויגען געווארען מיט פרינציפען און עפעס אן אויסגעטראכטער מאראל, פון וואס מיר קענען זיך ניט באפרייען... אט נעהמט א שטייגער מיך אין דעם איצטיגען מאמענט. פרעגט מיך וואס זיץ איך דא און ניט נעבען אייך. פארוואס? דערפאר וואס איך בין א מענש מיט מאראל: איהר זייט ניט מיינע, איהר זייט אימיצענס און דער אימיצער האט אייך ליב און איהר — איהם, דערפאר דיקטירט מיר די מאראל, האב איך שוין קיין רעכט ניט אויף אייך, כאטש איך פיהל מיט מיין גאנץ וועזען, אז איהר זייט מיר אזוי נאהענט, ווי יענעם... איהר זייט מיר אזוי נאהענט ווי דאס פעלד און זון... אייערע אויגען לייכטען מיט הימעלשען גליק... איז דען דער הימעל ניט פריי פאר אלעמען?... ערלויבט־זשע מיר צו קוקען אייך אין די אויגען אריין... איך האב אייך ליב דערפאר וואס איהר זייט גליקליך.

איך בין פארהיפנאטיזירט געווארען פון זיינע ווערטער און פון דעם פייער וואס האט געגליהט אין זיינע אויגען, און פונקט ווי ברען־מאטעריאל דערוואַרימט, דערהיצט פון דער זון כאפט זיך אן א פונק, אזוי האט מיין הארץ היים פון ליבע צו דיר געברענט פון יעדען ווארט פון זיינעם און געפיהלט האב איך, אז וואס מעהרער ער רעדט, קריג איך דיך אלס ליבער, און א דאנק דעם שוין ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם, וואס האט די ווערטער גערעדט.

נאָך אַ קורצע פּויזע, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון מיר האָט ער אויסגעצויגען זיין ווייסע, אַריסטאָקראַטישע האַנט מיט'ן בלאַנקענדיגען מאַנקעט און מיט דער זעלבער הערצליכער שטימע געזאָגט:

— גיט מיר די האַנט אייערע!

ניט געוואוסט נאָך וואָס ער בעט מיין האַנט, האָב איך עס זעהר געוואָלט וויסען, און פרעגען איהם צו וואָס ער באַדאַרף זי, האָט ניט געטויגט, און ניט געבען איהם וואָלט, האָב איך גע־מיינט, אודאי ניט געטויגט. האָב איך לאַנג ניט געטראַכט און איהם געגעבען די האַנד מיינע.

— אַט אין דעם זעה איך, אַז איהר זיינט אמת פאַרליבט, — האָט ער ענטוזיאַסטיש אויסגערופען, דריקענדיג מיין האַנט — איך שעץ מיך גליקליך באַקאַנט צו זיין מיט אַזאַ אָרענטליכער פרייליין ווי איהר זייט... אָ, איהר באַדאַרפט מיר שוין גאָר ניט דערצעהלען. דאָס זאָגט מעהרער פון טויזענדער ווערטער... ביי איך איז שוין אַלץ איינס מיר געבען די האַנט, צי אַ פרויען־ציר־מער. איך זעה, אַז איהר לעגט שוין דארויף גאָר קיין אַכט ניט. אַנדערש וואָלט איהר זיך דאָך פאַרטראַכט וועגען דעם... ריכ־טיג?

יאָ, אַזוי איז דאָס געווען, אָבער זאָגען איהם, אַז ס'איז אַזוי וואָלט דאָך שוין געהייסען צו גראָב באַליידיגט... האָב איך געשוויגען... איך האָב געשוויגען און ער האָט די האַנט מיינע אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געדריקט און פּאַמעלאַך צוגעטראָ־גען די האַנט צו זיינע ליפּען און אַ הייסען קוש געטאָן, און דערביי מיר פאַרקוקט אין די אויגען אריין. אפשר וויל איך ניט ליידען, איז ער גרייט יעדע ווייַלע אָפּצולאָזען די האַנט. דער־קען איך עס אַזוי אין זיין קוקען... מיין איך, אַז ס'דאַרף אַזוי צוגעהן... ווייל ס'איז דאָך טאַקע אַזוי ווי ער האָט געזאָגט... טו איך, הייסט עס, גוט... טאָ לאָז ער האַלטען, טאָ לאָז ער קושען... פון דיינעט וועגען... און זאָל ער טאַקע וויסען, אַז איך האָב קיין מורא, אַז איך האָב דיר ליב, אַז איך בין זיכער אין זיך...

גלעטענדיג, דריקענדיג און קושענדיג מיין האַנט, האָט ער זיך פּלוצלינג געגעבען א זעץ איבער צו מיר און שוין זיצענדיג געפרעגט:

— איהר וועט גאָר ניט האָבען געגען דעם, וואָס איך וועל מיך זעצען נעבען אייך?

איך האָב ניט געוואוסט, צי איך האָב עפּעס דאַגעגען צי ניט, אַזוי האָט ער מיר דעם קאָפּ פאַרדרעהט, און איך האָב געענט־פערט:

— איהר זיצט דאָך שוין.

— ווי אַזוי הייסט אייער געליבטער? — האָט ער פּלוצלינג א פרעג געטאָן.

— אדאָלף! — האָב איך זעהר גערן געענטפערט.

— אדאָלף! — האָט ער היציג אויסגערופען — זעהר א ראָמאַנטישער נאָמען... איך האָב באַמערקט, אז ער האָט אייך שטאַרק ליב און איהר איהם — אויך... יא, איהר פאַרדינט עס ביידע... נאָר ער אייך, האָב איך געזעהן, האָט שטאַרקער ליב... ער זעהט אויס צו זיין א מענש מיט א הייסען טעמפּעראַמענט... ענטשולדיגט, ווען־זשע איז ביי אייך האָכצייט?

א הייסער בלוט־שטראָם האָט מיך דאָס גאַנצע געזיכט פאַר־גאָסען... איך האָב שוין ניט געהערט וואָס ער האָט דאָרטען ווייטער גערעדט, איך האָב נאָר געשפּירט ווי ער גיסט אויף מיר הייסע שטראָמען, ריידענדיג פון דיר... איינצייטיג האָט ער זיך הארטער און הארטער צוגערוקט צו מיר, און עפּעס איז שוין ביי מיר אויסגעקומען, אז ניט ער דערנעהנטערט זיך צו מיר, נאָר דו. דו מיט איהם צוזאַמען... און וואָס מעהרער ער האָט פון דיר גערעדט האָט ער זיך אַלץ פעסטער צוגערוקט צו מיר און איך האָב אַלץ היציגער און היציגער פון דיר געטראַכט און איהם אַלץ ענגער נעבען זיך דערפּיהלט... ער האָט זיך קונציג צונויפגעגאָסען מיט דיין דיר, און וואָס פעסטער איך האָב איהם געפּיהלט נעבען זיך האָב איך אַלץ ליידענשאַפטליכער פון דיר גע־טראַכט...

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שוין צו מיר צוגערוקט אזוי נאָהענט, אז איך האָב געפיהלט זיין הייסען אָטעם אויף זיך, האָט ער פּאַמעלאַך אַרויפגעלייגט זיין האנט אויף מיין טאַליע און איך געדענק, אז איך האָב דערביי געטראַכט: „זעה נאָר, ער נעמט דאָך מיך אַרום...״ און דערביי אַלץ פון דיר געדעדט. עפּעס געדערט אזוי, אז דו נעמסט עס מיך אזוי אַרום... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרעהט און איך האָב פאַרלוירען דעם מינדעסטען ווילען צו וועהרען זיך פון זיין אַרומנעמען... איך האָב מיר ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענונג, ווער דאָס טוט, דו צי ער, און בין נייגעריג געווען צו וויסען, וואס וועט ער ווייטער טאָן:

פּלוצלינג האָב איך אויף מיין באַק א פייערדיגען קוש דער־שפּירט און באַלד א צווייטען און א דריטען.

מיר האָט אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען און געדאַכט האָט זיך מיר, אז איך פאַרליר דעם באָדען אונטער זיך. אין זעלבען מאָמענט האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און איך האָב גע־מיינט אז דאָס האָט מיך אימיצער פון פאַלען געוואָלט אָפּהאַל־טען. שפּעטער א ווייל̈ע האָט זיך מיר געדוכט, אז דער אימי־צער איז דו... איך האָב אין גאַנצען פאַרלוירען דאָס באוואוסט־זיין... אין מיינע געדאַנקען איז פאַרגעקומען א ווילדער פּלאָנ־טער און איך האָב ביז׳ן לעצטען מאָמענט ניט געגלויבט, אז איך זאָל זיך קענען אזוי פאַרלירען... איך בין, א דאַנק מיין הייסער ליבע צו דיר, אויפגעהיצט פון א צווייטער פּערזאָן, געווען שוואַך און ווילענלאָז... ער האָט אויפ׳ן העכסט קינסטלערישען אופן אויפגערייצט מיינע געפיהלען צו דיר און האָט עס אויפ׳ן גרעב־סטען אופן אויסגענוצט פאר זיך...

מיין ליבער! איך בעט ביי דיר קיין פאַרצייהונג ניט, איך וויים פריהער, וואָס פאר א צאָרן און עקעל איך וועל ביי דיר אַרויסרופען... איך וויל דיר נאָר זאָגען, אז איך ליב דיך ווי פריהער, אז מיין נשמה האָט אין דיר קיינמאָל ניט געפעלשט...

דיין אונגליקליכע **רעגינא.**

# „היימישע"

פאראן היימישע רעסטאראנען מיט היימישע עסענס, וואוהין עס געהען אריין היימישע מענשען, מיט דער זיכערקייט, אז זיי וועלען דארטען ניט פארדארבען די מאגענס. אזוי זיינען פאראן „היימישע מיידלאך", וואס נעמען אויף היימישע מענשען און מענשען דורך רעקאמענדאציע, וואס ווערען רעקאמענדירט פון די היימישע... אזעלכע דרעהען זיך ניט ארום אין גאס און שלעפען ניט ביי די ארבעל קיין מאנסלייט און זינגען קיינעם אין אויער ניט אריין קיין אויפרייצענדע לידעלאך, ווי עס טוען אנדערע פון דער זעלבער פראפעסיע...

אט אזוי האבען געלעבט, געהאנדעלט און אויפגעפיהרט זיך די צוויי היימישע שוועסטער... „עהרליך", שטיל און באשיידען פאר לייט און פאר מענשען און אפילו פאר די געסט פאר זייערע, האבען זיי זיך געהאלטען ווי אינסטיטוטקעס. יעדע באזונדער האט זיך איהרע באזונדערע געסט, באזונדערע סימפאטיעס, און יעדע איינע איז געווען עהרליך צו דעם איינעם, וואס האט זי אין דעם און אין יענעם אוועגט באזוכט. ווען די און יענע האבען ער־ווארטעט איינעם און א צווייטען, האט מען שוין קיין אנדערע ניט אויפגענומען, און א צווייטען אוועגט האט מען מיט דער זעלבער עהרליכקייט ערווארטעט אנדערע צוויי...

אט אזוי האבען זיך אויפגעפיהרט צוויי אידישע טעכטער אלע אוועגטען פון דער וואך, אין די ששת ימי יצירה און אויך אינ'ם זיבעטען אוועגט פון שבת, אלע אוועגטען פון דער וואך און אויך דעם שבת'דיגען אוועגט (א חוץ יום כפור). זיינען געזעסען ביים טיש און זיך היימיש פארבראכט ביי א גלעזעלע ביער איינע,

איין שוועסטער, מיט איינעם, און אַ צווייטע, די צווייטע שוועסטער, מיט אַ צווייטען. ווי כלות מיט חתנים האָט מען זיך פאַרבראַכט, אָדער ווי צוויי פּאָרלאַך ערשט נאָך דער חתונה. און די צוויי מענער, צי זיי זיינען באַקאַנט אָדער אומבאַקאַנט געווען, האָבען זיך געפיהלט היימיש ווי ביי זיך אין אייגען־שטוביגער אָרענטליכקייט, און אַמאָל גאָר ווי צוויי שוואָגערס... זיי זיינען געזעסען שטיל און באַשיידען אין היימישער סביבה פון אָרענטליכען ניאוף און רעספּעקטירט אָט די מיידלאַך, וואָס זיצען אָרענטליך איצט ביים טיש און וועלען זיין אומאָרענטליך ווען די צייט וועט קומען.

פאַרשטעהט זיך, אַז די מיידלאַך האָבען שוין געוואוסט די מאָס ביז וואַנען זיי קאָנען זיך פיהרען און עהרליך זיך האַלטען מיט זייערע באַזוכער ביים טיש, און אַז די מאָס פון אָרענטליכער שפּיל איז פאַרפולט געוואָרען, איז איין שוועסטער מיט איינעם, און אַ צווייטע מיט אַ צווייטען, ווי צוויי אָרענטליכע ווייבלאַך, פאַרשוואונדען געוואָרען אין זייטיגע טירלאַך. די שטוב, וואָס די צוויי פּאָרלאַך האָבען זי פאַרלאָזט, איז געבליבען פאַרזונקען אין האַלב פינסטערער און אָרענטליכער שטילקייט מיט פון הינטען אַרויף אָנגערוקטע שאָטענס אויף די ווענט און די אויבערשטע העלפט פון די ווענט און דער סופיט פון אויבען זיינען געווען טונקעל באַלויכטען פון דעם אַיינגעדרעהטען לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש און וואָס איינע פון זיי האָט אַלע מאָל אין זינען געהאַט אַריינצודרעהען...

וואָס געהער זייער אויפפיהרען זיך בייטאָג, פאַר׳ן הויף, האָבען זיי זיך אויפגעפיהרט פיינער און שטילער פון די פיינסטע און שטילסטע. זיי האָבען זיך זעהר זעלטען געוואָרפען די שכנים אין די אויגען אַריין. אַ פּאָר מאָל אין טאָג האָבען זיי זיך אין הויף געוויזען, דורכגעהענדיג הין און צוריק פון זייער שטוב. אין די גרויסע זומער־טעג האָבען זיי נאָר אַ פּאָר שעה פאַרנאַכט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב צו כאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט. אין זייער דורכגעהן דעם הויף האָט מען געקאָנט באַמערקען זייער איינ־

זאַמקײט... װי צװײ יתומים, יתומים אָהן מענשען, האָבען זײ אױסגעזעהן, װאָס זײנען נאָך אַ װעלט־קאַטאַסטראָפע אַלײן אין צװײען געבליבען לעבען, צופרידען פונ׳ם בלײבען און אײנצײטיג אומגליקליך פון אײנזאַמקײט... זײ האָבען זיך צום שפּאַציר אַלע מאָל באַװיזען געדיכט געשלײערט און מיט פּיס און טריט גע־טראָטען, אַזױ װי זײ װאָלטען מורא געהאַט אײנגעזונקען צו װערען דאָרטען, װאו זײ האָבען די פיס זײערע געשטעלט. און די שטוב זײערע איז געבליבען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען מיט אַ גרױסען שלאָס אױף דער טיר און ס׳איז געװען אַ גרױס רחמנות אױף דער שטוב, װאָס האָט בײטאָג בײ דעם שײן פון דער זון קײנמאָל קײן פרעמדען לעבעדיגען נפש ניט געזעהן...

* * *

אַ דאַנק אַזאַ אױפפיהרונג, װי די צװײ שװעסטער־מײדלאַך האָ־בען זיך אױפגעפיהרט, האָט עס גענומען אַ לענגערע צײט ביז מען האָט זיך אין הױף דערװאוסט, מיט װאָס פאַר אַ מלאכה זײ פאַר־נעמען זיך. פאַר דער צײט האָבען זײ זיך באַפרײנדעט מיט אַ װײבעל, מיט אַ שכנה פון דער צװײטער טיר. דאָס װײבעל האָט געהאַט אַ מאַן מיט אַ קינד כדת משה וישראל, און דערפאַר טאַקע האָט עס די זינדיגע מײדלאַך נעבאַך אַזױ געצװיגען צו דער עהרלי־כער און כשר׳ער װײבעל, ניט פאַרפעהלט אַ טאָג זײ זאָלען דאָרט ניט זײן. און קײנמאָל זיך ניט געװיזען מיט קײן לײדיגע הענט, אַלע מאָל עפּעס אַרײנגעבראַכט פאַר׳ן קינד׳ס װעגען. פאַרשטעהט זיך, אַז ס׳איז בײ איהר געװען זעהר אָנגעלעגט. שפּעטער אָבער, װען זי האָט זיך דערװאוסט... יאָ, געענדערט האָט זי זיך גאָרניט, געענדערט האָט זיך נאָר דאָס, װאָס אױפ׳ן אָרט פון איהר פריהער־דיגער דאַנקבאַרקײט האָט זיך איהר אָנגעהױבען דאַכטען, אַז ס׳קומט איהר, װײל זי איז אַן אָרענטליך כשר װײבעל, האָט אַ מאַן און האָט אַ כשר קינד מיט׳ן מאַן... טיף אין זיך האָבען זיך די געפיהלען איהרע צו די מײדלאַך ניט געענדערט, פאַרקערט, עפּעס האָט עס זי מעהרער גאָר געצװיגען צו זײ. נאָר עפּעס האָט זי גע־

פּיהלט אַ חוב אויף זיך, אַז אָרענטליכען חוב, צו באַווייזען, אַז זי איז מיט זיי ניט צופרידען.

— נו, געה וויס! איך וואָלט זיך גיכער געריכט אויף אייך אַ מיתה משונה!

און די מיידלאַך האָבען זיך פאַרענטפערט, אַז זיי זיינען ניט שולדיג... ס'האָט געטראָפען מיט זיי ביידען דאָס, וואָס עס טרעפט ניט זעלטען מיט לייכטזיניגע מיידלאַך, און דער טאַטע זייערער האָט זיי ארויסגעיאָגט פון שטוב (קיין מוטער האָבען זיי ניט געהאַט), נו, איז וואָס האָבען זיי געקאָנט טאָן... און אַלע מאָל פאַרזיכערט דער ווייבעל, אַז ווי נאָר זיי וועלען זיך אָנקלייבען עטליכע הונדערט רובעל, וועלען זיי אוועקוואַרפען דאָס שענדליכע ברויט און וועלען זיך מאַכען אַן אָרענטליכע פּרנסה... יאָ, זיי האָבען עס געמיינט ערנסט די „אומאָרענטליכע" מיידלאַך, אָבער דאָס אָרענטליכע ווייבעל האָט זיי ניט געגלויבט. ווייל זי איז געווען „אָרענטליך", איז זי זיכער געווען, אַז זיי, די מיידלאַך, זאָגען ליגען. זי איז זיכער געווען, אַז די מיידלאַך איז גאַנץ אנגענעם די פּרנסה זייערע...

— יאָ, נו, ס'האָט שוין אַ מאַכט!...

דאָס ווייבעל האָט זיך עס ניט מיט אַמאָל דערוואוסט פון דעם מיט וואָס די צוויי שכנות־מיידלאַך פאַרנעמען זיך, נאָר צו ביסלאַך. זי האָט אָפט באַמערקט דורכ'ן פענסטער, ווי עס בלאָנדזשעט אַ פאַרשוין עפּעס אַזוי פאַרזיכטיג און שטיל און ס'איז קענטיג געווען, אַז ער וויל זיך, זיין בלאָנדזשען און זיין זוכען דאָס וואָס ער זוכט פאַרבאַהאַלטען. און אָפט האָט זי באַמערקט, ווי מען רייבט דאָרט שוועבעלאַך אין פינסטערען קאָרידאָרעל און מ'קוקט און מ'זוכט. איינמאָל האָט זי דערהערט, אַז מען טאַפּט ביי איהר שטוב די טיר, אַז עס טאַפּען פרעמדע הענט פון אַ פרעמדען מענשען. זי האָט געעפענט די טיר און ס'האָט זיך אַריינגעוואַליעט אַ פרעמדער פאַרשוין, און אַ קוק געגעבען אויף איהר און אויפ'ן קינד וואָס זי האָט געהאַלטען אויף די הענט, איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ באָק.

— צו ווען בעדאַרפֿט איהר? — האָט דאָס ווייבעל ביי איהם, ביי דעם מענשען, געפֿרעגט.

און שפּעטער, ווען דאָס ווייבעל האָט שוין געוואוסט, וועך איהרע שכנות זיינען און ס'איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרען צו איהר זייערער אַ קאַוואַליער, האָט זי איהם שוין ניט געפֿרעגט וואָס און ווען, נאָר גלייך מיט אימפּעט געזאָגט:

— די צווייטע טיר, יונגערמאַן!...

פֿאַר אַ פּאָר וואָכען צייט האָט זיך דאָס ווייבעל צוגעוואוינט צו איהרע שכנות, אָט צו אַזעלכע, ווי זי האָט זיך דערוואוסט, ווי זיי זיינען, און געוואָרען מיט זיי גאַנץ פֿריינדליך און אינטים... זי איז דאָך אַן אָרענטליכע, מעג זי פֿרעגען און רעדען וואָס איהר ווילט זיך און וואָס איהר פֿאַלט איין... זי האָט געוואָלט ביי זיי וויסען פֿיל זאַכען פֿון זייער פֿיל מענערשען לעבען.

— זיי קושען אייך?...

די מיידלאַך האָבען איהר צוליב געטאָן און געענטפֿערט, אַז עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע: פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס קושען זיך און פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס בייסען זיך און פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס טוען ביידע זאַכען איינצייטיג, און אַ פּאָר מאָל פֿאַר איהר די הענט באַוויזען, די בלויע צייכענס, און דאָס ווייבעל האָט ניט געוואוסט, צי באַדאַרף זי זיך פֿאַרהאַלטען מיט מיטלייד צו זיי, צי פֿאַרקערט. זי האָט זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין געפֿיהלען און ניט געוואוסט, וואָס איז נאַטירליכער, צי דאָס בייסען און קושען פֿון פֿרעמדע, צי דער גלייכגילטיגער צוטריט פֿונ'ם אייגענעם מאַן צו דער אייגענער ווייב... כ'האָט זיך עפּעס געשפּירט אַ ווייבערשע קנאה צו די מיידלאַך און איינצייטיג פֿאַרדרום צום מאַן, פֿאַר וואָס ער איז צו איהר ניט אַזוי ווי פֿרעמדע זיינען צו זיי און אומבאַמערקט איז דאָס ווייבעל אַריבער צו אָרענטליכער אומאָרענטליכקייט מיט'ן אייגענעם מאַן:

— באַצאָהל!...

און זי האָט זיי מיט עהרליכער פֿרעכהייט דערצעהלט פֿון איהרע געשעפֿטען מיט'ן אייגענעם מאַן.

און ס'האָבען די צוויי מיידלאַך דערפֿיהלט אַ קנאה צום עהר־

ליכען ווייבעל, וואָס זי קאָן אין אַן אומאָרענטליכען אופן זיך פאַר־האַנדלען דעם אייגענעם מאַן...

זיי האָבען שוין גוט געוואוסט די שוואַכקייט פון די מענער, אַז אויב זיי, וואָס האָבען עטליכע מענער און ניט קיין סך, ווערען אַזוי געאַכטעט און געקרוינט דערפאַר וואָס זיי האָבען עטליכע און געצעהלטע, היינט ווי אַזוי וואָלט עס שוין זיי געצויגען די קונדען זייערע צו זיי, ווען זיי וואָלטען געהאַט איינעם, נאָר אַ געזעצליכען מאַן.

— באַרגט מיר אייער מאַן, — האָט דאָס עלטערע שוועסטער־מיידעל געזאָגט צום ווייבעל און געשמייכעלט.

— וואָס זשע, ס'איז אייך ווינציג? — האָט דאָס ווייבעל גע־זאָגט מיט כשר'ען און עהרליכען ציניזם.

אָט דאָס ווייבעל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָט שוין געוואוסט, וואָס פאַר אַ סחורות די מיידלאַך זיינען, איז דאָך פאָרט אַלץ געבליבען ביי איהר אַ פעסטע איבערצייגונג, אַז זי קאָן זיך ערלויבען מעהר ניבול־פה צו רעדען און זיין ציניזשער ווי די מייד־לאַך, נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אַ געזעצליכען מאַן, צו וועמען זי איז געזעצליך פאַרווייבט כדת משה וישראל.

די עלטערע, וואָס איז געווען פראַקטישער פון דער אינגערער אין איהר פאַך און האָט ערנסט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגען אַן עהרליך לעבען צו פאַרבלענדען עפעס איינעם אַ יאָלד די אויגען און חתונה צו האָבען מיט איהם און צו זיין געטריי דעם יאָלד (זי האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסען אַנטיק וועט זיך איהר שוין ניט איינגעבען צו קריגען), האָט דערפאַר אַליין, וואָס זי האָט נאָך אַמאָל געשטרעבט צו אַן אָרענטליך לעבען, איז דערפאַר אַליין מעהר אי־בערגעגעבען געווען איהר פרנסה, כדי אַזוי אַרום וואָס מעהר געלט אַריינצובאַקומען און וואָס גיכער פּטור ווערען דערפון... יאָ, זי האָט זיך אַריינגעטראַכט, ווי צו פאַרגרעסערען די רווחים, און דאָס איז נאָר מעגליך געווען נאָר מיט דעם וועג, מיט וועלכען זי האָט זיך אָװעקגעשטעלט צו פיהרען, נאָר מיט'ן „אָרענטליכען" וועג. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר זי וועט אָנהויבען אָנצונעמען מעהר

געסט, וועלען פאלען די פרייזען און זי וועט גארניט געווינען דער־פון, איז דארף מען, הייסט עס, ארבייטען אויפ'ן וועג פון ארענט־ליכקייט... האט זי שוין אבער עהרליכער ווי זי איז געווען ניט גע־קאנט זיין...

— בארגט מיר אייער קינד! — האט זי אזוי איינמאל, האל־טענדיג דאס קינד אויף די הענט, געזאגט צו דער מוטער פונ'ם קינד.

יענעם שפאס דעם ערשטען וועגען בארגען דעם מאן האט דאס וווייבעל נאך פארשטאנען, אבער דאס קינד!...

— וואס טויג אייך מיין קינד, וואס?

און דאס זינדיגע מיידעל האט דער כשר'ער וויבעל ערקלערט דעם גאנצען תוך פון דער זאך... און דאס ווייבעל האט געזאגט:

— א גוטע קרענק אייך!...

זי האט אין דעם גאר קיין בייז ניט איינגעזעהן, ווייל וואס ווייסט א קינד פון יאריד... נאר גלאט אזוי א גוטע קרענק איהר. וואס הייסט עפעס, זי וועט איהר געבען דאס קינד אויף נאכט־לעגער און זי זאל מיט איהר קינד מאכען געשעפטען. וואס וועט איהר ארויסקומען דערפון?

— א גליק וועט איהר טרעפען!

ס'איז איהר ניט איינגעפאלען, אז זי קאן בעטען געלט און אז מען קאן צאהלען דערפאר. ווען אבער יענע האט איהר פארגעלעגט א רובעל מיט פופציג פאר יעדער נאכט, וואס דאס קינד וועט דארט ביי זיי שלאפען, האט זי יענער אנגעקוקט פארוואונדערט.

— געהט צו אלדי רוחות!...

אומבאוואוסטזיניג איז דאס געווען פריקרע... ווען ס'וואלט ניט געווען קיין מיידעלע, דאס איין יאהריג קינד, וואלט זי זיך גארניט פארטראכט וועגען דעם... איינצייטיג האט זי אבער אויך געטראכט וועגען דעם, אז דאס קינד איז דאך ניט מעהר ווי א קינד, אז ס'איז אינגאנצען איין יאהר אלט. זי האט טשיקאווע געפרעגט:

— און וואָס, אַז מ׳וועט אייך פרעגען: וואו איז דאָס געווען ביז אַהער?

— איך האָב עס געהאַלטען ביי אַן אַם. איצט האָב איך עס אָפּגענומען פון דער אַם און האַלט עס ביי זיך.

איינגעשטימט אויפ׳ן מסחר און געפיהלט עפּעס אַ מאָדנע גוט געפיהל, וואָס זי, דאָס כשר׳ע ווייבעל, טרעט אריין אינ׳ם טריפה׳־נעם געשעפט מיט אַ שטיק חלק פון זיך און בלייבט אַליין פון וויטען און וועט דערפאַר באַקומען אַ רובעל פופציג, און דאָס וועט געהערן איננאַנצען צו איהר. פאַר איהם איז שוין גאַנץ גענוג, וואָס ער האָט אַן אומזיסטע ווייב, און נאָך וואָס פאַר אַ ווייב, וואָס האָט אי אַ קינד, אי אַ מאַן...

* * *

דאָס קינד איז געוואָרען אַ שותפות׳דיגס, ס׳האָט געוואַנדערט פון איין שטוב אין דער אַנדערער, דאָרטען וואו געטאָגט האָט עס ניט גענעכטיגט, און וואו גענעכטיגט — ניט געטאָגט. די מאַמע, די אמת׳ע מאַמע פונ׳ם קינד, האָט אַלע פריהמאָרגען איבערגענומען צו זיך דעם לעבעדיגען פּקדון איהרען, מיט אַ רובעל פופציג אין האַנט אריין און זיך אַזוי גוט געפיהלט, וואָס עהרליכקייט ווערט אַזוי הויך געשעצט און דאָבעל באַצאָהלט, און האָט אַ פּאָר מאָל מיט איין טאָן און מיט איין און דעם זעלבען נצחון געפיהל געזאָגט צו די זינדיגע שוועסטער־מיידלאַך:

— זעהט איהר, אה? אַז אפילו צו אַזא פרנסה ווי אייערע, וואָס איהר האָט, איז אויך גוט, אַז מ׳איז עהרליך. — און דורכ־געזאָפּט מיט דעם געפיהל, האָט זי אָוועקגעשטעלט דאָס קינד אויפ׳ן טיש, געפּאַטשט צו דעם און געזונגען:

„טאַנץ אַ ביסעלע, לעב אַ סך!
הויב אַ פּיסעלע, גיב אַ לאַך!״...

דאָס געשעפט האָט אָנגעהאַלטען אַ פּאָר וואָכען, אַזוי פיל הייסט עס, וויפיל ס׳איז נויטיג געווען, אַז מ׳זאָל זיך דערוויסען און גלויבען, אַז זי, איינע פון די „עהרליכע״ שוועסטער, האָט אַ קינד,

און מעהר האָט זי ניט גערדאַרפט. פאַר דער מוטער פונ'ם קינד איז דאָס אָבער געקומען אזוי אומגעריכט, כאָטש זי האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אז יענע נויטיגט זיך שוין ניט אין איהר קינד, אז די גוטע רעקאָמענדאַציע האָט שוין יענע געקראָגען. יאָ, זי האָט עס פאַרשטאַנען און דאָך זיך געפונען באַליידיגט... זי האָט ערשט נאָכ־דעם גענומען אריינטראַכטען ווי יענע האָבען זי אָפּגענאַרט; פאַר די עטליכע רובעל, וואָס זי האָט באַקומען, האָט יענע אויף אַלע מאָל געקראָגען דעם גוטען נאָמען און די פאַרדינסטען האָבען געוואַלטיג געשטיגען... ניין, זי האָט זיך פּשוט געפיהלט אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז די פיס, פאַר אַ גאָרניט זיך מבזה געמאַכט. חוץ דעם, האָט זי געהאַט צרות מיט'ן קינד. ווי ס'איז נאָר צוגעפאַלען די נאַכט, האָט דאָס קליינע נפש'ל זיך געריסען אהינצו מיט געשרייען און גוואַל־דען. זעהט אויס, אז דאָס פּיצעל קינד האָט געבענקט נאָך די גוטע זאַכען, וואָס ס'האָט קיינמאָל, אזוי לאַנג און אזוי קורץ ווי עס לעבט אויף דער וועלט, ביי טאַטע־מאַמע ניט געזעהן.

— וועסט מיר זיין אזוי ווי „זיי", הא? וועסט מיר פריהער ניט דערלעבען אויסצוואוואקסען!

און געזוכט אַ געלעגענהייט, ווי זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. איז איהר איינמאָל אזא געלעגענהייט צו די הענט געקומען.

ס'האָט געטראָפען דאָס, וואָס ס'פלעגט אָפט טרעפען, אז איי־נער, וואָס איז געגאַנגען צו „זיי", האָט פאַרבלאָנדזשעט צו איהר, צום ווייבעל'ס טיר. דאָס איז געווען תחילת אָוונט. דער מאַן איז אין שטוב ניט געווען און דאָס קינד איז געשלאָפען. דאָס ווייבעל איז געזעסען פאַרטאָן ביים טיש אין אַ שטוביגער אַרבייט. און אזוי ווי זי איז געזעסען, האָט זי דערהערט, אז מ'טאַפּט אין דער טיר און דערקענט, אז דאָס טאַפּען פרעמדע הענט. איז זי צוגע־גאַנגען און געעפענט די טיר און פאַר איהרע אויגען האָט זיך באַ־וויזען פון הינטער־גרונדיגען חושך אַ געדיכטע פיגור פון אַ פרעמדען פעסט געבויטען מאַן, וואָס האָט באַקאָוואַטע געשמייכעלט און גע־נומען ציהען צוריק.

— ווען מען באַדאַרף איהר? — האָט זיך דאָס ווייבעל גע־מאַכט גע'פגר'ט און געפרעגט.

יענער האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג, געזעהן דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט און דאָך ניט געקאָנט אויפ'ן אָרט איהם פאַרריכטען און איבערגעהן צו דער צווייטער טיר אַזוי לאַנג ווי די איז דאָ געשטאַנען. די האָט אָבער געוואָלט שטעהן און איהם ניט געוואָלט אָפּלאָזען. געזוכט עפּעס אַ וועג, ווי איהם אריינצובאַקור־מען אין שטוב אריין און איהם אַנטדעקען דעם גאַנצען שווינדעל מיט'ן קינד, וואָס יענע, וואוהין ער געהט, האָט געמאַכט מיט איהר קינד. יאָ, זי האָט לאַנג ארויסגעקוקט אויף אַזאַ געלעגענהייט... זי האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָ, אָט אַזוי שטעהענדיג, קאָן מען עס ניט טאָן. אַ ליאַדע מינוט קאָן זיך איינע פון יענע ארויסוואַרפען פון שטוב... און אַז מ'באַדאַרף זיך צואיילען... נו, האָט זי זיך צוגעאיילט און אין איילעניש געזאָגט:

— איהר קאָנט אריינגעהן, אַז איהר ווילט... דאָ איז אויך אַ אידישע שטוב. איהר וועט דאָ אויך ניט פאַרפאַלען ווערען...

און ערשט נאָכ'ן אָפּ'דרש'ענען די עטליכע ווערטער, האָט זי זיך געכאַפּט, ווי אַזעלכע ווערטער קאָנען פאַרשטאַנען ווערען... און דערפאַר האָט זי געוואָלט וואָס גיכער פון איהם פּטור ווערען:

— איהר האָט פאַרבלאָנדזשעט, יונגערמאַן, — און איהם אָנ־געוויזען אויף דער צווייטער טיר.

און געזעהן, אַז דער חברה־מאַן פוילט זיך אוועקצוגעהן און פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַליין שולדיג אין דעם, וואָס ער וויל ניט אוועקגעהן, איז דאָס איהר געפעלען און ניט געפעלען איינצייטיג, און איינצייטיג ווידער, ווי זי האָט מורא געהאַט, אַז די מיידלאַך זאָלען ניט באַמערקען, ווי זייערער אַ גאַסט שטעהט דאָ, אַזוי האָט זי געהאַט אַ באַגעהר, אַז זיי זאָלען יאָ זעהן, ווי איינער אַ זייעריגער שטעהט און קאָן פון איהר ניט אָפּטרעטען... אַז ווען זי וואָלט גע־ווען אַזאַ ווי זיי זיינען, וואָלט זי איהם געקאָנט איבערנעמען צו זיך, און אַזוי געטראַכט, האָט זי האַלב־שטיל און האַלב־אינטים פאַר איהם אויפגעדעקט דעם שווינדעל „זייערען": אַז „זיי" האָבען

קיינמאָל קיין קינד ניט געהאַט, אַז דאָס קינד וואָס זיי האָבען גע־האַט ביי זיך, איז געווען אַ געבאָרגט קינד, און דאָס געבאָרגטע קינד איז געווען איהרס... און אויב ער וויל איהר ניט גלויבען, קאָן ער אריינגעהן צו איהר אין שטוב אריין און אָנקוקען דאָס קינד, וועט ער זיך איבערצייגען, צי זאָגט זי אמת, צי זאָגט זי אַ ליגען.

און האָט ברייט פאַר איהם די טיר געעפענט און געלאָזט פאַר איהם פריי דעם אריינגאַנג אויף אריינצוגעהן. און שטאַרק אויפ־געלעבט פון דעם צופאַל, וואָס איהר איז געלונגען צו פאַר׳מסר׳ן די שכנות איהרע, האָט זי צו איהם שוין ווי צו אַן אַלטען באַקאַנטען מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— זיי האָבען ניט געהאַט קיין קינדער און וועלען ניט האָבען... אַזעלכע לייט קאָנען דען האָבען קינדער ?...

דער יונגערמאַן איז נאָכגעגאַנגען דער ווייבעל און צוזאַמען זיך געשפּאַנט און אינאיינעם מיט איהר אריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, וואו איהם האָט זיך גלייך געוואָרפען אין די אויגען דאָס רוהיגע געמיט און דאָס פאַמיליען לעבען פון מאַן און ווייב — צוויי בעטען באַזונדער און מיט אַ קינד ביי איין בעט, וואָס איז געלעגען אין אַ וויגעלע און געשלאָפען. דער יונגערמאַן האָט זיך איינגעקוקט צום קינד און ווירקליך דערזעהן דאָס זעלבע קינד, וואָס ער האָט דאָרטען געהאַט געזעהן. און דאָס ווייבעל האָט זיך אַזוי גלייך פאַרענטפערט פאַר איהם, אַז זי וואָלט זיך ניט לאַקאָמעט אויף די פאַר רובעל, ווען די צייט וואָלט ניט געווען אַזאַ ביטערע. דער מאַן פאַרדינט ניט צום לעבען...

— איהר האָט אַ מאַן אויך ? — האָט דער פרעמדער געוואָר־פען אויף איהר אַ גלאַנציגען בליק פול מיט לוסט צו איהר.

— און אייער מאַן ווייסט דערפון ?...

— אודאי ווייסט ער ! איך באַהאַלט פון מיין מאַן גאָרניט ! — האָט דאָס ווייבעל מיט גדלות געענטפערט... — זיי האָבען מיך צוגערעדט, האָב איך זיך מיישב געווען, כ׳וויים, וואָס קאָן עס דעם קינד שאַדען...

דער יונגערמאַן איז געוואָרען קלוג און וויצעלדיג, און זי האָט זיך געמאַכט טויב און ניט הערענדיג.

זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שלאָף־צימער און ער האָט זיך נאָך איהר נאָכגעשלעפּט אינגאַנצען באַזיגט און פאַרקנעכטעט צו איהר ווייבליכער עהרליכקייט; ער האָט שוין זעהר געפיהלט פאַר איבעריג אָט דאָס אַרויסגעהן פון שלאָף־צימער און ניט געוואוסט, נאָך וואָס זי פיהרט איהם צוריק אין שטוב... איהר שטעהן און איהר אָפּגעוויטערט זיין פון איהם האָט איהם געררייצט און באַ־לעסטיגט מיט אומנוצליכע ליידען, און געשמייכעלט צו איהר מיט א צושמאָלצען שמייכעלע ווי צו זיינס אַן אייגענס, ווען דאָס אייגענע איז נאָך אָנגעלעגט און ליב, און אַ פרעג געטאָן:

— איז וויפיל?

דאָס ווייבעל האָט זיך גלייך ניט געכאַפּט וואָס ער מיינט און האָט זיך אַזוי מיט אויגען ברייטע אויף איהם צועפענטע אָנגעהוי־בען אָפּצורוקען פון איהם, און שפּעטער אַ ווײַלע געזאָגט:

— וואָס מיינט איהר, וואָס?... ווער בין איך? איך בין אַן אָרענטליך ווייבעל. איך האָב אַ מאַן מיט אַ קינד! — און איז אָהן לשון געבליבען... געזעהן, אַז עפּעס האָט זיך דאָ פאַרפּלאָנ־טערט, אַרויסגעזעהן, אַז דאָס שרייען און פּראָקלאַמירען איהר אָרענטליכקייט וועט איהר ניט העלפען צו באַשיצען איהר ווייבער־שע עהרע, אַז זי וועט העכסטענס דערגרייכען דאָס, וואָס ער וועט איהר העכערען די פּרייז... אויף אַזוי פיל, הייסט עס, וועט ער איהר גלויבען אין איהר עהרליכקייט און מיט דעם גאַנג פון געלט וועט ער עס שאַצען, און געזעהן, אַז זי וועט זיך דאָ ניט קאָנען אויס־דרעהען, האָט זי איהם געבעטען זיצען און געזאָגט:

— וואַרט ביז מיין מאַן וועט אַריינקומען...

זי האָט אַליין ניט געוואוסט, ווען ער וועט קומען. זי האָט נאָר געוואָלט געווינען צייט צו באַטראַכטען וואָס צו טאָן מיט דער אָנשיקעניש.

דאָ פאַר דער צייט האָט דאָס קינד אָנגעהויבען צו וויינען און דאָס ווייבעל האָט געמיינט, אַז זי איז געראַטעוועט. זי האָט זיך

האסטיג א װאָרף געגעבען אין שלאָף־צימער און אין א װײַלע ארום איז זי אַרײַנגעקומען מיט'ן קינד, װאָס האָט זיך א פארשלאָפענס געריבען מיט'ן שטערענדעל אָן דער מוטער'ס ברוסט. און גאָר פלוצלינג האָט עס זיך געגעבען א ציה מיט די הענטלאך און קער־פערל צו דעם מאַן, און דער האָט עס גלײַך צו זיך אויף די הענט געכאפט און עס א קוש געטאָן און געזאָגט, אז ער װאָלט געקאָנט שװערען, אז דאָס קינד האָט איהם דערקענט, און זיך באַזעצט ביים טיש מיט'ן קינד ברייט און געמיטליך װי א היימישער און גאָר א לאַנג באקאַנטער מענש און אין שטוב זיך באַזעצט און געזאָגט צום קינד:

— זיצען מיר!

דאָס װײַבעל האָט זיך אין א װײַלע ארום געכאפט, אז זי האָט אָט דעם מענשען ניט געדארפט געבען דאָס קינד... געפיהלט, אז מיט דעם, װאָס זי האָט צו דעם פרעמדען איבערגעגעבען דאָס קינד אויף די הענט, איז עפּעס אזוי װי זי װאָלט א שטיק חלק פון זיך איבערגעגעבען צו איהם... און אזוי טיף נעבעלדיג פארדעכטיגט, אז ער װיל זי אזוי ארום באקומען און אז ער איז װירקליך עפּעס איהר נעהענטער געװאָרען פון דעם מאָמענט װאָס ער האָט פון איהרע הענט דאָס קינד צוגענומען און דאָס א קוש געטאָן... זי האָט ניט געפיהלט קיין בייז געמיט צו דעם פרעמדען און אומבאַקאַנטען, װאָס פארלאַנגט זי, נאָר איהר האָט באַליידיגט זיין זיכערקייט און ס'האָט איהר פארדראָסען אָט די גאַנצע סיטואַציע, װאָס האָט איהם געבראַכט צו דער זיכערקייט.

דער יונגערמאַן, באַקומענדיג דאָס קינד אויף די הענט, איז געװאָרען אויפגערייצטער און אומגעדולדיגער... זיך אויפגעהויבען און צוגעטראָגען דער מוטער דאָס קינד, האָט ער זיי ביידען גלײַך ארומגענומען און אָפּגעפּיקעװעט א קוש אויף איהר באַק. דאָס װײַבעל האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענט און ניט געזעהן פאר זיך קיין אַנדער מיטעל װי פטור צו װערען פון איהם, האָט זי אָנ־געקלאַפּט אין װאַנט צו איהרע „היימיש אָרענטליכע" שכנות, און אין א װײַלע ארום איז אַרײַנגעקומען די יעניגע, װאָס האָט דאָס

קינד אין אָרענדע געהאַלטען. דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרלאָרען און זיך ווי שולדיג געפיהלט אין פאַרראַט צו דער מיידעל, האָט ער איהר פאַרגעוואָרפען, פאַרוואָס זי האָט איהם אָפּגענאַרט מיט אַ קינד, ווען זי האָט גאָר קיין קינד ניט. און דאָ איז דער מיידעל גלייך אַריין אַ געדאַנק, אַז דאָס ווייבעל האָט זיך מתקנא געווען אָן איהר פּרנסה און וויל אויסנוצען פאַר זיך איהר מוטערשאַפט.

— זעהר גוט, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, — זעהר פיין. אייער מאַן וועט שוין וויסען דערפון!

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער מאַן איהרער ווייסט דערפון, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט...

— וואָס ווייסט ער? — האָט דאָס ווייבעל אויפגעפלאַמט.

— אַזוי גאָר? — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, — נעמט איהר איבער אונזערע געסט?

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז זעהר שלעכט די צייט, — האָט דער יונגערמאַן זיך זיינס גערעדט.

דאָס מיידעל האָט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט און גלייך איז אַריינגעקומען דאָס צווייטע מיידעל און די ערשטע, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט זיך געווענדעט צו דער צווייטער:

— וואָס זאָגסטו ניט צו אונזער פרומער... אַ? זעהסט, זי נעמט דאָך איבער אונזערע געסט...

דאָס ווייבעל איז געוואָרען היסטעריש, פיהלענדיג איהר אומשולד און איהר שולד אין דעם גאַנצען פּלאָנטער און ניט געפונען קיין ווערטער ווי אַזוי זיך אויסצודרעהען. דאָ איז אָנגעקומען דער מאַן איהרער. דאָס ווייבעל איז אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז זי האָט ניט געוואוסט ביי וועמען פון די ביידע מענער שוץ צו זוכען: צי ביים אייגענעם פון פרעמדען, צי ביים פרעמדען פון אייגענעם. און דער לעצטער האָט אויף איהר געקוקט מיט פינסטערע בליקען און דער פרעמדער האָט זיך פאַר'ן מאַן פון דער ווייב אָנגעהויבען צו פאַרענטפערען, אַז ער איז דאָ גאַרניט שולדיג, אַז זי האָט איהם פאַרבעטען אין שטוב אַריין, זיך פאַרקלאָגט אויף דער שלעכטער צייט און געזאָגט, אַז דער מאַן ווייסט דערפון.

דער מאַן איז געשטאַנען ווי אַ פּאַראַליזירטער און דאָס ווייבעל, פיהלענדיג זיך אומשולדיג, איז געווען פשוט פּאַרטשמעליעט, וואָס אַלעס האָט זיך דאָ אַזוי צונויפגעשטעלט געגען איהר, ריכטיג ווי דאָס אַלעס, וואָס וואָלט האָבען פּאַרגעקומען, און ווייל זי איז געווען אומשולדיג און ווייל די שולד געגען איהר איז געווען אַזוי קלאָר, שאַרף און בולט, האָט זי אפילו קיין איין וואָרט ניט געקאָנט פון זיך אַרויסבאַקומען צו לייקענען דאָס אַלעס, וואָס שרייט איהר אין פּנים אַריין און זאָגט עדות געגען איהר, ציטערענדיג פאַר אַ וואולקאַנישען אויסברוך פונ'ם מאַן, האָט זי אויסגעשריען:

— הרג'ע מיך ניט!

און דאָ זיינען די צוויי מיידלאַך ווירקליך אומרוהיג געוואָרען פאַר'ן גורל פון דער ווייבעל.

זיי זיינען געשטאַנען און ניט געקאָנט אַוועקגעהן, מורא האָבענדיג זי צו לאָזען אַליין מיט'ן מאַן. און פאַר דער קורצער צייט האָבען זיי זיך איבערצייגט, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז אַ געזעצליכען מאַן צו האָבען, אַז ס'איז שוין פיל מעהר גליק צו האָבען עטליכע און פאַר קיינעם פון זיי קיין מורא ניט האָבען. יאָ, זיי האָבען עס גלייך אויפ'ן אָרט באַוויזען, אַט דעם מאַן, וואָס איז דאָ געשטאַנען און געוואַרט אויף איינער פון זיי. זיי האָבען איהם אַוועקגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר און אַליין זיינען זיי ביידע ביים ווייבעל געבליבען און געשטאַנען און געקוקט און זי באַדויערט און זייער אייגענעם גורל, וואָס טאָמער האָבען זיי איין עהרליכע באַקאַנטע פרוי אויף דער וועלט געהאַט, איז שוין די איינע באַקאַנטע געוואָרען איינע פון זייעריגע... זיי האָבען עס געפיהלט אַלס גרויסען, גרויסען פאַרלוסט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# בענקאשפט ?

רחל האט זיך מיט פיל חתנים אנגעקוקט ; זי איז אלעמען געפעלען, נאר זיי איהר — ניט. איינער פון זיי האט זיך אפילו פארליבט אין איהר און א פאר בריף געשריבען, וועלכע האבען זיך א לאנגע צייט געוואלגערט אין טיש־קעסטעל, און זי מיט'ן מאן פלעגען זיי אפט, אין דער פרייער צייט, לייענען און חוזק מאכען פון זיי. נאר די לעצטע צייט האט זי זיך אביסעל ערנסטער אנגעהויבען באציהען צו די בריף... ערשט איצט, צוויי יאהר נאך דער חתונה, האט זי זיך אומגעקוקט, אז דארטען איז גאר ניטא אזעלכעס, וואס מ'זאל דארפען לאכען, און אויך דער שרייבער פון די בריף האט אויפגעהערט צו זיין ביי איהר לעכערליך, און זי געפינט ניט קיין פעסטע באגרינדונג צו פאראורזאכען איהר ניט וועלען איהם פאר א חתן... מיידעלשע לייכטזיניגקייט ! דאס גאנצע „אפשאקלען"־זיך איהרע פון איהם, איז נאר געווען דערפאר, וואס אז ער האט גערעדט, האט ער „געארבייט" מיט די הענד און האט פארגעסען א קאלאש אנצוטאן... עס קען נאר זיין, אז דאס איז פון איבערראשונג... ער איז אזוי איבערראשט געווארען פון איהר שעהנהייט, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהם טוט זיך... וואונדערליך, ווי איהר איז עס דעמאלט ניט איינגעפאלען און זי קען זיך ניט מוחל זיין דאס, וואס זי האט געלאכט פון איהם... לאכען פון א יונגען מענשען, וואס האט אויסגעזעהן לעכערליך נאר דערפאר, וואס ער האט זיך פארליבט אין דיר, הייסט אזוי ווי חוזק געמאכט פון זיך אליין... עס לעגט זיך איהר איצט ניט גלאט אויפ'ן מוח, ווי קען מען זיך אזוי לייכטזיניג פארהאלטען צו א מענשען, וועלכער ליבט דיך. כאטש, פרואווט זי זיך פארענטפערען, זי האט עס דעמאלט ניט פארשטאנען, האט ניט געוואוסט, אז ער האט זיך,

אין די פּאָר שעה, וואָס זיי האָבען זיך „אָנגעקוקט", אין איהר פאַר־ליבט. נאָר אַזוי צו אַזוי, דער רעזולטאַט איז, אַז זי האָט איהם ניט געוואָלט דערפאַר, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט דעם קאָלאָש פאַרגעסען, קיין אנדערע אורזאַכען, באַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איהם, געדענקט זי ניט...

זי וויל זיך דערמאָנען זיין געזיכט. זי געדענקט שוין ניט, צי איז ער אַ מיאוס'ער געוועזן, אָדער אַ שעהנער, נאָר פאַר דער צייט איז עס ווי אין אַ נעבעל פאַרגאַנגען און זי קען עס זיך פאַר קיין פאַל ניט פאָרשטעלען, נאָר עס לאָזט זיך איהר בלינד גלויבען, אַז ער איז אַ שעהנער געוועזן... פאַרטראַכט זי זיך און שמייכעלט: ווי לעבערליך! אַ יונגער מענש, וועלכער וואָלט געקענט זיין, פונקט אַזוי ווי דער, וואָס איז איהר מאַן, זי — זיין ווייב;ביידע וואָלטען געגעסען צוזאַמען, געלעבט צוזאַמען און דאָס קינד, וואָס זי האָט מיט דעם, וואָלט זי אויך געקענט האָבען מיט יענעם, איז איבער אַ קלייניגקייט, איבער אַ נאַרישקייט, וואָס האָט ניט דעם ווערט קיין שאָס פולווער, ניט געוואָרען איהר מאַן; ווייסט אפילו ניט, וואו ער איז, וואָס ער טוט, האָט קיין אהנונג ניט פון זיין עקזיסטענץ, ווייסט ניט צי לעבט ער, צי איז ער געשטאָרבען, אָדער, ווער ווייסט, פיליכט גאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אוים ליבע צו איהר?...

דער לעצטער געדאַנק ווירקט ניט שלעכט. מעגליך, אַז זי וואָלט נאָך צופרידען געוועזן זי זאָל עס ווימען אויף זיכער, נאָר אַזוי ווי דאָס איז ניט מעהר, ווי אַן השערה, וועלכער זי גיט ניט צו קיין באַדייטונג, ציהט זי אויף זיך אַן אומעט אַרויף און זעצט איהם פאָר: אַ שאָד, אַ וואוילער יונגערמאַן געוועזן! באַשערט! באַ־שערט אַ מענשען אַזוי יונג געהן פון דער וועלט און איבער וואָס? איבער גאָרניט. ווען ניט דער „גאָרניט" וואָלט ער דאָך איהר מאַן געוועזן, וואָלט גליקליך אויסגעלעבט דאָס ביסעל יאָהרען, וואָס איז איהם באַשערט געוועזן צו לעבען... אַ רחמנות! ס'טוט איהר באַנג. ווי ניט איז, איז ער דאָך איהר פּאָרט געוועזן נאָהענטער, ווי אַנ־דערע; האָט פאַרבראַכט מיט איהם אַ פּאָר שעה צוזאַמען אין

שטוב, געשפּאַצירט אַ לענגערע צייט אין דרויסען און געטראַכט וועגען איהם אַזעלכעס, וואָס עס קען זיך ניט טראַכטען וועגען יע־דען איינציגען, נאָר וועגען אַזעלכען, וואָס מ׳ברענגט איהם ספּעציעל צו דיר, פאַר דיר און דערצו נאָך אַזעלכער, וואָס איז ניט אָפּשטוי־סענד געוועזן (אַז ער איז ניט אָפּשטויסענד געווען — דאָס געדענקט זי שוין זיכער).

זי גלויבט זיך איין אין דעם געדאַנק און וואונדערט זיך, וואָס אַזאַ נאַרישקייט קען ברענגען צו אַזאַ טרויעריגער פאָלגע, אין דער צייט ווען ס׳וואָלט געקענט אַנדערש זיין... זי האָט ניט פיינד דעם מאַן איהרען, נאָר דאָס שטערט איהר דאָך ניט, ניט פאַרבלענ־דעט צו זיין און צו פאַרשטעהן, דאָס סיי זי, סיי דער מאַן וואָלטען געקענט חתונה האָבען פאַר אַנדערע און קיין אומגליק וואָלט ניט געשעהן... אַזוי ווי זי לעבט מיט איהם, וואָלט זי געקענט לעבען מיט אַן אַנדערען, און ער, דער מאַן — אויך דאָס זעלבע, נאָר מיט יענעם איז שוין עפּעס אַנדערש, יענער האָט נאָר ז י באַדאַרפט האָבען, ז י און ניט קיין אַנדערע... אַ סימן!... מיט אַזעלכען, דאַכט זיך איהר, וואָלט עפּעס פיל אַנגענעהמער געווען צו לעבען אפילו אין דער צייט, ווען זי אַליין וואָלט איהם ניט מעהר ליב גע־האַט, ווי דעם מאַן; עס לאָזט זיך איהר איצט גלויבען, אַז מ׳קען לעבען און מ׳זאָל איהם ניט ליב האָבען, אַבי ער דיך — האָט ליב...

אַ לאַנגע צייט זיינען די בריף געלעגען אויבען־אויף, פאַר׳ן מאַן זיינען זיי קיינמאָל קיין סוד ניט געווען. נאָר דאָ ערשט אַ פּאָר חדשים איז איהר איינגעפאַלען זיי צו באַהאַלטען און פון דעמאָלט אָן האָט זיך ביי איהר אָפּגעטיילט אַ קליין קעמערעל, אַ קעמערעל אַ פאַרמאַכטעס, אַ פאַרבאָרגענעס פאַר איהר מאַן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער לעצטער האָט כמעט אויף אויסענ־ווענינג געקענט די בריף לעזען. און באַהאַלטען האָט זי זיי אָהן אַ באַשטימטער כונה, נאָר עפּעס אַ שטיל — געהיימער ווייבערשער אינסטינקט, האָט איהר געשטויסען דאָס צו טאָן... די בריף זיינען ביי איהר פונ׳ם באַהאַלטען טייערער געוואָרען און, אָט אַ וואונ־דער, דער מאַן — ליבער...

רחל האָט נאָך מיט אַ לענגערער צייט פריהער ניט געקענט גלייכגילטיג הערען, ווי דער מאַן לאַכט־אויס די בריף (געוועהנליך אויך פונ'ם שרייבער). זי האָט עס אויפגעהערט צו קאָנען ליידען פון דעמאָלט־אָן, ווען דער מאַן האָט אָנגעהויבען ווערען קיהלער צו איהר... איהר פרויען אייגען־ליבע האָט דערפון שרעקליך אָנ־געהויבען צו ליידען... איהר וואָלט אנגענעהמער געווען ער זאָל זאָגען אויף אַלע חתנים, וואָס מ'האָט איהר גערעדט און באַזונדערס אויף יענעם, וואָס האָט איהר דעם בריף געשריבען, אַז ער איז גע־ווען אַ פיינער און אַ שעהנער יונגערמאַן. עס וואָלט איהר אַפילו נישט געאַרט, ווען אַנדערע זאָלען זאָגען, אַז ער איז נאָך פיינער און לייטישער געווען פונ'ם מאַן, אין דער צייט, ווען זי אַליין זאָל וויסען, אַז דער לעצטער האָט מעהר מעלות פונ'ם ערשטען...

רחל האָט ווי פריהער, אַזוי נאָכדעם, צום בריף־שרייבער גאָר־ניט געפיהלט, דעם מאַן ניט פיינד געהאַט און דאָך האָט זי די בריף, ווי אַן אוצר געהאַלטען האָט אָפטער אָנגעהויבען אַריינצוקו־קען אין זיי און אויסשליסליך אין אַזעלכע צייטען, ווען דער מאַן איז אין שטוב ניט געווען און דאַן האָט זיך נאָר באַקומען אַן אַנ־דער איינדרוק... זי האָט זיך פאַרטיפט אויף יעדער שורה, אויף יעדעם וואָרט און ס'זיינען באַשאַפען געוואָרען נייע באַגריפען, נייע געפיהלען... דאָס ניט פאַרשטענדליכע אין די בריף, פון וואָס זי פלעגט פריהער לאַכען און עס אָנגענומען פאַר אַן איינפאַכער פּלוי־דעריי, האָט זי זיך איצט גענומען צום שטודירען און, געוועהנליך, ווי ווייט מעגליך געזעהן אַרויסצובאַקומען דאָס, וואָס איהר איז מעהר אנגענעהם געווען... אודאי וואָלט איהר ליבער געווען, עס זאָל שטעהן דייטליך, עס זאָל זיך דאַרטען רעדען פון זיין הייס־סער ליבע צו איהר, זי האָט עס אַזוי ניט באַדאַרפט פאַר זיך, ווי פאַר'ן מאַן, נאָר צו איהר באַדויערען טראָגען די בריף אין אַלגעמיין אַן אַבסטראַקטען כאַראַקטער. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז עס רעדט זיך דאַרטען כלל ניט וועגען איהר. ווען ניט דאָס „קעפּעל“ „הויך־געשעצטע מאַדעמואַזעל רחל!“ וואָלט עס גאַרניט געמאַכט קיין איינדרוק פון קיין בריף, נאָר גלאַט עפּעס אַזוי אין דער וועלט

אריין געשריבען, און נאָר א דאנק דעם אינסטינקט פון פרויען, וועלכע האָבען ליב צו באַהאַלטען יעדעס בריוועלע, וואָס האָט פאַר זיי א מעהר אָדער ווינציגערען אינטערעס, זיינען די בריף גאַנץ געבליבען; אנדערש וואָלט זי זיי געוועזן באלד צוריסען, ווי זי האָט זיי באַקומען. איין בריף הויבט זיך אָן אַזוי:

„איך קום אייך דערמיט איבערגעבען איין געשפּרעך, וועלכען איך האָב געפיהרט וועגען אייך מיט „איזיס" (ווער איז די איזיס?). אין פאַרשידענע סצענען האָט זי געטאָן ערשיינען פאַר מיינע אויגען, איין פּאַראָקסיזם האָט אַרומגענומען מיין גאַנצען ארגאַניזם און אויסער זיך בין איך געוואָרען פון איהר געזיכט אין אַ פּאָזע פון אַ ענגעל געגען מיר, מיט אַ שטימע, וועלכע, דאַכט זיך, איך הער: פינקעלשטיין! זאָגט זי, וועלכע געדאַנקען באַאומרוהיגען דיך? זאָג געשווינד, ניט געטראַכט. קראַפטלאָז בין איך געבליבען הערענדיג דיזע ווערטער און איך האָב מיט אַ ציטערדיגער שטימע געפרעגט: ווער זייט איהר, מיט וועמען האָב איך די עהרע צו שפּרעכען? ענטפערט זי מיר: איך בין די מוטער פון דער נאַטור און דאָס מאָראַל פון דער יונגהייט, איך וויים דיינע געדאַנקען, פיהל דיין בענקשאַפט... ענטפער איך איהר: צופעליג אין איין ווינטער־טאָג, ווען די גאַנצע נאַטור איז ווי אַ גרויסער מת איינגעהילט אין תכריכים געווען, האָט דאָך אַ בענקשאַפט, אַ גרויסע בענקשאַפט אַרומגענומען מיך נאָך אַ שעהן פרויען־געשטאַלט, מיט וועלכער איך האָב געהאט די עהרע צו פאַרברענגען אַ פּאָר שטונדען"... א. אַז. וו.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער בריף האָט קיין זין ניט, וואָס איין וואָרט קלעפּט זיך ניט צום צווייטען, איז ער דאָך ביי איהר צוליב די לעצטע צוויי שורות, אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס וואָרט „בענקשאַפט" און די פאָלגענדע ווערטער „אַ שעהן פרויען־געשטאַלט", וואָס ס'איז זעהר דייטליך, אַז דאָס מיינט ער זי, איז ביי איהר דער בריף ליב און טייער, זי האַלט איהם ווי אַ היסטאָרישען דאָקומענט, וועלכער האָט אַן און פאַר זיך קיין ווערט

ניט, נאָר איז דאָך אונשעצבאר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַר־גאַנגענהייט.

אויף אַ צווייט אָרט אין זעלבען בריף מאַכט ער איהר פאָר־וואורף, וואָס זי האָט געלאַכט פון איהם, וואָס ער האָט אַ קאַלאָש פארגעסען. ער שרייבט דאָרטען אזוי:

„ווען גאָט האָט געוואָלט אַ מענשען באשאפען, האָט ער צו־נויפגערופען אַלע חיות, בהמות, עקדעשען און שלאַנגען, פּיפּער־נאָטערען און ים־קעץ, האָט פון יעדען גענומען אַ שטיקעל און גע־מאַכט אַ מענשען, און דערפאר איז דער מענש ארויס אַזא מיאוס באשעפעניש, וואָס האָט ליב צו בארעדען יענעם און אויסצולאַכען הינטער די פּלייצעס, כדומה למשל, ווי מען האָט געלאַכט פון מיר, וואָס איך האָב אַ קאַלאָש פארגעסען"...

רחל איז מיט איהם פאָלקאָם איינשטימיג. אַ מענש איז טאַקע אַ נידעריג באשעפעניש. זי האָט דעם פאָרוואורף כשר פארדינט. זי קען עס זיך ניט מוחל זיין. זי באוואונדערט איצט, ווי איז זי עס צוריק מיט דריי יאָהר ערשט אזוי לייכטזיניג געווען... אַזעלכע קלייניגקייטען וואָלטען זי היינט לאַכענדיג ניט געמאַכט...

ווען רחל דערמאָנט זיך אָן דעם, טוט איהר באַנג, און דאָך בענקט זי נאָך יענער צייט, אַ טעמפּע בענקשאַפט נאָגט דאָס האַרץ נאָך וואָס, נאָך וועמען? — דאָס איז אזוי אומקלאָר, אזוי נעבעלדיג... עס בענקט זיך פּילייכט נאָך זיך אַליין, נאָך די מיידעלשע יאָהרען, און במילא נאך אַלעמען און נאָך אַלעס, וואָס האָט אין יענע יאָהרען געהאַט מיט איהר אַ דירעקטע אָדער אונדירעקטע שייכות... צי האָט זי דען צו דעם, וועמעס בריף זי לעזט איצט אזוי דורשטיג, ווער ווייס דאָס וויפעלטע מאָל, צי האָט זי דען אַמאָל עפּעס געפיהלט צו איהם, צי פיהלט זי איצט? ניין, און דאָך ציהט עפּעס... עס באווייזט זיך אפילו אַמאָל אַ פארלאַנג צו זעהן אַזעלכע, אויף וועלכע זי האָט מיידעלוויז אפילו ניט געוואָלט אַ קוק געבען... עס ווילט זיך אפילו אַמאָל זעהן יענעם חתן, פאר וועלכען דער שדכן איז פון איהר גראָב אָפּגע־

זידעלט געוואָרען, וואָס ער האָט זי צונויפגעפיהרט מיט אַזעלכען, און ניט קוקענדיג אויף די אַלע משונה'דיגע פארלאַנגען, איז דאָך רחל אַ געטרייע איבערגעבענע פרוי צו איהר מאַן... זיכער איז, אַז ווען ביי איהר וואָלט זיך אַפילו באַוויזען אַ פאררעטעד־רישער פאַרלאַנג, וואָלט זי איהם באַלד אויסגעוואָרצעלט, זי וואָלט עס אַפילו געטאָן דאַן, ווען זי וואָלט דעם מאַן פיינט געהאַט... נאָר אַנגענעם וואָלט איהר דאָך געווען ס'זאָל זיך אימיצער אין איהר פאַרליבען, און טראַכט ניט איינמאָל מיט פייכטע אויגען, ווי זי וואָלט יענעם, דעם פאַרליבטען, געגעבען צו פארשטעהן, ווי אומזיניג זיין ליבע איז... זי וואָלט איהם מיטגעפיהלט, באַ־דויערט, מיטלייד געהאַט און וואָלט זיך זיכער באַליידיגט, ווען ער זאָל זיך וועלען עפּעס דערשלאָגען פון איהר...

פון יענער צייט וואָס רחל האָט די בריף ערהאַלטען, איז זי פארפלאָנטערט געוואָרען אין אַ מאָדנער לאַגע: איהר האָט זיך צומאָל געדאַכט, אַז זי איז אין יענעם פאַרליבט, אין דער צייט ווען ביי איהר איז קיין שפּור פון ליבע צו יענעם ניט געווען. די בריף האָבעןווירקליך אויפגעפרישט איהר יונג בלוט, האָבען אריינגעשפּריצט אין איהר אַ פרישען שטראָם פון ליבע, נאָר איז ניט געווען געווענדעט צו קיין באַשטימטער פּערזאָן... די ליבע אַליין איז אַן און פאַר זיך געוואָרען עפּעס אַ מין געשטאַלט, און אין דער געשטאַלט האָט זיך די ליבע געהאַלטען... דאָס הייסט, אַז ביי איהר האָט זיך די ליבע נאָך ליבער פארבענקט, אויב עס איז מעגליך אַזוי זיך אויסצודריקען. נאָר אַזוי צי אַזוי, האָט רחל דערפון אָנגעהויבען צו ליידען. זי האָט זיך, ווי אַמאָל אין די מיידעלשע יאָהרען, אויף שעה'ן־לאַנג אָוועקגעשטעלט ביים פענסטער און אַ פּאָר'חלום'טע געקוקט אינדרויסען. די ליבע איז ביי איהר גיכער געווען אַן אבסטראַקטע, אַ ליבע, וועלכע האָט ניט פאר זיך קיין צילען און קיין געשטאַלטען, צו וועמען זי זאָל זי קאָנען אויסגיסען... עס איז זיכער, אַז ווען מען וואָלט איהר געבראַכט טויזענטער מענער, וואָלט זי זיך אין קיינעם פון זיי ניט פאַרליבט אין דער צייט, ווען זי וואָלט געלעכצט נאָך ליבע...

מעגליך דערפאר, וואָס דער גוף איהרער האָט דאָ קיין אנטייל ניט גענומען... געבענקט נאָך ליבע האָט נאָר די נשמה, און דער גוף איז געבליבען קאַלט און רוהיג... מעגליך, אַז דערפאר האָט זי זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו די בריף, ווייל זיי האָבען אויך גע־טראָגען אַן אבסטראַקטען כאַראַקטער און במילא איז שוין פאר איהר דער שרייבער פון בריף אויך געוואָרען דאָס זעלבע, וואָס די בריף זיינע, און, צווייטענס, האָט זי זיך אָפט געלאָזט איינ־שמועסען, אַז ער איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ און דעמאָלט ערשט האָט זי איהם ליב געקראָגען... פאר איהר איז דאָך ניט וויכטיג געווען דער געליבטער זאָל דוקא זיין אַ לעבעדיגער, אָדער ער זאָל דוקא זיין נעבען איהר, ער מעג זיך זיין אין די הויכע הימלען, אין די ווייטסטע לענדער... פאר איהר איז גענוג געווען דער געדאַנק, אַז ערגעץ וואו אויפ'ן הימעל אָדער ווייט אויף דער ערד געפינט זיך איינער, וואָס ליבט זי, און דאָס וועט גאָרניט קאַליע מאַכען איהר באַציהונג צום מאַן, פארקערט — פאַרריכטען, זי פיהלט עס! זי פיהלט, אַז פון דעם ערשטען מאָמענט־אָן, וואָס זי האָט פון איהם די בריף באַהאַלטען, האָט זי איהם, דעם מאַן, ליבער געקראָגען; מיט דעם אַליין, וואָס זי האָט אָפּגע־טיילט, אָפּגעריסען פון זיך אַ שטיקעל פאר אַ צווייטען, איז די רעשט געבליבען פאר איהם נאָך טייערער און איבערגעבענער, ווי זי איז געווען ביז דער אָנגעוויזענער צייט... זי איז אַזוי געטריי געווען דעם מאַן, אַז איהר איז אפילו איינגעפאַלען אַ געדאַנק זיך מודה צו זיין פאר איהם, אַז זי האָט ליב אַן אנדערען... איהר האָט אפילו אָנגעהויבען מאַטערען דאָס געוויסען, ניט אָפּגעבענדיג זיך קיין רעכענונג, צי האָט זי ווירקליך ליב אַ צווייטען אָדער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע. נאָר אַזוי צי אַזוי, דער געדאַנק וועגען דער מעגליכקייט, אַז אַזעלכעס קאָן ביי איהר געשעהן, האָט אָנגעפילט דאָס הארץ איהר מיט צערטליכע גע־פיהלען און אין קאָפּ איז געוואָרען אַזאַ נעבעל, אַז זי האָט ניט געוואוסט, וועמען זי האָט ליב, דעם מאַן צי דעם פרעמדען. זי האָט ניט געקענט וויסען, ווייל דעמאָלט, ווען דאָס הארץ איז

געוואָרען אָנגעגאָסען מיט חרטה און מיט געוויסענביסען, און זי האָט געוואָלט צורייסען די בריף, איז איהר פּלוצים אומעטיג געווארען און א קאַלטער טונקעלער שאָטען האָט זיך אויף איהר ליבענדעס האַרץ צושפּרייט... די ליבע, צו וועמען זי זאָל ניט זיין געווענדעט, איז פון דעם גערדאַנק עפּעס ווי אָפּגעשטאָרבען, און געוואָרען איז איהר אַזוי פּוסט, אַזוי אומעטיג, ווי פרייטאָג־צו־נאַכט אין אַ שוהל, נאַכדעם ווי אַלע צוגעהען זיך און עס ווערען אויסגעלאָשען די ליכט...

דאָס אַלעס, וואָס ביי איהר איז פאָרגעקומען, האָט אויף איהר אַזוי געווירקט, אַז זי האָט זיך פאַר זיך אַליין אומבאמערקט פאַר־ענדערט אויפ'ן געזיכט אויף די באַקען, אויף וועלכע עס האָט כסדר גערוהט אַ ראָזע פאַרב פון יענע זאַטע פאַרבען, וועלכע ס'איז אָפט צו באַמערקען אויף יונגע פרויען אַ פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה, האָט זיך באַוויזען אַ בלאַסקייט, די אויגען זיינען גלאַנציגער געוואָרען און אומעטיגער. דער מאַן, וועלכער איז אַ גאַנצע וואָך ניטאָ אין דערהיים, נאָר קומט פון שבת צו שבת, האָט איינמאָל, זיצענדיג פרייטאָג־צו־נאַכט ביים טיש, דאָס באַ־מערקט און געפרעגט:

— וואָס איז דיר, רחל'ע ? עפּעס האָסטו זיך מיר פאַר־ענדערט !

ענטפערען האָט זי ניט געהאַט וואָס. זי האָט נאָר אויף איהם אַן אומעטיג־ווייכען קוק געגעבען, אַ שמייכעלע געטאָן און נאַאיוו איבערגעפרעגט :

— פאַרענדערט ?...

קיין צרות דערפון האָט זי ניט געהאַט, נאָר געוואָלט האָט זי, איהם זאָל עפּעס איינפאַלען אַ חשד...

— יע, עפּעס זעהסטו מיר אוים בלייך ! — האָט ער טרויעריג געזאָגט, אַ גלעט געבענדיג זי אין באַק, און צוגעגעבען פרייליך —— אפשר זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיר, טייבעלע מיינס ?

מיט די ווערטער איז וועגען דעם דער שמועס געווען גע־ענדיגט, נאָר זונטאג פאַר'ן אַוועקפאָהרען, האָט ער איהר אָנגע־

זאָגט, זי זאָל זיך פּאָפּראַווען. ער האָט זי שטאַרק געקושט, שטאַרקער ווי אַלעמאָל און זי איהם אויך. איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אין דרויסען אונטער דער הייסער, ברענענדער זון און איז אריינגעגאַנגען אין שטוב מיט אַ געדריקטער שטימונג.

זי האָט צוגערופען דער ניאַנקע, וועלכע האָט זיך אַרומגע־דרייט פאַר דער שטוב מיט'ן קינד אויף די הענט, און איבערגע־נומען ביי איהר דאָס קינד, וועלענדיג מיט דעם פאַרטרייבען דעם אומעט. ביידע זיינען געשטאַנען, זי אין שטוב ביי דער זייט פענסטער און די ניאַנקע פון יענער זייט, דאָס קינד אין מיטען, און געמאַכט מיט דעם פאַרשידענע קונצען. די לעצטע האָט אַלעמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט דאָס קינד אויף די טויבען, וועלכע זיינען געפלויגען אריין און אַרויס פון טויבען־שלאַק, וואָס איז געשטאַנען אין „פּאָדווער", אָדער האָבען זיך גאָר אַרויסגעשפּאַצירט אויף דער ערד, ווי פּשוט'ע עופות, און געקליבען קערענדלאַך; נאָר ווען ס'איז אריינגעלאָפען אַ הונט, אָדער פאַרבלאָנדזשעט אַ חזיר, האָבען זיך אַלע, מיט אַ דין, קוים הערענדיג קוויטשעל, אַ הויב געטאָן אין דער לופטען און זיך אויסגעשטעלט אויפ'ן דאַך.

רחל האָט פון צייט צו צייט אַרומגעכאַפּט דאָס קינד און עס היים געקושט און אויף לעצט געהייסען דער ניאַנקע דאָס צונעמען און אָנגעזאָגט זי זאָל זיך מיט דעם ניט אַרומדרעהען אויף דער זון.. אַליין איז זי געגאַנגען און זיך אָנגעגאָסען אַ גלאָז טיי פון זודיגען סאַמאָוואַר, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל אויפ'ן סאַמאָוואַר־טישעל, און זיך אַוועקגעזעצט ביים גרויסען דעמבענעם טיש טרינקען.

די שטימונג האָט זיך ניט געביטען.. עפּעס האָט דאָרטען ביי איהר אינוויינינג געטאָטשעט אַזעלכעס, וואָס האָט זי ניט געלאָזט פריי, מוטיג זיין.. עס האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט בלינדע אומעטיגע געפיהלען... זי האָט זיך פאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס דער מאַן האָט זיך דאָסמאָל מיט איהר הייסער געזעגענט, ווי אַלעמאָל, זי מיט איהם אויך, און אויך דאָס האָט איהר געבראַכט אין אַ שלעכטער שטימונג... ווילענדיג ניט ווילענדיג,

האָט זי צו דעם געמוזט צוגעבען ניט קיין גוטע באַדייטונג... זי וואָלט איהם, דעם מאַן, געוואָלט זעהן איצט, עפּעס בענקט זיך שטאַרקער, ווי אַלעמאָל...

אין דער צייט ווען זי איז אזוי געזעסען פארטראַכט, איז אריינגעקומען דאָס דינסטמיידעל און געזאָגט, אז צו דער שוויגער איז פארפאהרען עפּעס איינער אַ יונגערמאַן (דאָרטען איז אַן אכסניה), וואָס פרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף איהר, אויף דער ווירטהין, און באַלד ווי יענע האָט עס איהר געזאָגט, איז דער אומעט אינגאַנצען פארשוואונדען, דאָס הארץ האָט אומרוהיג, נאָר פריילאך, אָנגעהויבען צו קלאַפּען. זי האָט אויסגעפרעגט ביי דער קעכין, ווי יענער זעהט אויס. יענע האָט דעם גאַסט אָפּגעמאָלט, ווי וויט זי האָט געקענט, און רחל האָט דערקענט אין איהם דעמזעלבען, וועמענס בריף עס זיינען ביי איהר די לעצטע צייט געוואָרען אזא אומשעצבאַרער אוצר. זי איז צוגעלאָפען צום שפּיגעלע, זיך פארקעמט, האָט זיך איבערגעטאָן, און איז מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ אַרויס דורך דער הינטערשטער טיר, וועלכע איז טאַקע אַרויס אין דעם זעלבען „פּאָדוועָר", אריינגעלאָפען אין קיך, און טרעפענדיג דער שוויגער האַקענדיג קאָטלעטען, געפרעגט:

— שוויגער, ווער איז ביי אייך דאָ?...

— עפּעס פרעגט ער זיך זעהר נאָך אויף דיר, — האָט די שוויגער געענטפערט. — מיר דאַכט, אויב ס'איז ניט דער...

זי האָט ניט געענדיגט, אוועקגעלייגט דאָס האַק־מעסער און אַ וואונק געגעבען זי זאָל געהן מיט איהר.

— ער זיצט אין זאַל?... — האָט רחל געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם...

ווי זי האָט נאָר אריבערגעטראָטען די שוועל פון קיך אין זאַל, האָט זי איהם דערזעהן זיצענדיג אויבען־אָן ביים טיש און אריינקוקענדיג אין אַ נאָטיץ־ביכעל. זי האָט איהם באַלד דערקענט און ער זי, זעהט אויס, אויך; ווייל ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און זיך איהר געלאָזט אנטקעגען, און צוקומענדיג צו איהר, זיך פארנויגט און, אויסשטרעקענדיג די האַנט, געזאָגט:

— איך האָב די עהרע!

ביי רחל'ען איז געקומען אַ פּלוצלונגע פאַרענדערונג... דער גאַנצער אינטערעס, וואָס איז ביי איהר אין די לעצטע פּאָר חדשים אויסגעוואַקסען צו דעם מענשען, איז אינגאַנצען פאַר־שוואונדען... ערשט איצט, דערזעהענדיג איהם, איז איהר קלאָר געוואָרען, אַז דאָס ניט וועלען איהם פאַר אַ חתן איז ניט נאָר געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָרפען מיט די הענט ביים ריידען און פארגעסען אַ קאַלאָש אָנצוטאָן, נאָר איבער פילע וויכ־טיגערע טעמים... אין דעם גאַנצען מענשען איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אָפּגעשטויסען פון זיך, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך דעמאָלט האָט זי געפיהלט צו איהם דאָסזעלבע, וואָס איצט...

אוים העפליכקייט איז זי געשטאַנען מיט איהם אַ פּאָר מינוט, האָט איהם געענטפערט אויף אַ פּאָר פראַגען. אויך זי איהם האָט געפרעגט, וואָס ער מאַכט, האָט זיך מיט איהם אָפּ־געזעגענט, איז אריינגעגאַנגען אין קיך, אַ ווייל געזעדט מיט דער שוויגער, וועלכע איז איצט פיל ליבער געווען, ווי תמיד... און נאָכדעם, ווען זי איז אריינגעגאַנגען צו זיך אין שטוב, האָט זי גענומען די בריף זיינע און אריינגעוואָרפען אין פייער אריין, נאָך וואָס זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַ שווערע משא...

# ד ר י י.

מאיר האָט זיך פאַרגונען אין מיטען טאָג אוועקשטעלען אויף א שעה צייט און זיך איבערשמועסען מיט יהודית'ן. ער איז געשטאַנען אין הויף הינטער א געדיכטען אַקאַציע־בוים, אָנגע־שפּאַרט מיט'ן אַקסעל אין שטאַם און יהודית איז געזעסען ביי דער מאַשין און אַרויסגערעדט צו איהם פון שטוב, פון פענסטער.

מאיר האָט געהאַלטען א צייטונג אין די הענט און גערעדט פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלייענט אין דער כראָניק: ווי איינער א יונגערמאַן האָט זיך איבער א מיידעל געהאַנגען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט אַזאַ נאַרישקייט קיינמאָל ניט געטאָן, און יהודית האָט געשמייכעלט, איהרע גרויסע שווארצע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט ווייבערשער חכמה און מיט טיפען גלויבען אין זיך, אַז איבער איהר וואָלט מען אויך אַזאַ „נאַרישקייט" געקאָנט באַגעהן.

— זייט ניט אַזאַ חכם, מאיר! — זאָגט זי, — און זי שמיי־כעלט מיט ווייבליכען רייץ און פון פאַר זיך באַהאַלטענער זיכער־קייט אַז זי געפעלט דעם בחור.

זי איז געזעסען ביי דער מאַשין, ניט געאַרבייט, און דאָך געמיינט, אַז זי זיצט ניט ליידיג.. און מאיר איז געשטאַנען מיט'ן רעקעל אויף די אַקסעל, ווי אַן אינטעליגענטער אַרבייטער, און מיט דעם באַווייזען זיין אַכטונג צו דעם שעהנעם מיידעל, און נאָך זאַכען, וואָס ער האָט ניט געטראַכט צו באַווייזען, איז מיט דעם באַוויזען געוואָרען: אַז ער איז פאַרנומען, אַז ער איז צוגעבונדען צום טאָג, צו דער צייט פון אַרבייט, כאָטש ער אַליין האָט ניט געאַרבייט.

ס׳איז צו איהם צוגעגאַנגען דער ארבייטער זיינער, יאָסעל, און געזאָגט, אַז איינע עפּעס אַ דאַמע פרעגט זיך אויף איהם.

ביידע זיינען אוועק, און יהודית האָט נאָכגעשריען מאיר׳ן:

— גיכער! לויפט גיכער!

און באַגלייט זיינע טריט מיט אַ קלינגענדיג געלעכטער.

מאיר האָט באַגריסט דער אומבאַקאַנטער און געפרעגט, מיט וואָס ער קאָן איהר דינען.

— אפשר וועל איך ביי אייך קריגען ארבייט?

אויף דעם האָבען זיך ביידע בחורים ניט געריכט. ביידע האָבען געקוקט אויף איהר מאַסיווער, האַרט־קערפּערדיגער פיגור, אויף איהר הויכען איינגעקרעמפּערטען ביוסט, אינגאַנצען געהילט אין לייכטען ווייסען, ווי פון רויך און פּאַרע אויסגעוועבטען שטאָף.

מאיר האָט מיט זעלבסטווירדע געענטפערט, אַז פון איהם איז ערשט נעכטען אוועקגעגאַנגען אַן ארבייטערין, און אַז אַוועקגעגאַנגען איז יענע דערפאַר, וואָס אין אַ חודש ארום האָט זי חתונה.

די מאַסיווע ווייבערשע מויד איז געזעסען אַ פּאָר מינוט אַ צוגליהטע פון היץ און פון פרעמדקייט, קורץ און געהאַקט גערעדט פון ארבייט און פון פּרייז, און אויפגעהויבען זיך מיט איהר גאַנצען וואוקס, מיט מוידישער איבערגעוואַקסענקייט, מיט פולען באַוואוסטזיין פון איהר ווייבליכען ווערט, האָט איינמאָל און אַ צווייטען מאָל איבערגע׳צלם׳ט די פּאָדלאָגע מיט׳ן רויטען שירעמיל און נאָכדעם אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אַ גלייך געטאָן דעם הוט און איז אוועקגעגאַנגען שטיל און באַשיידען, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַן איינדרוק פון אַ קלוגער און אַ שלעכטער.

די צוויי בחורים האָבען עם פיל געהאַט צו רעדען וועגען דער באַזוכערין און ניט געפונען קיין ווערטער.

— ... איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַ דאַמע...

און מאיר האָט געפרעגט ביי יאָסלען, פון וואַנען ווייס ער שוין איצט, אַז זי איז ניט קיין דאַמע?

יאָסעל האָט זיך גענומען צום פּרעסען, און מאיר האָט זיך געשטעלט ביי דער „סטאָיקע״ אויסצייכענען מיט „אייביגען טינט״

דאָס קויטיגע וועש. און שוין גאָר ניט לאַנג נאָך יענער׳ס אוועק־געהן איז אריינגעקומען יהודית א בלוזקע אויספרעסען, און שמייכלענדיג אריינגעקוקט מאיר׳ן אין די אויגען אריין, און מאיר האָט איהר א ווייז געטאָן א דאַמען־העמד מיט אַן אויסגענעהטען מגן־דוד׳ל.

— א ציוניסטקע?

מאיר האָט א פרעג געטאָן:

— ווער?

ווייל די באַזוכערין איז ווי א הארטער, שווערער מאָנומענט אין זכרון געבליבען, האָט ער געמיינט, אַז יהודית האָט עס וועגען דער זעלבער געפרעגט, און איהם האָט זיך פארוואָלט יהודית׳ן א קאָמפּלימענט מאכען.

— איהר, יהודית, דאַרפט שוין פאַר קיין קאָנקורענץ קיין מורא ניט האָבען...

צו הערען אַזעלכעס פון מאיר׳ן, איז שוין גאָר א נייעם געווען. זי ווייס, אַז זי איז א שעהנע, און דערפאַר לאַכט זי תמיד. און ווען זי האָט א טראַכט געטאָן וועגען מאיר׳ן, איז ביי איהר רעכט געווען — יע און ניט... זי האָט געהאַט איהר ארבייט און איהרע פאַרדינסטען.. געארבייט פאַר זיך, תמיד פריי, תמיד פארנומען, א מיידעל א זעלבסטשטענדיגע, מיט אַן אייגענעם גראָשען אין קעשענע, און מאיר איז ניט געווען דער גרויסער גביר, ס׳זאָל זיך לוינען איבער דעם אליין מיט איהם חתונה האָבען. אויב ס׳האָט זי עפּעס אינטערעסירט אין מאיר׳ן, איז דאָס נאָר געווען דאָס, וואָס זי קאָן זיך מיט איהם א פּאָר יאָהר, און ער האָט איהר נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ער איז פארליבט אין איהר.

און זי איז דאָך ווירקליך א שעהן מיידעל!

— ווען עפענט איהר זיך א גאַלאַנטעריי מאַגאַזין, מאיר?

זי האָט׳עס ביי איהם געפרעגט, ווייל ער באַריהמט זיך תמיד פאַר איהר, אַז ער וועט אַוועקוואַרפען די וועשעריי און זיך עפענען א גאַלאַנטעריי געשעפט; אַז ער וועט קיין חתן ניט ווערען כל זמן ער וועט זיך האַלטען מיט דער וועשעריי. מיט דער פראַגע

איז דעריבער שוין גלייך ווי נאָך אַ זאַך געפרעגט געוואָרען: ווען ווערט ער אַ חתן? און מאיר, ווי ער וואָלט עס פּונקט אַזוי פאַר־שטאַנען, האָט ביי איהר אַ פרעג געטאָן:

— ווען ווערט איהר אַ כלה?

געמיינט פאַר איהר געשוועסטער־קינד, וואָס פאָהרט אַ פּאָר מאָל אין וואָך אין הויף אַריין מיט זיין פערד און וועגעלע, און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט צו יאָסלען:

— איהר געשוועסטער־קינד דאַוועגט אין צוויי פּאָר תפילין.

עפּעס האָט ער געוואָלט, אַז יהודית זאָל מיינען, אַז ער אייפערט זי צו איהר געשוועסטער־קינד און מאַכט דערפאַר חוזק פון איהם.

יאָסעל האָט געזאָגט:

— אַז מען דאַוועגט אין איין פּאָר תפילין איז גאָר קיין עולה ניט.

אויסגעפּרעסט די בלוזע, האָט יהודית פּאַמעליכקע זי אויס־געמאָסטען אויף מאיר׳ס פּלייצע און דערביי זעהר שעהן געלאַכט. האָט מאיר אַראָפּגעכאַפּט אַן אויסגעפּרעסט טשו־טשו, אַ ריינעם רעקעל, וואָס איז געהאַנגען אויבען אויף אַ שטעקעל און אָנגע־מאָסטען אויף יהודית׳ן; זי האָט זיך געלאַזט, יהודית, אָנמעסטען, האָט מיט חשק די הענט אין די אַרבעל אַריינגעשטעקט און פאַר־לייגט אַ פּאָלע אויף אַ פּאָלע, איינגעצויגען איהר איידעלע טאַליע אין דעם מאַנסבילשען בגד, און זיך אַזוי איינמאָל און אַ צווייטען מאָל אַ דרעהע געטאָן צו באַווייזען די בחורים, ווי זי זעהט אויס פון הינטען און פון פאָרענט. און מאיר׳ן האָט עס שוין גאָר פאַרדראָסען: ער האָט געוואָלט, זי זאָל זיין אַביסעל ערנסטער. ווייל זי איז אַ שעהנע, האָט ער עס פאַרלאַנגט פון איהר... ווען זי וואָלט אַזאַ ליץ ניט געווען, וואָלט ער צו איהר פיל מעהר געפיהלט... אָבער זאָגען דאָס איהר... אדרבא, ער האָט איהר נאָך פאָרגעלייגט, זי זאָל אָנטאָן אַ פּאָר הויזען.

יע, זי, יהודית, וואָלט זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט, ווען ער, מאיר, וואָלט אויף זיך אַ קליידעל אָנגעטאָן...

*

א פאר שעה האט די נייע ארבייטערין אפגעארבייט, און מאיר האט ניט געוואוסט, ווי אזוי מ'רופט זי, און ער האט עס דאך געמוזט וויסען, און דאך איז עס איהם פריקרע געווען צו פרעגען, און ער האט עס געפרעגט מיט אזא טאן, גלייך ווי ער וואלט זיך געוואלט דערוויסען ביי איהר זעהר א וויכטיגע זאך. דאס מיידעל האט אין זיין זייט אביסעל אויסגעדרייט דעם קאפ, געזאגט, אז מ'רופט זי סאניע.. דערביי האבען ביי איהר די אויגען־דעקלאך א פאר מאל א ציטער געטאן, און א שיטערע פארב האט זיך אויף איהר ברייט־ביינערדיגען פנים צוגאסען.

דערוויסענדיג זיך דעם נאמען איהרען, האט איהר מאיר אויפ'ן שטעל דערציילט עפעס גאר ניט קיין וויכטיגע זאך, אז עפעס איינער האט איהם געבראכט גאנץ פריה א ווייסען אנצוג אויסצואוואשען, וואס מוז היינט פארטיג זיין, אז ער נעהמט א זעהר הויכען פרייז פאר דער „ספעשקע", און נאך א גרעסערע נארישקייט האט ער איהר דערציילט, אז ער האט אין דעם אנצוג א שפראנקע געפונען, זעהר א גוטע שפראנקע, וואס ער האט אוועקגעשענקט יאסלען, און געהייסען יאסלען, ער זאל זי באַ־וויזען. יאסעל האט גלייך די „מציאה" באוויזען, און ביידע בחורים האבען זיך מיט אמאל נאריש דערשפירט אנטקעגען דער גרויסער קלוגער מויד.

מאיר האט זייטיג געקוקט דער נייער ארבייטערין אין די הענט אריין און געזעהן, אז זי קאן גוט די ארבייט איהרע. ער האט געקוקט אויף די שפיציגע, ראזע עלענבויגענס איהרע, וואס האבען זיך באוועגט הין און צוריק און דערציילט פון א לאנג־צייטיגען פרויען־קערפער, פריי געהילט אין א פעניואר, וואס זי האט זיך דא, צו דער ארבייט ספעציעל איבערגעטאן. אין דעם פעניואר האט זי אויסגעזעהען דיקער, העכער און עלטער; די פארמען פון איהר קערפער צונויפגעגאסען. און געדאכט האט זיך איהם, אז דאס לייב איהר'ס איז עפעס נעהענטער, דערגרייכענדער געווארען... ווי א דאמע ביי זיך אין שטוב פריהמארגענדיג

אַ גאַנצען טאָג, פאַרנומען מיט שטוביגער ארבייט, רוהיג, באַשיידען און פרום פון זאַטקייט...

אַזאַ איינדרוק האָט סאָניע געמאַכט, און מיט איהר האַלטען זיך געגעבען צו שפּירען, אַז זי האָט שוין איהרע אַ מאָס פון האַלטען זיך צווישען מענער... זי האָט גלייך אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט פון אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט.

— סאָניע!

מאיר האָט זי ביים נאָמען אָנגערופען און האָט איהר עפּעס וועגען דער ארבייט באַמערקט. די באַמערקונג איז גאָרניט וויכטיג געווען, אָבער איהם האָט זיך געוואָלט זי אַ רוף טאָן ביים נאָמען.

פון קיך און פון דרויסען, פון פייער און זון האָט מיט היץ געזעצט, און ס'איז אַלעמען חלשותדיג הייס געווען. יאָסעל האָט געארבייט ביי אויבער־וועש. זיין ארבייט איז געווען אַ שווערע, און דער פּרעס האָט געמוזט זיין שטאַרק הייס. דאָס לעדער, מיט וועלכען ס'איז געווען געהילט דאָס ענטעל פון פּרעס, האָט גע־סקריפּעט אונטער זיינע הענט. און אָנגעשטרענגט פון ארבייט, האָבען זיי אויסגעזעהען אָדערדיג און ביינערדיג. די אויבערשטע מוסקולען קיילעכדיג און הארט ווי שטייענער, האָבען זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ פון דער שווערער אָנגעשטרענגטער ארבייט. און דאָך זיינען איהם געקראָכען בחור'שע מחשבות אין קאָפּ אריין; ער האָט געוואָלט אויסנעמען ביי דער נייער ארבייטערין און ניט געוואוסט ווי אַזוי מ'טוט עס. זי האָט אויסגעזעהען פיל עלטער פון איהם, און דערפאַר איז ער אין זיך ניט זיכער געווען. ערשט אין דער מיטאָג־שעה האָט ער באַוויזען, אַז ער קאָן אויפהויבען מיט איין האַנט ביי אַ פיסעל אַ בענקעל מיט פיער פיסלאַך, און געצוואונגען מאיר'ן, מאיר זאָל עס אַקאָרשט פּרובירען אויפהויבען. מאיר, וועלכער האָט זיך דורכאויס געוואָלט האַלטען ערנסט פאַר סאָניע'ן, האָט ניט געוואָלט, און דאָך געפּרובירט, און ניט געקענט.

אין דערזעלבער שעה איז יהודית אריינגעקומען אַ „לייסט“ פאַרפרעסען. זי האָט געלאַכט, יהודית, זאַפטיג געלאַכט פון דעם, וואָס נאָר זי ווייסט נאָך וואָס זי איז אריינגעקומען. די אונטער־

שטע ליפ איז ביי איהר געווען נאס און ראז. די אויגען האבען געגלאנצט מיט מיידעלשער פרומקייט און ווייבליכען רייץ...

זי האט די גאנצע צייט, וואס זי האט די „לייסט" געפרעסט, הינטערוויי־לעכטס געקוקט אויף סאניע׳ן, אוןביידע בחורים האבען געוואלט באווייזען פאר דער לעצטער, אז זיי פיהלען זיך היימיש מיט דער שעהנער מיידעל, און האבען גערעדט מיט איהר, וואס ס׳איז נאר מעגליך געווען צו ריידען. ס׳האט איהם געקרענקט, מאיר׳ן, וואס יהודית האלט זיך אזוי, אז מען קען זיך מיט איהר אזוי אהן צערעמאניעס האלטען, און ער האט שוין אויף להכעיס פיעל גערעדט. יאסעל האט א צוויי־דייטיג ווארט געזאגט, און געכאפט האט ער דערפאר פון יהודית׳ן דאס נאסע שטיקעל גובקע, פון טיש, אין פנים אריין, און גלייך מיט א קוויטש האט זי זיך געלאזט אנטלויפען. יאסעל איז געשטאנען אויף איין ארט און געטופעט מיט די פיס, כדי יהודית זאל מיינען, אז ער לויפט איהר נאך. און מאיר האט זי גלייך גענומען פארענטפערען פאר סאניען: זי איז זעהר א פיין, ארענטליך מיידעל, זי האט נאר ליב א שטיף צו טאן.

און ער איז אזוי אומגעדולדיג געווען, מאיר, און אין א פאר מינוט ארום איז ער שוין אין הויף געווען און געפרעגט ביי יהודית׳ן, וואס פאר אן איינדרוק סאניע האט אויף איהר געמאכט. און יענע האט זיך צולאזט מיט אזוי פיל לויב־געזאנגען, אזוי פיל גערעדט, אז ס׳האט מאיר׳ן אנגעהויבען צו פארדריסען, און ער האט דערפאר אנגעהויבען צו שיטען מיט שבחים אויף איהר געשוועסטער־קינד, און זיי האבען זיך איינס דאס אנדערע ניט פארשטאנען...

און אינעווייניג, אין וועשעריי, איז יאסעל געשטאנען פנים צו פנים אנטקעגען סאניען, און געשפירט האט ער דאסזעלבע, וואס עס שפירט א יונגער בחור, ווען ער בלייבט אויג אויף אויג מיט זיין יונגער שטיפמאמע, און ער איז שוין גאר צופרידען געווען מיט מאיר׳ס אריינקומען, ווי אזעלבער קאן זיין צופרידען, ווען

דער טאַטע, דער שטיף־מאַמע׳ס מאַן, קומט אריין און באַפרייט איהם פון פיעל, פיעל שווערע געפיהלען און זינדיגע געדאַנקען.

מאיר איז אריינגעקומען פון איין טיר און אין אַ ווײַלע אַרום איז פון דער ווי־זאָ־ווי טיר אריינגעקומען נחמקע, אַ גליהענדיג, קלעצעלדיג ווייבעל, אַ שכנה, וואָס וואוינט אין קעלער אונטער דער וועשעריי. זי איז אַריינגעקומען, געקאַלופּעט די ציין מיט אַ שפּילקע און געפרעגט, ווער און נאָך וואָס מ׳האָט געקלאַפּט צו איהר, און געקוקט מיט אַ ממזר׳יש אויגעל אויף דער נייער בחור׳טע און געשמייכעלט. האָט פאַר זיך דאָס ווייבעל פון די געדאַנקען, וואָס זי האָט זיך געטראַכט פון דער גרויסער, ברוסטיגער מויד דאָ צווישען די צוויי בחורים.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די פרייע געבעטע טישען און געוואָרפען מיט די פּיסלאַך, אריינגעשטעקט אין אַ פּאָר אַלטע פּאַנטאָפעל, וואָס זיינען אַראָפּגעהאנגען מיט די צודרייטע זאַפּראָוועס און אויסגעטראָטענע אָפּצאַסען. זי האָט געשאָקעלט מיט די פּי׳ס, געקאַלופּעט די ציין און געקוקט מיט ווייבליכער טיפזיניגקייט אויף די בחורים און אויף דער מויד, און געזאָגט צו די ערשטע:

— איהר וועט שוין ליגען אין דער ערד.

דאָס ווייבעל איז אַן אָפּטע באַזוכערין ביי די בחורים. זי האָט הנאה דערפון, וואָס זי רייצט זיי מיט איהר ווייבליכקייט, און זי אַליין גיט די חברה אַ געלעגענהייט צו ריידען נבול פּה און פּאַטשט זיי אין די „פּיסקעס“ אריין פאַר זייער „בליאַוואַוסקען“.

זי האָט געוואָרפען מיט די פּיכלאַך פון צופרידענהייט און פון היץ... און האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט אַרונטער, צי יאָסעל וויל איהר דאָרטען עפּעס ניט אָפּטאָן הינטער די פּלייצעס. און שוין גאָר אומערוואַרטעט איז מאיר צוגעלאָפען, מיט ביידע הענט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר ביידע פּיס און אַ זאָג געטאָן:

— סטאָפּ!

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש, און דאָ האָט זי מאיר

פעסט ארומגעכאפּט, זי איינגעשמידט אין זיינע אָרעמס און מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויסגעשריען:

— יאָסעל, געה גיב איהר אַ קוש, גיך!

יאָסעל איז אין איין אויגענבליק געשטאַנען לעבען דער ווייבעל, וואָס האָט זיך געוואָרפען ווי אַ העכטעל, ווען עס ווערט געכאפּט אויף דער ווענדקע, און געדראָהט האָט זי יאָסלען, ער זאָל זיך דאָס ניט דערוועגען צו טאָן. און מאיר'ן האָט זי שטורמדיג געבעטען, ער זאָל זי אָפּלאָזען.

באפרייט זיך, האָט דאָס ווייבעל גענומען ברענגען אין אָרדנונג די צופּאַטעלטע האָר איהרע. אריינגעכאפּט די האָר־שפּילקעס אין מויל, האָט זי פלינק געטאָן אַ פאַרדריי אַ קובליק און געשלעפּט פון די ליפּען איין האָר־שפּילקע נאָך דער צווייטער, געשטאָכען אין די האָר אריין און געזידעלט און געשאָלטען די בחורים, און פאַר'ן אוועקגעהן אויסגעשפּיגען:

— טפוי זאָלט איהר ווערען, זשוליקעס אַזעלכע!

— אויב איהר זייט אַזאַ אָרענטליך ווייבעל, נאָך וואָס קומט איהר גאָר אַהערצו? — האָט זי יאָסעל מיט די ווערטער באַגלייט.

ער איז שוין געווען זעהר אויפגערעגט... אויגען און ברעמען האָבען געציטערט און אויפ'ן שטערען האָבען זיך רויטע פלעקען געוויזען. און ווען יענע איז פארשוואונדען געוואָרען, האָט ער זיך געשוואָרען: זיין נאָמען זאָל ניט זיין יאָסעל, אויב ער וועט עס דעם מאַן ניט דערציילען.

מאיר איז געשטאַנען הינטער סאָניע'ס עלענבויגען און זי אַ רוף געטאָן:

— סאָניע!...

*

זי איז אַלע טאָג פּינקטליך געקומען צו דער ארבייט און פּינקטליך צו דער צייט אוועקגעלייגט; דאָס האָט באוויזען, אַז זי פאָדערט ניט פאַר זיך קיינע פּריווילעגיעס, ווי אַנדערע פון איהר געשלעכט, וואָס האָבען אויסגענוצט דעם בחור'שען בעל

הבית. פוּן איין זייט איז מאיר געווען צופרידען, פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך באַליידיגט געשפּירט...

איינמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איהר:

— איהר ווייסט, סאָניע, איהר האָט ביי אַלעמען אוסגענומען.

זי האָט איהם קאַלט און פרעמד געדאַנקט פאַר'ן קאָמפּלי־מענט. און אויך נאכדעם, ווי זי האָט שוין געוואוסט, אַז זי האָט ביי אַלעמען אויסגענומען, איז זי דאָך אַלץ די זעלבע געבליבען: שווייגענדיג שטיל געשטאַנען ביי דער ארבייט, מיט קאָפּ און אויגען פאַרטאָן אין דעם, וואָס זי האָט געטאָן; איינגאַנצען מיט זיך און פאר זיך מיט'ן פּרעס אין האנט פאַרטאָן אין דעם, וואָס אי זאונטער'ן פּרעס געלעגען, און האָט פּינקטליך אָפּגעהיט די צייט פון קומען און אַוועקגעהן.

אויפ'ן פערטען, צי אויפ'ן פינפטען טאָג איז געקומען דער קוימען־קערער, וואָס קומט אַלע צוויי וואָכען רייניגען די קוימענס, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ גאַנצע פערטעל שעה און זיך גע'חכמה'ט אויף סאָניע'ס חשבון. אַזוי חכמה'נען זיך און אַזוי ציניש ריידען קאָן זיך נאָר ערלויבען אַ קוימען־קערער, וואָס ווייס, אַז שפּעטער מיט אַ שעה וועט מען איהם שוין ניט דערקענען. ער האָט געבליצט אויף איהר מיט די ריינע אויגען פון אויסגע־שמירטען פּנים אַרויס, און גערעדט, וואָס איהם איז נאָר איינ־געפאַלען אין קאָפּ אַריין.

סאָניע האָט געארבייט, ווי ניט איהר מיינט מען עס, אָבער זעהר, זעהר לאַנג ניט געביטען דעם פּרעס אויף אַ הייסען, ווייל אויף דעם קיך־טיר איז דער קוימען־קערער געשטאַנען. ביידע בחורים האָבען עס באמערקט און געשמייכעלט, ווי זי רייבט מיט'ן פּרעס און ס'בלייבען ניט געפּרעסט די ערטער, וואו זי פיהרט מיט'ן פּרעס. ווייטער איז שוין גאָרניט אויף איהר געווען צו דערקענען, און מאָדנע, וואָס מאיר האָט שוין גאָר אַ פאַרקערטען איינדרוק באקומען: אָט דוקא אין דעם באשיידענעם האַלטען זיך האָט ער געזעהן פּונקט דעם היפוך פון דעם, וואָס סאָניע האָט פון זיך געוואָלט פאָרשטעלען... ווייל ס'האָט זיך עפּעס ניט

געלאָזט אָט די גרויסע מויד מיט יאָהרען אָננעמען פאַר אַ נאַאיוועך. איהרע אויגען זיינען צו טרוקען און ניכטער געווען, און מאיר האָט געטראַכט, אַז אַזוי האַלטען זיך ווי סאָניע, קאָנען נאָר יענע מיידלאך, וואָס זיינען שוין איינמאָל געשטרויכעלט געוואָרען, און כאַפּען אָפּט אַריבער די מאָס פון נאַאיוויטעט...

פאַר'ן אוועקגעהן האָט דער קוימען־קערער געזאָגט:

— איידער ליגען אין שפּיטאָל אויף אַ בעטעל...

און מאיר'ן האָט גערייצט אָט די מעגליכע אוממעגליכקייט... ווי איינער, וואָס שטעהט פאַר אַן אָפענער טיר און האָט ניט קיין שליטה אויינצוגעהן...

ווען זי איז אויף אַ פּאָר מינוט אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, האָט יאָסעל געזאָגט:

— מיט איהר קוצעניו מוצעניו קאָן מען שוין ניט מאַכען, — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבען: — איך שווער אייך ביי וואָס הייליג איז, אַז זי איז אַ מיידעל נאָר אין קאָפּ *). מאיר האָט אַליין אין איהר געזוכט חסרונות, אָבער דעם חסרון און נאָך פון אַ זייטיגען צו הערען, האָט ער ניט געקענט גלייכגילטיג איבער־טראָגען, און האָט זיך אנגעבייזערט אויף יאָסלען:

— וואָס קעהר זי זיך אָן מיט דיר?

די גרויסע מעלה פון יענער'ס חסרון האָט ער ביי יהודית'ן געפונען... און צייטענווייז האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז פאַרליבט אין איהר, אָבער די מעלה פון סאָניע'ס האַלטען זיך האָט ער ביי יהודית'ן ניט געפונען, און ער האָט עס שוין געפונען פאַר אַ גרויסען חסרון.

— זייט אַביסעל ערנסטער, — האָט ער זיך געבעטען ביי איהר.

ער האָט איהר געלייענט אַ גאַנצע נאָטאַציע וועגען יאָסלען: זי מאַכט מיט איהם פּאַן־בראַט... ער איז דאָך אַ פּראָסטער

---

*) אַ פאָלקס־אויסדרוק, ווייל ווייבלאך טראָגען דאָך פּאַרוקען.

בחור, יאָסעל... אַ אינגעל! און גאָר פּלוצלונג מיט פּאַרדרוס געפרעגט ביי איהר: מיט וואָס געפעלט עס איהר אַזוי סאָניע.

— וואָס זי בלאָזט זיך ווי אַ שטרוים?

וואָס איהם איז אין יענער שטאַרק געפעלען, האָט ער עס פאַר יהודית'ן אַלס חסרון געוואָלט אויסזעצען און אין אַ ווייל־ע ארום צוגעגעבען:

— ס'וואָלט שוין אייך בעסער געפּאַסט...

אין סאָניע'ס געגענוואַרט איז ער אַלעמאָל אויפריכטיג געווען צו יהודית'ן. אַ ווארים געפיהל האָט אין זיין האַרץ געברויזט, געלאָפען מיט דעם געפיהל און לעבען יהודית'ן איז ער אויסגע־וועבט געווארען און געפיהלט, אז ער איז ניט אויפריכטיג, און דאָך געוואָלט, זי זאָל מיינען, אַז ער איז פאַרליבט אין איהר, האָט ער אָבער פאַלש ניט געקענט זיין. אָבער די לעצטע ווערטער איז שוין כמעט ווי אַ ליבעס־ערקלערונג געווען... האָט ער געפונען אַן אויסוועג:

ער האָט אַ שוועסטער... די שוועסטער זיינע ליגט איהם אויפ'ן קאָפּ... כאָטש די שוועסטער איז אינגער פון איהם, אָבער אַלס מיידעל איז זי עלטער אויף חתונה צו האָבען...

קלאָר: אַזוי לאַנג ווי די שוועסטער האָט ניט חתונה, קען ער וועגען אייגענעם תכלית ניט טראַכטען.

— אפשר האָט איהר פאַר איהר אַ חתן?

יהודית האָט זיך פּלוצלונג צושמייכעלט און אריבערגעקוקט איבער מאיר'ן. אין דעם מאָמענט האָט ער דערפיהלט, ווי צוויי הענט מיט פינגער האָבען פעסט איינגעקוועטשט די אויגען זיינע.

— נחמקע, — האָט מאיר געטראָפען.

זי האָט געפרעגט ביי יהודית'ן וואָס זי לאָזט זיך אַזוי לאַנג דרעהען אַ ספּאָדיק און געפרעגט ביי איהר, צי האָט ער שוין אַמאָל גערעדט מיט איהר קלאָרע דבורים... פאַר די פּאָר יאָהר, וואָס זיי קאָנען זיך, וואָלטען זיי, נאָך איהר ווייבערשען שכל, שוין ניט געדאַרפט האָבען וואָס צו ריידען. ס'וואָלט שוין געדאַרפט זיין פון אַלעם אָפּגערעדט. און אויב דער זשוליק, מאיר, האָט

נאָך אַלץ וואָס צו ריידען און קלאָרע דבורים אַלץ ניט גערעדט, איז שוין גלייכער פאר יהודית'ן, זי זאָל איהם איינגאַנצען אוועק־יאָגען פון זיך.

— וואָן! — האָט יהודית אויסגעשריען, און איהר קליינ־געגדיג געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערען איבער'ן גאַנצען הויף.

נחמקע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, זייטיג און טיף אריינ־געקוקט אין שטוב אריין און אימיצען דאָרטען „גאָט־העלף" גע־זאָגט. פון דאָרטען האָט זיך געענטפערט „אַ גוט יאָהר" און נאָכ־דעם האָט נחמקע וועגען געזונט אַ פרעג געטאָן און איהר האָט פון שטוב אימיצער געענטפערט: „ניט אַמבעסטען".

האָט שוין מאיר'ן ניט געפּאַסט, איז ער אויך צוגעגאַנגען צום פענסטער און געפרעגט דאָס זעלבע וואָס נחמקע האָט גע־פרעגט און דעם זעלבען ענטפער באקומען, און מאיר האָט געזאָגט:

— גאָט וועט העלפען!

דאָרטען איז געלעגען יהודית'ס מוטער קראַנק אויף פּאָ־דאַגרע, עפּעס אַ גביר'ישע קרענק פון די גוטע יאָהרען געבליבען, און מאיר האָט עפּעס דרך ארץ געהאַט פאר דער דיקער אידענע מיט דער גביר'ישער קרענק...

ווייל מאיר האָט נאָך וועגען קיין תכלית ניט געטראַכט מיט איהר טאָכטער, האָט ער דערפאר געזעהן וואָס ווינציגער זיך ווארפען אין די אויגען אריין דער מוטער. איצט האָט ער עס שוין איבער נחמקע'ן געמוזט, און איז געשטאַנען ביים פענסטער פיל מעהר וויפיל איהם האָט זיך געגלוסט שטעהן.. ער איז גע־שטאַנען אזוי פיל וויפיל איהם האָט זיך געדאַכט, אז מ'מוז שטעהן. אָפּגעגאַנגען פון פענסטערביידע צוזאַמען, מיט שפּאַציר־טריט איבערגעגאַנגען דעם הויף, געהענדיג אריינגעוואָרפען אַ ציניש וואָרט דער ווייבעל, מיינענדיג, אַז דער ווייבעל געפעלט עס. די לעצטע האָט איהם געגעבען אַ שמיר איבער'ן פּנים מיט דער גאַנצער האַנט.

— ציץ!

ער איז געוואָרען ערנסט און געזאָגט, אַז נחמקע זאָל ניט

מיינען, אַז ער איז אַן אויסגעלאָסענער בחור און זי זאָל אויך ניט מיינען, אַז ער מיינט אַז זי איז אַן אויסגעלאָסענע ווייבעל.

דאָ איז שוין דאָס ווייבעל אויך ערנסט געוואָרען און ביידע האָבען שוין איינער נעבען אַנדערען ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

צוגעגאַנגען צו די טרעפּ, וואָס פיהרען אין קעלער אריין, איז זי שטעהן געבליבען, אראָפּגעלאָזט א פוס פון א טרעפּעל און געקוקט אויף מאיר'ן און ער האָט געקוקט אויף איהר ווייבליכ־קייט און פון עפּעס אזוי אין זיך געשמייכעלט, און פּלוצים ביי איהר געפרעגט פאַרוואָס רופט זי דער מאַן אמאָל נחמה און אמאָל נחמקע?

דאָס ווייבעל איז שוין מיט ביידע פיס אויף די טרעפּ גע־שטאַנען, אויף די הילצערנע טרעפּ, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט ערד און זאַמד און מיט סטרוזשקעס. זי האָט מיט איהר שטעהן און שווייגען געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי איז גאָרניט צופרידען פון מאיר'ס פראַגע. איז אַראָפּגעגאַנגען און געבליבען שטעהן ביי דער גלעזערנער טיר, וואָס האָט געגלאַנצט מיט בייטאָגיגען קעלערדיגען חושך און אומעט. זי האָט געהאַלטען די קליאַמקע פון דער טיר און מיט א תם'עוואַטען שמייכעל ארויפ־געקוקט צו מאיר'ען, וואָס איז געשטאַנען פון אויבען. דער לעצטער האָט זיך פּלוצים ווי א האַן צו דער הון געגעבען א יאָג אַראָפּ און איז צוגעפאַלען צו איהר א צוגליהטער. זי האָט איהם פּאַמעלאַכקע אָפּגעשטויסען פון זיך, מיט ווייבליכע גענטקייט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען און זיך אָפּגערוקט פון איהם...

— וואָס ווילט איהר?..

ער האָט געעפענט די טיר, און זי האָט ניט פארשטאַנען נאָך וואָס: פאַר זיך, פאַר איהר, צי פאַר ביידען? און האָט אריינגעשריען אין דער אָפענער טיר אריין:

— שמואל'יק!

פון דאָרטען האָט זיך א קול אָפּגערופען, און נחמקע האָט געזאָגט צו מאיר'ען:

— איהר קענט אריינגעהן...

ער האָט שוין געמוזט אריינגעהן און איז גראָדע צוניץ געקור־מען דעם מאַן איהרען. יענער האָט געהאַלטען אין שניידען אַ שטיק האָלץ, וואָס מ'האָט געמוזט אין צווייען צוהאַלטען. נחמקע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איין עק און מאיר'ן האָט זי מכבד געווען מיט דעם צווייטען, און נחמקע'ס מאַן, אַ פּעמפּעקעוואַטער יונגערמאַנטשיק, איז געשטאַנען צווישען ביידען און געשניטען די שטיק האָלץ, דערביי האָט ביי איהם אַ שפּיצעל פון דער צונג אַרומגעשפּאַצירט פון איין ווינקעל מויל צום צווייטען. נחמקע האָט מיט מאַסיוועיר שווערקייט פון איהר געזונטען האַרט־פליי־שיגען קערפּער איינגעהאַלטען דאָס שטיק האָלץ, אין דער צייט ווען דער צווייטער עק, וואו מאיר איז געזעסען, האָט זיך געדרייט הין און צוריק. זי האָט איהם געפּאַטשט אין האַלז און אָקען אריין ער זאָל פעסטער האַלטען, און חוזק געמאַכט פון זיין קערפּער־ליכער נישטיגקייט.

ווען די שטיק האָלץ איז איבערגעשניטען געוואָרען, האָט נחמקע אַרומגעכאַפּט דעם מאַן און איהם איין קוש און אַ צווייטען מכבד געווען...

אין קעלער איז געווען טונקעל, קיהל און ענג פון האָלץ־ברעטער, וואַרשטאַטען, פון פאַרטיגע און האַלב־פאַרטיגע ארבייט, און ארבייט ניט קיין געפּאָליטורטע צווישען פאַרטיגקייט און ניט־פאַרטיגקייט, וואָס האָט דעם קאָליר פון מענשליכע לייב. די פּיס האָבען געבראָדזיעט אין סטרוזשקעס, דינע, לאַנגע, געקרייזעלטע, געלאָקטע און געשורשעט אונטער די פּיס. ס'האָט געשמעקט מיט סאָסנע האָלץ און דערמאַנט וואַלד און בוימער....

דער סטאָליער איז מיט'ן בייכעל אין צושפּילעטע הויזען אַנטקעגען וייב און מאיר'ען געשטאַנען. פון „ראָספּוד" האָט אַ ווייסע פּעטע ברוסט אַרויסגעקוקט, און געוווישט האָט ער דעם שוויים פון דער ברוסט מיט'ן העמד, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגען, און מיט די אַרבעל דעם פּנים און שטערען געווישט. און נאָכדעם האָט ער אַ שנעל געטאָן דער ווייבעל זיינער אין נאָז אריין און אויסגערופען:

— דיעק! — און שפּעטער אַ ווײַלע צו דעם ווילדען וואָרט צוגעגעבען — ווער וועמען איז מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס?

גערויכערט און זיך באַריהמט פאַר מאיר'ען מיט זײַן דירה און מיט זײַן אַרבייט, וואָס איז פּיל בעסער אין די הייסע זומער־טעג, ווי מאיר'ס דירה און מאיר'ס אַרבייט. אָבער אויף איין זאַך איז ער מאיר'ן מקנא, וואָס צו זײַן אַרבייט קאָן ער מיידלאַך האַלטען... עפּעס האָט ער שוין אַ נייע, האָט ער געהערט. אָן די טריט דערקענט ער, אַז בײַ מאיר'ן איז שוין דאָ אַ נייע אַרבייטערין.

— געהערט, עפּעס גאָר אַן אַנטיק!

דער סטאָליער'ל איז געוועזען אַ ביסעל אייפערזיכטיג, און געוואָלט האָט ער צוציהען מאיר'ס אויפמערקזאַמקייט צו יענער, צום „אַנטיק".

— אַ סוף, האָט שוין אַמאָל חתונה!

ער האָט איהם געפּיהלט העכער פון זיך מיט דעם, וואָס מאיר קען האַלטען מענשען און קען זיך פאַרגינען בייטאָג אַרומ־צוגעהן לעדיג.

ער האָט דעם לעצטען ציה געטאָן דעם פּאַפּיראָס, טיף פאַר־שלונגען דעם רויך און גאָר אַזאַ מין זאַך אַ פרעג געטאָן בײַ מאיר'ן: „ווער מיינט ער, מאיר, איז שולדיג אין דעם, וואָס זיי מאַכען קיין ברית נים?

נחמקע האָט זיך מיט שפּאַסיגער היץ אַ וואַרף געטאָן אויפ'ן מאַן און אָנגעהויבען צו רייסען און צופּען פון איהם שטיקלאַך און ברעקלאַך. זי האָט געקניפּט, געשטשיפּעט, געפּאַטשט און געשלאָגען, און מיט שטעהענדיגע פינגער איהם אין די זייטען געשטאָכען. דאָס פּעמפּעק'ל האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד און זיך פאַרשטעלט מיט'ן האַנט דאָס פּנים און קאָפּ. די ווייבעל האָט איהם געשטורבעט מיט די פיס אין די זייטען אַריין, זיך אַרויפגעשטעלט אויף זײַן בויך און זיך געהעצקעט אַרויף און אַראָפּ, ווי אויף אַ גומענעם באָל. ער האָט געגוואַל־דעוועט און געלאַכט און געבעטען הילף בײַ מאיר'ען, מאיר זאָל

איהם ראטעוועו, אָבער ווען דער לעצטער האָט זי ארומגעכאפּט אום איהם די הילף צו געבען, איז דער שוכן עפר אנשוויגען געווארען און ארויסגעברומט:

— קרעט!

און אין איין אויגענבליק האָט זיך נחמקע א טרייסעל געטאָן ארויס פון מאיר'ס הענט, איהם אָנגעכאפּט ביים קארק און ארויסגע'משלח'ט דורך דער פאָדערשטער טיר אין דרויסען ארויס.

⁂

סאָניע איז פון ערגעץ אין דער פריה געקומען און פארנאכט אוועקגעגאנגען. נאָך איהר אוועקגעהן איז געבליבען א גרויסער שטיק טאָג מיט א זון, וואָס איז נאָך ווייט פון מערב געשטאַנען... זי האָט אויף איהר זייגערל געקוקט און צו צייט און צו מינוט אוועקגעלייגט די ארבייט, זיך איבערגעטאָן און איז אוועק א פארפּוצטע, אזוי ווי זי איז אין דער פריה געקומען. געקומען פון מערב זייט שטאָדט אין דער פריה און צו מערב פארנאכט, נאָכ'ן טאָג און נאָך דער ארבייט, אוועקגעגאנגען. א פּאָר מינוט נאָך איהר אוועקגעהן, האָט זיך מאיר אוועקגעשטעלט אויף דער טיר און זי נאָכגעקוקט א שטיק וועג. ער האָט באטראכט דעם מענשען, וואָס האָלט זיך אויף ביי איהם בייטאָג און געהט פאַר־נאכט אוועק מיט אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט, פאַר־שווינדט ערגעץ אונטער גאסען און הייזער און לאָזט דאָ נאָך זיך עפּעס א מין שווערען אומעט. איהם האָט זיך געדאכט, אז זי האָט דאַרטען עפּעס אן אנדער לעבען פון גרויסע זונענדיגע אָוועגטען מיט זומער־נעכט... ער האָט גאָר עפּעס א נייעס דער־שפּירט, אז די זומער'דיגע אָווענדען זיינען גרעסער ווי די ווינ־טערדיגע, און ער האָט עס ריכטיג דערשפּירט.

דער אָווענט הויבט זיך אָן צו רעכענען פאַר אָווענט, ווען מ'לייגט די ארבייט אוועק ווען די זון שטעהט נאָך און ס'בלייבען גרויסע שטיקער טאָג פון פרידליכער, געמיטליכער און הערליכער ליידיגקייט פאַר ארבייטער.

אָווענטען זומערדיגע מיט ליכטיגקייט און זון, א שטיק צייט

פון ניט־אהער און ניט־אַהין, וואָס ליגט אין דער מיט צווישען טאָג און נאַכט, ווי א גרויסער ליכטיגער קאָרידאָר אין א פינס־טערער שטוב אריין, אָדער א גרויסע ליכטיגע האַנט פאַר אַרביי־טענדע יוגענד נאָך טאָג און נאָך אַרבייט נאַכט און גליק צו טאַפּען און ס'וואָלט אייגענטליך באַדאַרפט זיין, אַז מענשען רעליגיעזע, וואָס האָרעווען א גאַנצען טאָג, וואָלטען זיי באַדאַרפט צו מעריב מתפלל זיין, צו דער זון וואָס פאַרגעהט און גיט זיי רוה און ניט צו דער זון, וואָס געהט אויף און יאָגט זיי פון די בעטען צו דער אַרבייט אַרויס.

אַלע פאַרנאַכט האָט מאיר סאָניע'ן באַגלייט, ער האָט זי נאָכגעקוקט און געטראַכט פון איהר נעבעלדיג און שווער. ער האָט זי נאָכגעקוקט און צוזאַמען מיט איהר האָט איהם אַלעס אויס־געזעהן אַזוי פאַרטיפט, ווי א לעבען אין א לעבען באַהאַלטען, און די געדאַנקען זיינע האָבען זיך אַלץ אַרום איין פונקט געדרעהט, ער האָט אַלעס געטראַכט וועגען איהר באַשיידען און אָרענטליך האַלטען זיך, וואָס האָט אין איהם אַן אומעט געוועקט... ס'האָט שוין ביי איהם אויסגעזעהן זעהר טראַגיש, וואָס אַ מיידעל אין די יאָהרען וויל שפּילען א ראָלע ווי א פופצעהן־יעהריגע מיידעל. ניין, אַנדערש... זי ווייזט שוין גאַר קיין סימן פון לעבען און לוסט ניט אַרויס. ס'איז זעהר טראַגיש ווען א מיידעל אין די יאָהרען האַלט זיך אַזוי... יאָ, אַלס מיידעל איז זי שוין ניט יונג, אָבער אַלס פרוי... ניט אַנדערש, אַז זי האָט עפּעס א מין טראַגעדיע דורכגעלעבט אין איהר לעבען. ער האָט געטראַכט פון יהודית'ען, ווי יענע קען זיך ערלויבען פיר און צוואַנציג שעה אין מעת לעת אומאָרענטליך צו זיין, א דאַנק איהר אָרענטליכקייט געוועהנליך מיט א מאָס, מיט ניכטערער אויסגערעכענטקייט: עד כאן... און סאָניע א דאַנק (ער דערלאָזט עס) איהר „אומאָרענטליכקייט" דערשטיקט זיך שוין איינגאַנצען. און אָט די נחמקע, וואָס האָט הנאה וואָס זי קאָכט אויף דאָס בלוט ביי פרעמדע מענער און פיהלט זיך גוט און פרום דערמיט, וואָס זי וועט די אויפגערייצטע געבליטען קיינמאָל ניט באַרוהיגען. זי איז אָרענטליך?...

פון וועמען און וואס ער זאָל ניט האָבען געטראַכט, איז עס אַלץ געווען צו גונסטען פון סאָניע׳ן, און געכאַפּט זיך האָט ער אָנגעהויבען אַנדערש צו טראַכטען פון יהודית׳ן...

יאָ, ער האָט שוין געוואָלט וויסען צי זי וועט זיין זיינע. ס׳איז שוין צייט געווען, אַז ער זאָל האָבען איינער, וואָס ער זאָל וויסען, אַז זי איז זיינע. מיט דער יהודית׳ן איז דאָך מאָדנע, שוין צוויי יאָהר אַז ער קען זיך מיט איהר און ווייטער פון דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף איהם דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט זי דערזעהן, ווייטער איז עס ניט אַוועק... ווען ער וואָלט זיך געקענט באַשליסען, אַז זי מוז זיין זיינע, וואָלט ער זי אפשר ליב געקראָגען. מעגליך, אַז ביי איהם מוז זיך גאָר די ליבע פון דאַנען אָנהויבען.

איינמאָל איז איהם איינגעפאַלען זיך דורכצוגעהן מיט יהודית׳ן אויפ׳ן זעלבען וועג, וואו סאָניע געהט. באַשלאָסען אויסצופיהרען דעם געדאַנק, האָט ער זיך אָנגעטאָן און אַ פרעג געטאָן ביי יאָסלען:

— דיר געפעלט אויך סאָניע?

יאָסעל האָט געענטפערט, אַז מען וואָלט יהודית׳ס ברודער געדאַרפט באַקענען מיט איהר. יהודית׳ס ברודער טויג צו אַזעלכע חברה...

— ער איז אַ פייער צו די קאַווענעס!

ער האָט, ווייזט אויס, אַ שלעכט האַרץ געטראָגען אויף סאָניע׳ן.

ער האָט זיך געמאַכט אַ שרונט, אָט דער יאָסעל, האָט לאַנג געטיילט מיט׳ן קעמעל די האָר אויף רעכטס און אויף לינקס אין שפּיגעל־גלאַנץ פון אַ שויב. ס׳האָט זיך געשפּירט אין איהם דער יום־טוב פון יוגענד און רייפע מענליכע גבורה...

מאיר האָט מקנא געווען יאָסלען, ווייל יאָסעל האָט זיך געפונען אין יענעם פּעריאָד יאָהרען, ווען אַ בחור איז פעהיג יעדע פרוי ליעב צו קריגען און ליבען אָהן אַ תכלית... ער האָט ערגעץ־וואו געהאַט צו געהן אַלע פאַרנאַכט און די פולע פרייהייט צו

זיין וואו און מיט וועמען און מיט וואָס איהם געפעלט. ער איז די לעצטע צייט געוואָרען אַן אָפּטער אריינגעהער צו מאיר׳ס עלטערען אין שטוב אריין... צו דער שוועסטער, הייסט עס... אפשר וועט עפּעס ווערען דערפון, און ער, מאיר, וועט שוין וועגען אַן אייגענעם תכלית קענען אַ טראַכט טאָן.

ער האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז די שוועסטער איז איהם דער שטיין אין וועג, וואָס לאָזט איהם צו זיין אייגען גליק ניט קומען.

אַז ער האָט געשלאָסען די טירען, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט פון צו געהן צו יהודית׳ן און זי פארבעטען אַ שפּאַציר צו מאַכען. אָבער ארייַנלייגענדיג די שליסעל אין קעשענע, איז איהם נאָר פּלוצלונג איינגעפאַלען זיך דורכצוגעהן צו די עלטערן.

ווען אַ דרייסיג יעהריגער בחור געהט אין אַ שעהנעם זומער־דיגען פארנאַכט צו עלטערן, באווייזט עס, אַז ער האָט זיך געפיהלט זעהר איינזאַם. ער האָט אָבער לאַנג ניט געקענט זיצען דאָרטען, און געבעטען דער שוועסטער, זי זאָל מיט איהם דורכגעהן.

געהענדיג האָט ער איהר דערציילט, אַז ביי איהם ארבייט אַ נייע ארבייטערין און געבעטען דער שוועסטער, זי זאָל קומען איהר אָנקוקען.

— אַלעמען געפעלט זי, נאָר מיר געפעלט זי ניט.

מיט זון־אונטערגאַנג און פארנאַכטיגקייט האָט זיך אין גאַס געשפּירט. זון און טאָג איז שוין מעהר אויף די דעכער געלעגען און אונטען האָט זיך נאַכט געשפּירט. נאָך קליינע קינדער זיי־נען שוין אויסערגעוועהנליך לאַנגע שאָטענס נאָכגעלאָפען, און אַ שאָטען פון אַ דורכפאָהרענדען רייטער האָט דערגרייכט ביז אַ צווייטען און אַ דריטען שטאָק...

פאַר אַ שוועסטער מיט אַ ברודער איז אומעטום, יעדער אָרט אַן אָרט אויף שפּאַצירען. האָבען זיי זיך געדרעהט פון איין ראָג צום צווייטען, אויף זייער גאַס, לעבען זייער טויער, הין און צוריק. און וויפיל מ׳שפּאַצירט, איז פאַר אַ ברודער מיט אַ שוועסטער

גענוג. אָפּגעשפּאַצירט אַ צוואַנציג מינוט, האָט מען זיך אָפּ־געשטעלט. די שוועסטער האָט איהם געבעטען אַריינגעהן.

— איך האָב שוין געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט״.

די שוועסטער איז שוין אין הויף געווען און ניט געהערט ווי דער ברודער געהט איהר נאָך. ביי דער טיר פאַרמאַכען, האָבען זיי זיך געטראָפען פּנים צו פּנים.

ער איז אויך דאָס צווייטע מאָל געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט. טאַטע־מאַמע און שוועסטער האָבען איהם אָפּגעגעבען כבוד. דער פאָטער האָט געדאַווענט מנחה, און ניט געזאָגט דעם זוהן, ער זאָל דאַוונען, און מיט דעם האָט זיך מאיר פרעמד געפיהלט. ־ווען יענער איז געשטאַנען שמונה עשרה, האָט מאיר עפּעס אַ פרעג געטאָן ביי דער מוטער און שוועסטער וועגען יאָסלען און געזאָגט, מ׳זאָל יענעם בעטען, אַז ער זאָל קומען אַלע שבת עסען.

אָפּגעדאַווענט מנחה, האָט דער אַלטער, וואָס האָט געהאַנ־דעלט מיט אַלטוואַרג, געוויזען מאיר׳ן אַ גוטען אַנצוג, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פאַר אַ שפּאָט־ביליגען פּרייז. מאיר האָט דעם אַנצוג באַטראַכט און געזעהען, אַז ער איז יאָסעל׳ס מאָס, האָט ער איהם געזאָגט, אַז ער זאָל דעם אַנצוג ניט פאַרקויפען.

צוליב׳ן גאַסט האָט מען פריה אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און מ׳האָט זיך אויסגעזעצט צו טיי און צו אָוונט־ברויט. דער אַלטער האָט געטרונקען טיי אָהן אַ היטעל, און מאיר׳ן האָט פאַר־דראָסען אויף דעם אַלטען׳ס הפקרות... ער האָט געזוכט היימ־ליכע געמיטליכקייט, און האָט עס איבער אַזעלכע קליינינקייטען ניט געפונען.

געגאַנגען צוריק מיט אַ שטימונג, ווי ער וואָלט עפּעס אויפ־געטאָן דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט מ׳זאָל פאַרבעטען יאָסלען אויף אַלע שבת, ער זאָל קומען עסען... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס אַ טריט צו אַ געוויסען ציל געמאַכט...

⁂

אין דער גרויסער שטאָדט איז אויפגעגאַנגען אַ לבנה, וואָס

נאָר אַז מ׳האָט געקוקט אויפ׳ן הימעל, האָט מען איהר געזעהן; אויף דער ערד איז איהר ליכט פארטרונקען געוואָרען צווישען דער ליכט פון גאַס־לאַמטערנעס, פון באַלויכטענע פענסטער, וויט־רינעס און עלעקטרישע טראַמווייען, וואָס האָבען געפיהרט אין זיך מענשען און ליכטיגקייט און געבליצט פון אויבען און געבליצט פון אונטען. און די מענשען, וואָס זיינען געזעסען אינווייניג, האָבען אויסגעזעהען ווי פארטראַכט, אָפּגעזונדערט, אָפּגעריסען פון גאַס אין לויפענדער פארגליווערונג... האַלבע מענשען, קעפּ און פּנים׳ער, באַגאָסען מיט בלענדענדער איבעריגער ליכט, מיט אינווייניגסטער שטילקייט, מיט רעש און גרילצען פון אונטען, אונטער דער פּאָדלאָגע און פיס...

ס׳איז שוין איבער׳ן רעש אַליין שווער געווען די לבנה צו באמערקען...

מאיר איז אַוועק מיט אַ וועג, וואו אַ גרויס ליידיג שטיק פּלאַץ איז געווען, אַ גרויס־שטעדטיג שטיק פּלאַץ, וואָס זעהט אויס ווי אַ פּלאַץ, און ניט ווי ערד. מיט בלאַנקענדיגע פענסטער פון גאַז־באַלייכטונג און עלעקטריק האָבען די פענסטער פון הויכע פינף־שטאָקיגע הייזער געשיינט און זייער ליכט האָט צום פּלאַץ ניט דערגרייכט. דאָ האָט מאיר די שיין פון דער לבנה באמערקט און אַרויפגעקוקט אויפ׳ן הימעל, האָט איהם די לבנה אַן פיל אידישקייט עראינערט... ער האָט זיך דערמאָנט אַ בילד פון קידוש לבנה אין אַ קליין שטעדטעל, ווי אידען שטעהען מיט ליכט און סדורים, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איהם האָט זיך פון וויי טען אַלעמאָל געדאכט, אַז אַרום די אידען מיט די ליכט איז פינסטערער געווען.

צוגעקומען צו דער טיר, איז ער ווי אַ פרעמדער לעבען אַ פארפרעמדעטער טיר שטעהן געבליבען... אַליין געהאַט ביי זיך דעם שליסעל און מיט אומעטיגען פארדרוס אויפ׳ן שלאָס געקוקט, וואָס האָט איהם אויך אויסגעזעהען פרעמד... אַן אייגענער שלאָס אויף אַן אייגענער טיר, געהאַט ביי זיך דעם שליסעל און ניט געקענט אריינגעהן.

ער איז אריין אין הויף, פארקוקט אין איין פענסטער, אין א צווייטען, יהודית'ן ניט געזעהן, נאר איהר פאטער און מוטער. דער פאטער איז געזעסען ביים טיש זומערדיג, אין ריינע אונטער־וועש, מיט א גרויסען ריינעם ארבע כנפות און אויפ'ן שפיץ קאפ איז איהם אהן וואג א זיידענע יארמולקע געלעגען. די מוטער איז געזעסען און די קראנקע פיס איהרע זיינען געלעגען אויף דער ווייכער סאמעטענער אטאמאנע. דאס אלטע ריינע פאר פאלק האבען צווישען זיך עפעס ניט אינטערעסאנטעס גערעדט, און נאך ווינציגער אינטערעסאנט פאר א זייטיגען אויער. אין שטוב האט זיך געשפירט א זומערדיגער, נאכטיגער שטוב־אומעט, ווען יונגוואוּרג צולויפט זיך און די אלטווארג בלייבט. דעם אומעט קאן נאר א בחור פיהלען, וואס קומט מיט הייסע פאר־לאנגען צו א מיידעל און טרעפט ניט איהר, נאר די עלטערן...

אין הויף איז געווען אזוי שטיל און רוהיג. ערגעץ פאר א טיר דא, פאר א טיר דארטען זיינען מאן און ווייב געזעסען, אהן אינטערעס צו זיצען און אהן אינטערעס צו געהן שלאפען...

מאיר האט דערהערט א לישטשעריי פון קערלאך, זייטיג זיך אומגעקוקט און פון ווייטענס דערקענט נחמקען. זי איז גע־שטאנען אומבאוועגליך און פון איהר האט זיך אפגעצויגען א געדיכטער שאטען.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר און פון איינזאמקייט זיך דער־פרייט מיט איהר. ער האט איהר געזאגט „גוטען אוונט", און זי האט פאר היימישקייט ניט געענטפערט. זי האט פלינק גע־לישטשעט די קערלאך, וואס האבען זיך געגעבען צו שפירען מיט זייער אנגענעם־שמעקעדיגען ריח און פון איהר אליין האט זיך געגעבען צו פיהלען עפעס א מין תאוה'דיג שווייגען, מיט ווייב־ליכען נאכטיגען רייץ... זי האט געקנאקט די קערלאך, געשפיגען און שווייגענדיג געקוקט אויף מאיר'ן.

—איהר זוכט יהודית'ן?

ער האט באמת ניט געוואוסט וועמען ער זוכט, און נחמקע האט, שווייגענדיג איהם אויסגעצויגען א פארמאכט פויסטעל מיט

קערלאַך, און מאיר האָט שווייגענדיג ניט גענומען. אַ הייס גע־פיהל האָט זיין בחור'שאַפט צום ווייבעל אַ נעם געטאָן. אַ געפיהל פון מענליכער ליידענשאַפט האָט דעם גאַנצען קערפּער זיינעם דורכגענומען. און זי איז זיך געשטאַנען אַזוי אינטים, שוויי־גענדיג און באַטראַכט מאיר'ן מיט ווייבערשער גענייטקייט, אַז ער איז שוין צו איהר ניט גלייכגילטיג און געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל איהר זאָגען דעם אמת: צו סאָניע'ן פיהלט ער גאָרניט?

און זי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג פון סאָניע'ס פיגור, דערביי געטראַכט פון נאָך זאַכען, וואָס אַ בחור קאָן אין אַזאַ מיידעל ווי סאָניע געפינען. און מאיר האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל מיט אַזאַ היץ פון יהודית'ן גערעדט.

זי האָט איהם פאַרבעטען אין שטוב אריין.

אַראָפּגעגאַנגען אונטען, האָט דאָס ווייבעל געזוכט שוועבעלאַך. מאיר האָט ביי זיך געהאַט און געשוויגען. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס ווייבעל האָט איהם מיט אַ מחשבה אַראָפּ־געפיהרט צו זיך...

ס'איז געווען זעהר פינסטער. ער האָט ניט געזעהן, וואו ער געפינט זיך, נאָר געוואוסט, אַז ער איז אין קיך, און געשפּירט האָט זיך דאָרטען אַ פאַרדעמפּט פוסטקייט. יענע פוסטקייט, וואָס שפּירט זיך אַלעמאָל אין די אָרימע קיכען, וואו עס ווערט ווייניג געקאָכט און ווייניג געלופטערט. נחמקע האָט זיך דאָרטען ערגעץ אַרומגעדרייט און האָט אַלץ שוועבעלאַך געזוכט. און געמיינט האָט ער, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל. עס האָט זעהר לאַנג געדויערט און, יע געפונען, ניט געפונען, צום זוכען וואָלט שוין געדאַרפט נעמען אַ סוף, און ער האָט שוין אויף צו להכעיס אַרויסגעכאַפּט די שוועבעלאַך פון קעשענע, אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיי און געזאָגט:

— נאַט אייך שוועבעלאַך!

אָנגעצונדען פייער, האָט ער איהר אין פנים פאַרקוקט. זי איז אריין מיט'ן לעמפּעל אין שלאָף־צימער און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען. דאָרטען, אין שלאָפצימער, האָט זיך געשפּירט אַן

אומעט פון קינדערלאָזיגקייט. זי האָט זיך פאַרנומען צו מאַכען צום שלאָפען. איין בעט און אַ צווייטע,ביידע בעטען פאַר צווייען אויסגעבעט... פאַר צוויי באַזונדער, פאַר צוויי צוזאַמען, ביידע בעטען, ביידע געלעגערס איינס לעבען דאָס אַנדער'ע... זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף איינער פון זיי און ווידער זיך פאַר־נומען קנאַקען די קערלאַך. מאיר האָט זי אָוועקגעזעצט לעבען איהר און זי האָט זיך גלייך איבערגעזעצט אויפ'ן צווייטען בעט.

ביידע האָבען געשוויגען... אַ לאַנגע פון ניט פאַרשטעהן איינס דאָס אַנדערע, אַ לאַנגע פון הערליכער אומהערליכקייט....

— געפעלט אייך סאָניע בעסער פון יהודית'ן? — האָט ער ביי איהר אַ פרעג געטאָן.

נחמקע האָט איהם פון איהר שטאַנדפונקט ערקלערט, אַז יהודית וועט ניט זיין קיין תוך'יגע ווייב, זי איז זעהר אַן איידעלע, אַז ער וועט איהר מוזען גלייך נאָך דער חתונה צונעמען אַ מענשען.

— און סאָניע?...

— יהודית וועט באַלד נאָך דער חתונה אָפּבליאַקעווען...

און נאָך וויי‌טער האָט שוין דאָס ווייבעל געזעהן:

— נאָכ'ן ערשטען קינד וועט זי צוקראַכען ווערען, — און צוגעגעבען: — איהר וועט דאָך סאָניען ניט נעמען.

צווישען דריי האָט זיין בלוט געקאָכט און אין דעם מאָמענט ניט געוואוסט, וועלכע פון זיי פאַרנעמט ביי איהם דעם צענטער... דאָס ווייבעל האָט גערעדט פון צוויי און וועגען דער דריטער, וועגען זיך, געשוויגען, און ווייל וועגען יענע צוויי איז ניט געווען קיין געדאַנק פון נאָהענטער מעגליכקייט, האָבען זיך זיינע גע־פיהלען קאָנצענטרירט צו איינער, צו דער, וואו ער האָט אַזאַ מעגליכקייט יע געזעהן. קאָנצענטרירט פון צוויי מיט פלאַם ליבע און האַס צו איינער פון זיי, אויף נחמקע'ן זיך געוואָרפען...

זי האָט איהם שטורמיג אָפּגעוואָרפען פון זיך, מיט שטורם פון בירגערליכער אָרענטליכקייט...

אונטער'ן סופית האָט זיך געהערט ווי די פאַדערשטע טיר

האָט זיך געעפענט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען דער מאַן איהרער.

— קרעט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און אַ לענגערע צײַט אויף ביידען געקוקט און נאָכדעם געזאָגט: — לאָמיר זיך געהן באָרען, מאיר!...

***

אין איינעם אַ צוועלף־זייגערדיגען פריהמאָרגען, ווען האָרע פּאַשנע מענשען האָבען שוין פיל ארבייט אָפּגעטאָן און שוין געקלערט וועגען אַ צווייטען מאָל עסען, איז אַרײַנגעקומען יהודית'עס ברודער מיט זיין פריהמאָרגענדיג פריש פּנים און איז גלייך צוגעגאַנגען צו סאָניע'ן און גלייך מיט איהר אַ שמועס פארפיהרט, אַ שמועס פון ווערטער וואָס דער „אינטעליגענטער" בחור האָט ניט געטראַכט ווי פון ארבעל געשאָטען. יעדער וואָרט מיט אַ זין און מיט אַ ציעל אַ צוועק צו דערגרייכען... מיט יונג בחור'שער דרייסטיגקייט און עזות פון אַן אינטעליגענטען לײַדיג־געהער, וואָס פיהלט זיך גוט מיט דעם וואָס ער טוט גאָרניט, און מאַכט דאָך אַ לעבען גאָרניט טוענדיג, האָט ער גערעדט צו איהר צווײַדייטיג, גאַנץ אויבערפלעכליך און ציניש, אָהן צערעמאָניעס געקוקט אויף איהר הויכען ביוסט, און אין די אויגען אריין איהר געקוקט, צו זעהט זי וואוהין ער קוקט, און פון ערשטען מאָל, ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג געקענט, האָט ער איהר געזאָגט:

— סאָניטשקאַ!

און געכאַפּט אַ פּאָר דאַמען־הויזען, צושפּרייט און גענומען פּרעסען אַ געוויס אָרט, מיט אַ הייסען פּרעס דאָס אָרט געריבען און געלאַכט...

ער האָט ניט געקענט די מלאכה און זיך גוט געפיהלט מיט דעם, וואָס ער קאָן זי ניט און סאָניע האָט געדולדעט און געשווייגען אַזוי לאַנג ביז ער האָט איהר עפּעס אַ זאָג געטאָן וועגען די שטיקעל ארבייט, וואָס ער האָט מיט'ן פּרעס געריבען. דאָס פּנים האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען און מיט פונקען אין די

אויגען איז זי צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט'ן פּרעס אין האַנט און אויסגעשריען:

— געהט!

דער ציניקער איז צוטומעלט געוואָרען און געלאַכט.

ער האָט שוין געזעהן, אז ס'האַלט שוין ערנסט און האָט אַלץ געלאַכט, געמיינט, אז דאָס לאַכען וועט איהם העלפען. און סאָניע איז אַ גליהענדיגע ביי דער טיר געשטאַנען אין אַ מאַיעס־טעטישער פּאָזע מיט אַ פארגליווערטער אויסגעצויגענער האַנט מיט אַ הייסען אייזען און אַ פּאַרריסענעם קאָפּ און אַ דריטען מאָל געזאָגט:

— געהט!

און לאַנג ניט געטראַכט, ווי אַן אויטאָמאַט, צוגעגאַנגען צום בחור און אויפגעהויבען דעם פּרעס איבער זיין קאָפּ.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט מאיר אַ באַגייסטערטער אויסגערופען.

נאכדעם ווי יענער האָט אָפּגעצויגען, האָט סאָניע פאָרגע־וואָרפען מאיר'ן, אז אייגענטליך איז ער, מאיר, שולדיג אין דעם, ער האָט איהם גלייך געדאַרפט משלח זיין. אָבער מאיר איז טויזענט מאָל מעהר שולדיג געווען, ווי סאָניע האָט עס געמיינט. זי האָט ניט אָנגעהויבען חושד צו זיין, אז דאָס האָט ער, מאיר אַליין, דעם בחור אונטערגעשיקט אהערצו...

— וואָס מיינט איהר בין איך עפּעס?

ער האָט פריהער ניט געוואוסט, און נאָך איהר הארטער פראגע ניט געוואוסט ווער זי איז, און ס'האָט איהם זעהר הנאה געטאָן, וואָס יענער האָט אזאַ מפּלה געהאַט.

— אויב ביי אייך דאָ וועט נאָך אמאָל אזעלכעם טרעפען, וועל איך מיר זוכען ערגעץ ארבייט.

דאָס איז ער שוין אַליין גערן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, אז דאָס זאָל קומען דורך זיין שולד.

— אויב איהר וועט מיר וואַרפען דעם גט פאר די פיס, האַלט איך דאָ חלילה קיינער ניט צו.

אום זיך ניט אַרויסצוגעבען, האָט ער איהר געמוזט אַזוי ענטפערען.

אוועקגעגאַנגען אַ פּאָר שעה, אַ שטיק טאָג מיט רוגז און מיט שטילשווייגען. מאיר האָט אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען אָן דעם אינצידענט. פון זיינע אויגען האָט ניט אָפּגעטראָטען דאָס בילד, ווי זי איז געשטאַנען מיט'ן פּרעס אין האַנט ביי דער טיר און ער האָט עפּעס אַ סך געהאַט איהר צו זאָגען וועגען דעם און נאָך עפּעס חוץ דעם, און קלאָר און בולט דערפיהלט וואו ס'האַלט שוין, האָט ער זיך אין מיטען העלען טאָג אויס־געפּוצט, איז אַוועקגעלאָפען צו יהודית'ן, זי אָפּגעריסען פון דער ארבייט, אוןביידע זיך אויפגעזעצט אויף אַ טראַמוויי, אַוועקגע־פאָהרען אין פּאַרק און אהין געקומען, האָט ער לייכט, אָהן אַ טראַכטעניש, אָהן שוועריגקייטען איהר געזאָגט, אַז ער איז פאַרליבט אין איהר.

אין פּאַרק איז געווען פיל בוימער, פיל גראָז ,פול זון און ווייניג מענשען. אַ דרימעלדיגער אומעט פון היץ און בוימער, פון גרינע בלעטער און שטראהלען געפלאָכטען צוזאַמען, צונויפגע־גאָסען אין איינעם ווי מאַן און ווייב חדשים נאָך דער חתונה, אין רוהיגער אָבער נאָך ניט אינגאַנצען געזעטיגטער תאוה... העלע שטראהלען, גרינע בלעטער, ערד געפּוצטע, גראָז געשוירענע, גרין און זאַפטיג, זאַט מיט וואסער, וואָס ווערט באַגאָרען דריי־פיר מאָל אין טאָג.

רוהיג געזאָגט, רוהיג אויסגעהערט, זיינען ביידע געזעסען אונטער אַ בוים אויף אַ באַנק... יהודית האָט שוין צו איהם גאָרניט געפיהלט נאָך זיין ליבעס־ערקלערונג און ער האָט פאַר־געסען אין'ם געזאָגטען און פון סאָניע'ן געטראַכט, בייז און אויפגערעגט, און איהר אויף אַ צו־להכעיס האָט ער שוין געוואָלט באַשטימטקייט און קלאָרקייט און אַזוי אַרום אויף שטענדיג זיך אָפּגרענעצען פון איהר, מיט אַ צווייטער פון יענער זיך פאַר־סטראַכירען... ער האָט געוואָלט אַרומנעמען יהודית'ען און זי

א קוש טאָן, אָבער אומגעריכט האָט זיך די לייכטזיניגע יהודית אָפּגערוקט פון איהם.

— װאַרט אוים!

זי איז געװען ערנסט און פאַרטראַכט און אַזױ װי מאיר האָט ניט געמאַכט דעם צװײטען פאַרזוך זי א קוש צו טאָן, איז זי צוריק דיזעלבע יהודית געװאָרען און מיט שמייכעל־געלעכטער, מיט לצ׳נישען גלאַנץ אין די אױגען געפרעגט ביי איהם װי לאַנג איז ער עס פאַרליבט אין איהר און װי שטאַרק ער האָט זי ליב. ער האָט געשװיגען. האָט עס דער מיידעל פאַרדראָסען און זי האָט װידער צו איהם אַן אינטערעס באַקומען...

זי האָט אַרױפגעװאָרפען דעם הוט זײנעם אױף איהר קאָפּ און קאָקעטירט מיט איהם, נאָכדעם האָט זי מיט׳ן עק פון שירם געשריבען אײנצעלנע בוכשטאַבען אויפ׳ן זאַמד און איהם גע־פייניגט ער זאָל טרעפען װאָס יעדע בוכשטאַב באַזונדער באַדײט...

זי האָט עס אַליין ניט געװאוסט, זי האָט איהם נאָר געװאָלט אינטריגירען, אַז ער זאָל מײנען אַז זי מיינט עפּעס. איז ער אויך געפאַלען אויף דערזעלבער המצאה און מיט זײן שטעקעל אויך געשריבען בוכשטאַבען אַז זי זאָל עפּעס מיינען. ביידע האָבען זיך גענאַרט, ניט געװאוסט נאָך װאָס און הנאה געהאַט דערפון, אָבער מאיר׳ן איז עס גלייך נמאס געװאָרען, ער האָט געקוקט אויף איהר שעהנעם אַריסטאָקראַטישען פּנים און ס׳האָט איהם געקרענקט פאַרװאָס ער האָט זי ניט ליב.

— פאַרװאָס האָב איך אײך ניט ליב, פאַרװאָס?

און איהר איבערגעגעבען דעם שטעקען:

— נאַט, שלאָגט מיך!

און יהודית האָט מיט אויסערליכען שפּאַס געשלאָגען, מיט׳ן גאַנצען כח געשלאָגען איבער די הענט און אַקסעל. געהאַלטען שטייף פאַרביסען די הינטערשטע ליפּ און געשלאָגען, און מאיר האָט מקבל באהבה געװען יעדען קלאַפּ, און יהודית האָט גאָר פּלוצים געמאַכט א תמ׳עװאטע מינע און ביי איהם א פרעג גע־טאָן, מיט װאָס ער קאָן איהר דערװײזען אַז ער האָט זי ליב...

מיט ניט פארשטעהן זי אָנגעקוקט און געטראַכט, וואָס איהר צו ענטפערען, א טראַכט געטאָן וועגען סאָניען און געזאָגט:

— איך האָב אייך ליב!...

זי האָט געוואוסט אז ער זאָגט ליגען, אָבער איהר איז ניחא געווען צו גלויבען אז ס׳איז אמת...

בייז און אויפגערעגט געווען אויף דעם נישטיגען בחור, צו וועמען זי האָט גאָרנישט געפיהלט... פארדרוס און אויפ־רעגונג האָט געגליהט אין איהרע שעהנע אויגען... זי איז אויף אַלעם גרייט געווען, אבי צו מאַכען דעם בחור פארליבט אין זיך... זי האָט איהם געהייסען אוועקזעצען זיך לעבען זיך, האָט זיך האַרט צוגערוקט צו איהם, אָנגעשטעלט די באַק איהרע, און ער האָט זי א קוש געטאָן. נאָכדעם האָט זי גענומען די האַנט זיינע און אריינגעלייגט צו זיך אין בוזעם אריין, און זי האָט איהם ווי א טייפעל געקוקט אין די אויגען אריין, מיט׳ן קוקען זיין טעמפעראַטור געמאָסטען. און ער האָט גערוקט די האַנט זיינע אַלץ טיפער, און זי האָט געלאָזט, און געטראַכט וועגען טיפע וואסער, וואָס שניידט דעם פּאַרק דורך... דערפיהלט, אז ער ציטערט שוין און גליהט, האָט זי געטאָן א שלעפּ אַרוים די האַנט זיינע, איהם געכאַפּט אונטער׳ן אָרעם און אוועק מיט איהם.

ער איז בלינד נאָכגעגאַנגען, אָהן אייגענעם ווילען, מיט האַרץ־נישטיגקייט און נשמה־פּוסטקייט. אַלץ איז ביי איהם אזוי גע־שווינד געפאַלען, און ער האָט זיך גאָר מיט דעם שולדיג געפיהלט אַנטקעגען איהר...

אין גרויסען, פיעל־בוימערדיגען פּאַרק זיינען אין צווייען געווען, צוויי מענשען מיט צוויי שאָטענס, וואָס האָבען זיך נאָכ־געשלעפּט ביי זייערע פיס. בוימער, בלומען און גראָז אויף צו קוקען און ניט אָנצוריהרען. פאַר זיך בוימער, פאַר זיך בלומען און זון מיט שטראַלען אויף זיי און צווישען זיי, און פויגלען האָבען געזונגען אויף בוימער און צווייגען געשפּרונגען, און גע־דאַכט האָט זיך, אז זון־היץ און זומער זינגט...

צוגעקומען צום בריק און וואסער, וואו עס האָבען זיך אָפּ־

געשפיגעלט בוימער מיט די קעפּ אראָפּ, האָט איהם דאָ יהודית ווי אָפּגעפרישט און ריינגעוואשען די נשמה, און קיהלע, וואסער־דיגע לופט האָט איהם ארומגענומען און געזאָגט:

— מאיר!

און ער איז געשטאנען רוהיג און קאַלט און איהר האָט געקרענקט וואָס זי האָט פריהער זיין האנט אין איהר בוזעם אריינגעלעגט... ווער עס וואָלט דאָס איצט געטאָן, וואָלט זי זיך דאָס פארברעכען געקענט מוחל זיין...

— ס'איז אמת, וואָס איהר האָט פריהער געזאָגט?...

ער האָט אראָפּגעקוקט אין וואסער, וואָס האָט קנעבעל און וואָרצלען פון בוימער געשווענקט. ער האָט געקוקט און געשוויגען.

— מיט וואָס קענט איהר עס באווייזען?

אליין זיכער געווען, אז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז ליגען, און געוואָלט, ער זאָל איהר באווייזען, אז עס איז אמת און ער האָט שוין גאָר אינגאנצען ניט געקלערט פון איהר.

זי האָט איהם דערלאנגט א פייערדיגען פלעם אין באַק אריין, איז אָפּגעגאנגען א פּאָר טריט מיט'ן רוקען און פלייצע צו איהם

⁂

ביידע זיינען ברוגז געוואָרען אויף קיינמאָל זיך ניט איבער־צובעטען. ער איז עטלאכע מאָל אין טאָג דורכגעגאנגען דעם הויף און האָט שוין ניט פארקוקט צו איהר אין פענסטער, און יהודית האָט זיך ערגעץ אריינגערוקט מיט דער מאשין טיף אין שטוב אריין און ס'האָט געפעלט דער קאָפּ איהרער ביים פענסטער.

ווי אין א שטוב, וואו ס'איז לאנג געשטאנען א חפץ א שעהנער, נאָר וואָס האָט זיך ניט צונויפגעגאָסען מיט אלע אנ־דערע זאכען אין שטוב און איז געווען איבעריג, און פונקט אזוי ווי דאָרטען, וואו מ'האָט דעם חפץ צוגענומען, האָט זיך ניט געשפּירט, אז עס פעהלט עפּעס, אזוי האָט מאיר ניט געפיהלט, אז יהודית, וואָס האָט א לאנגע צייט ביי איהם אָן אָרט פאר־נומען, אז יהודית פעהלט איהם.

מיט תאווה'דיגען שטורם זיך אין סאָניען פארליבט, מיט

פייער און פלאַם איז די ליבע געקומען, אַ באַפליגעלטע פון מעג־ליכער אוממעגליכקייט...

צווישען צוויי קלאַמערס זיך געפונען: וועגען אַן עהרליכען תכלית מיט איהר ניט געקענט טראַכטען, ווייל ער האָט געטראַכט וועגען עפּעס אַנדערש, אָהן עהרליכקייט און אָהן תכלית... און דאָס לעצטע, האָט ער אָבער אַרויסגעזעהען, וועט ער קיינמאָל ניט דערגרייכען, אַ דאַנק דעם, וואָס ער קאָן ניט טראַכטען וועגען אַזעלכע מיט אַ תכלית, ער קאָן ניט, ווייל... צוריק דאָס אייגענע, ווייל ער האָט עפּעס געשפּירט אַן אַנדער מעגליכקייט, און דאָס אַליין האָט פון איהם מיט שרעק און שווידער אָפּגעטריבען יעדען געדאַנק צו פאַרבינדען זיך מיט איהר אויף'ן געזעצליכען אופן... ער האָט אָבער איינצייטיג מיט דער מעגליכקייט אוממעגליכקייט געזעהן... ער האָט געשפּירט פאַר זיך אַ טיר, אָבער אַ פאַר־שלאָסענע, אַ פאַרזיגעלטע...

ווי אַ פויגעלע, וואָס פאַלט אַריין אין אַ שטוב און קלאַפּט זיך מיט'ן קעפּעל אָן די שויבען און קאָן ניט אַרויס, אַזוי האָט מאיר אַריינגעפּאַקט זיך אין אַ נעץ פון געפיהלען און ניט געקענט אַרויסקריכען... באַגרענעצטע פרייהייט, ווי דאָס פויגעלע געהאַט, ניט ווייטער צו פליהען און אַ געפאַהר פון האַלז און נאַקען צוברעכען...

און אפשר... פון וואַנען האָט ער עס גענומען?... אפשר איז זי גאָר אַן אָרענטליך מיידעל?...

עטלאַכע פאַרנאַכטען געווען פאַרנומען מיט בלאָנדזשען אי־בער די גאַסען, מיט אַרומקריכען פון איין וועשעריי אין דער צווייטער, מיט פּאַרזיכטיג זיך נאָכפרעגען ביי באַקאַנטע און פרעמדע וועגען סאָניע'ן, און איינמאָל אפילו זי אַליין נאָכגע־שפּירט, ווען זי איז פון דער אַרבייט געגאַנגען. אויפ'ן טראָטואַר, ווייט פון הינטען, זי נאָכגעגאַנגען און אויפ'ן אויג געהאַלטען אַזוי לאַנג ביז איהר געהן האָט זיך געענדיגט און זי איז אַריין אין אַ הויף. מאיר איז נאָך געשטאַנען און באַטראַכט דעם הויף און די מענשען, וואָס זיינען אַריין און אַרויס פון דעם הויף.

און זי, סאָניע, האָט אָפּגעאַרבייט עטלאַכע וואָכען און איז אַלץ אַ נייע און אַ פּרעמדע געבליבען, און מאיר האָט פון איהר גאָרנישט געוואוסט, נאָר פון אַ זייט האָט זיך איהם עפּעס איינגעגעבען צו דערוויסען זיך, אַז זי האָט אַמאָל אין שפּיטאָל ביי דערזעלבער ארבייט געאַרבייט, און איהם איז איינגעפאַלען אַ גערדאַנק: דאָקטוירים!...

עפּעס האָט ער אַמאָל געקענט איינע אַזעלכע, וואָס איז פון אַ דאָקטאָר „געפאַלען" און האָט זיך אַזוי געהאַלטען ווי סאָניע...

זי האָט געהיט די צייט פון קומען און אַוועקגעהן. און איינמאָל, ווען זי האָט געלאָזט אַ שטיקעל ארבייט ניט געענדיגט, האָט עס מאיר'ן פאַרדראָסען און ער האָט געזאָגט צו איהר:

— ס'וועט אייך גאָרניט שאַדען, ווען איהר וועט עס ענדיגען...

און זי האָט איהם עפּעס וועגען דעם געזאָגט און דערציילט פון אַ ציבעלע, וואָס מ'טאָר ניט לאָזען נעכטיגען אָהן אַ קאָפּ..

מאיר האָט ניט פאַרשטאַנען צו וואָס זי האָט דעם ביישפּיל געבראַכט און האָט אויטאָמאַטיש איבערגעקייט די ווערטער:

— —אַ ציבעלע אָהן אַ קאָפּ?...

און הילפלאָז געקוקט אויף יאָסלען, אָבער דעם לעצטען האָט סאָניע שוין גאָרניט אינטערעסירט. ער איז שוין געשטאַנען ערב אַ שידוך טאָן מיט מאיר'ס שוועסטער...

זי איז אַריינגעגאַנגען אין דער הייסער קיך זיך איבערטאָן, און מאיר האָט אַלץ געטראַכט וועגען דער ציבעלע, וואָס מ'טאָר איהר ניט לאָזען נעכטיגען אָהן אַ קאָפּ...

זי איז אַרויסגעקומען אַ פאַרפלאַמטע, אַן אויסגעפּוצטע, אויסגעפאָרמירט קערפּער און ביוסט, און געדאַכט האָט זיך, אַז די לופט איז אַרום איהר הייסער געוואָרען. זי איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און זיך געפּוצט אין שפּיגעל-גלאַנץ פון אַ שויב; אַוועקגעשטעלט אין מאָס, ווי ס'באַדאַרף שטעהן, דעם הוט אויפ'ן קאָפּ און אַרומגעווישט אין איינינגע ערטער די פּודרע פון'ם פּנים. מאיר האָט געזעהן פאַר זיך אַ פרוי, אַ פרוי פון קאָפּ ביז די פיס, פאַרדעקט מיט קליידער, אַ גיהנום פון פאַרלאַנגען. אַ נאָגענדער,

ליידענשאַפטליכער ·ווייטאָג האָט זיך צונױפֿגעאָסען איבער אַלע זיינע מענליכע גלידער... ער האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אומזיניגער תאוה און גרייטקייט זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף דער פרוי און אַ געוואַלד־טאַט באַגעהן.

מיט פולען באַוואוסטזיין פון איהר צוציהענדער קראַפט און מיט גלייכגילטיגקייט צו דעם, געזאָגט אַ „גוטע נאַכט" און איז זיך רוהיג און באַשיידען, ווי אַ דאַמע, וואָס איז עהרליך פון ווייבליכער זאַטקייט, אַוועקגעגאַנגען...

אין גרויסען זומער־אָווענט, אין אַ ים פון זון און ליכט מיט אילוזיעס געשוואומען. ווי אַ גרויסער בעל תאוה, וואָס שווימט אין וואַסער מיט אַ נאַקעטער פרוי אויף די אַקסעל און דאָס וואַסער שטילט נים זיינע ליידענשאַפטען, אַזוי האָט איהם די טאָג־ליכטיגקייט נים געקענט באַרוהיגען...

פאַרנאַכט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען צום ·ווייבעל אין קעלער אריין. דאָרטען איז שוין געווען פינסטער, אָבער דאָס ווייבעל האָט ער מיט'ן חוש דערשפּירט. ער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף איהר... ס'האָבען געקנאַקט די ביינער איהרע, ווי די ביינער פון אַ קרבן אונטער די פעסטע לאַפּעס פון אַ הונגעריגען טיגער... זי האָט געשריען און ער האָט איהר מיט זיין מויל איהר מויל פאַרמאַכט... ער האָט איהרע ציין מיט זיינע געביסען און אויף איהרע יאַסלעס און ליפּען האָבען זיך בלוט־פלעקען געוויזען... — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי האָט געזאָגט צו איהם:

— דו זאָלסט וויסען: אויב ס'וועט זיין אַ קינד וועט עס זיין פון דיר.

ער האָט חרטה געהאַט, און דאָס ווייבעל, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוועהרט, זי — דוקא ניט... ער איז געשטאַנען ווי אַ האָן לעבען דער הון נאָך תשמיש און ווי דער האָן ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם איז אַזעלכעס פאָרגעקומען...

די פינסטערניש איז שוין פאַר ביידען איבעריג געווען, אָבער

נאָך איבעריגער פאר זיי ליכטיגקייט... מיט זינד געבונדען און אין געדריקטער שטימונג פון נאָך זינד ניט געקענט זיך צורייסען... דעם מאַנסביל האָט געמאַטערט דאָס געוויסען און דאָס אָרענט־ליכע ווייבעל איז ערשט נאָך אַלעמען ציניִשער געוואָרען... זי האָט איהם גאַנץ געמיטליך אָנגערופען ביים נאָמען:

— מאיר!

און געהייסען אוועקגעהן.

ווייל זי איז געניט געווען אין מאַנסבילשען כאַראַקטער... דערצו נאָך האָט זי מורא געהאַט דער מאַן זאָל זיך אַ ליאַדע מינוט ניט אריינכאַפּען.

— גט זיך מיט אייער מאַן... — האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן ניט באַטראַכט און ניט דורכגעפיהלט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט.

— דאָס ניט! — האָט דאָס ווייבעל געענטפערט, און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבען: — אויב איך וועל האָבען אַ קינד, וועל איך קענען זיין גליקליך מיט מיין מאַן...

זי האָט איהם ווידער געהייסען געהן און ער איז געשטאַנען... געוואַלט דערמיט אונטערשטרייכען אָרענטליכקייט און צוגעבונ־דענקייט, און זי האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרים און צוגע־פיהרט צו דער טיר און דאָרטען מיט'ן מאַן זיך געטראָפען.

— קומט צוריק מיינע טייבעלאך! — האָט ער געזאָגט.

אוןביידע פעסט אָנגענומען ביי די הענט און זיי אריינגע־שלעפט אין שטוב, אָנגעצונדען דאָס לעמפּעל, איז איינעם אריינ־געקראָכען מיט פייער און לעמפּעל אין פּנים אריין, נאכהער אַ צווייטען און געזאָגט:

— רעספּעקט!...

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן זייט און עלענבויגען אין טיש און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אויף ביידען געקוקט. זיי זיינען געשטאַנען איינס נעבען דאָס אַנדערע אזוי ווי ער האָט זיי אוועקגעשטעלט. זיי זיינען געשטאַנען אין אַנגעלאָדענער

שווערקייט פון קערפּער און זינד... אויף אַלעם געקוקט און גאַרניט געזעהן.

ענדליך האָט זיך מאיר געלאָזט אוועקגעהן, אָבער נחמקע'ס מאַן האָט איהם גלייך דעם וועג פאַרצאַמט, צוגערופען דער ווייב און געזאָגט:

— שפּיי איהם אָן פופציג מאָל אין פּנים אַריין.

טרוקען איינמאָל און אַ צווייטען מאָל אַ שפּיי געטאָן. דער מאַן האָט זי געטאָן אַ שטויס אָפּ, אָנגעכאַפּט מאיר'ן פעסט ביי די אַקסלען, האָט ער איהם פאַרפּלייצט דאָס פּנים מיט שפּייעכץ, נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו איהם:

— מאָרגען קריגט זי ביי מיר אַ גט און איבערמאָרגען שטעלסטו מיט איהר אַ חופה, אַניט וועל איך דיר דיינע קישקעס אַרויסלאָזען.

מאיר איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס פּעמפּעקעוואַטע סטאָליערל וועט האַלטען וואָרט.

און וואָס טוט מען דערצו?...

**

ארום צעהן אזייגער אין דער פריה האָבען זיך פאַר טיר און פענסטער באַוויזען דער סטאָליער מיט דער סטאָליערקע,ביידע חול-המועד'יג אויסגעפּוצט. דער סטאָליער האָט געוואָרפען אַ קוק צו מאיר'ן אין פענסטער אַריין און צוגערופען אַ איזוואָשטשיק, האָבען זיך ביידע אויפגעזעצט און אוועקגעפאָהרען...

מאיר האָט אַרויסגערופען יאָסלען אין הויף און איהם דער-ציילט די גאַנצע געשיכטע.

— איך מוז אָפּציהען!...

געפרעגט צי יאָסעל דענקט אַ חתן צו ווערען פאַר דער שוועסטער. און באַקומען אַ באַפרידיגענדיגען ענטפער, האָט ער אויף יאָסעל'ס הענט איבערגעעבען די וועשעריי.

— זאָל זיין אין אַ מזל'דיגע שעה! — און מאיר האָט זיך צוכליפּעט...

# פ י ר.

די אַלטע איז געזעסען ביים ווייס־געדעקטען טיש מיט פאַר־לייגטע הענט אויף דער ברוסט און פון צייט צו צייט מיט שלעכטסקייט און פאַרביטערקייט אַ קוק געוואָרפען צום הענג־לאָמפּ צום פייער, וואָס ברענט צו שטאַרק, צו ליכטיג, און פון צייט צו צייט זיך אויפגעהויבען און אריינגעדרעהט, און ווען עס האָט זיך פון הויף, דורך די אָפענע פענסטער, טויבע טריט דער־הערט, מיינענדיג, אז דאָס געהט ער שוין, דער שכן, מאַסיו ראַבינאָוויטש, וועמען זי ערוואַרטעט מיט אַזאַ אומגעדולד... זי האָט זיך גערעכנט, אז ער זאָל לכבוד דעם יום טוב קומען נאָך פריהער מיט אַ שעה און צום סוף איז שוין אריבער אַ פערטעל שעה שפּעטער פון דער צייט, וואָס ער קומט אַלע מאָל, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ.

ביים טיש, ביי דער קאָמאָד און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך באַוועגט מיט אַ קינדעריש לעבען און יוגענד איהר טעכ־טערעל, שרה'לע. דאָס איז זי דער יום־טוב אין שטוב און פאַר איהר ווערט עס דער יום־טוב געפייערט. איהר ווערט צעהן יאָהר. זי דריקט אויס איהר אונגעדולד אין ארומשפּרינגען פון איין אָרט אויף'ן אַנדערען, מיט קוקען אין שפּיגעל און פון צייט צו צייט פאַלט עס צו מיט'ן שטערנדעל צו אַ קאַלטער שויב, און קוקט ארויס אין הויף, צי ער געהט שוין דאָרטען אַמאָל, דער מאַסיו ראַבינאָוויטש. ער איז דאָך איהרער, אין גאַנצען איהרער, אָט דער מאַסיו ראַבינאָוויטש. זי האָט איהם אָנגעזאָגט, וואָס ער זאָל איהר ברענגען צו איהר געבורטסטאָג. וויל זי שוין זעהן, האָט זי קיין געדולד ניט, צי וועט ער ברענגען דאָס, וואָס זי האָט איהם אָנ־געזאָגט, צי ניט.

פאַר דער צייט פון וואַרטעניש ביז זיין קומען האָט זי עט־ליכע מאָל זיך צושאָקעלט אנטקעגען דער מוטער, געפּאַטשט איין הענטעל אָן צווייטען און געזאָגט:

— טאַמער ברענגט ער מיר ניט קיין בראַנזלעטעל, מאַמע, ווּעסטו זעהן, מאַמע, איך וועל קיינמאָל ניט זיצען שוין ביי איהם אויף די הענט און וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט געהן מיט איהם צו איהם אין בעט אריין שלאָפען.

זייטיג, באַזונדער, ווי אַ פרעמדער מענש אין שטוב, איז ביים פענסטער געשטאַנען, האַלב־שטוביג און האַלב אין־דרויסענדיג אָהן אַן אָרט דאָ און אָהן אַן אָרט דאָרטען, בלומע, אַ צווייטע טאָכטער דער אַלטער'ס — אַ טאָכטער אַ גרושה, וואָס וואוינט מיט דער אַלטער דערפאַר, וואָס זי האָט ניט מיט וועמען אַנדערש צו וואוי־נען. זי איז צעהן יאָהר געווען פאַר זיך באַלעבאָסטע, און אויפ'ן עלפטען יאָהר איז זי אָפּגע'גט געוואָרען פונ'ם מאַן דערפאַר, וואָס זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט. און באין ברירה, האָט זי זיך צוזאַמענגעצויגען און זיך איינעם באַזעצט מיט דער מוטער און מיט דער שוועסטערעל, וואָס איז נאָך דאַמאָלסט, ווען בלומע האָט חתונה געהאַט, אויף דער וועלט ניט געווען.

בלומע האָט קריטיש געקוקט אויף דעם גאַנצען יום־טוב. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס מיינט נאָר אויסצומאַנטען ביים אַלטען נאַרישען בחור עפּעס אַ גוטע מתנה פאַר דער קליינער און פאַר דער אַלטער אַ פרעס און אַ נאַש צו טאָן. און הערענדיג ווי די קליינע רעדט מיט אַזאַ ערנסט, אַז זי וועט ניט געהן שלאָפען מיט איהם, טאַמער ברענגט ער איהר ניט דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט פון איהם, האָט זי זיך צושמייכעלט און אַליין זיך געפיהלט עפּעס אַזוי מאָדנע... יאַ, ס'איז קינדישקייט, און דאָך פאַר איהר, פאַר דער גרויסער, עפּעס אַ ביסעל פריקרע. אַ מאַן איז דאָ אין שטוב, וואָס צאָהלט (אמת, מיט נאַרישקייט) פאַר דער צערטליכקייט פון דער צעהן־יעהריגער מיידעלע, דערפאַר וואָס זי זיצט ביי איהם אויפ'ן שויס און דערפאַר וואָס זי שלאָפט מיט איהם... ס'איז גאָרנישט, און דאָך שאַפט עס עפּעס אַ ניט באַקוועמליך פיהלען זיך... וואָס

עס זאָל ניט זיין, אָבער די קליינע שפּילט דאָך פּאָרט דאָ די ערשטע פידעל אין שטוב.

— מאָסיו ראַבינאָוויטש וועט שוין היינט ניט קומען, — האָט זיך דער עלטערער שוועסטער פאַרגלוסט זיך אַ רייץ צו טאָן מיט דער קליינער שוועסטערל, און איינצייטיג אויך געמיינט צו טרעפען דער אַלטער, ביי וועלכער עס איז שוין פּשוט געגאַנגען די סמאַהע פון מויל פון וואַרטעניש און פון ארויסקוקעניש אויף די גוטע זאַכען, וואָס יענער האָט באַדאַרפט ברענגען.

— האָסט שוין מעהר גאָר ניט וואָס צו טאָן, האַ, נאָר זיך רייצען מיט'ן קינד? — האָט די אַלטע מיט גרויס פאַרדרוס געזאָגט.

— דרעה אוים דעם לאָמפּ, אָט געהט ער! — האָט די טאָכ־טער געזאָגט סאַרקאַסטיש און זיך דערמאָנט ווי די אַלטע אַליין רעדט איהר אַלע מאָל אָן, דער קליינער, זי זאָל פאָדערען ביי מאָסיו ראַבינאָוויטש'ן שכר דערפאַר וואָס זי געהט צו איהם שלאָפען.

— כ'וויים ניט, ווער עס שטעהט די גאַנצע צייט ביים פענס־טער און קוקט אויף איהם ארוים, — האָט די אַלטע אויפ'ן אָרט זיך אָפּגערעכענט מיט דער טאָכטער.

בלומע האָט זיך געפונען שטאַרק באַליידיגט:

— איך? איך קוק אויף איהם ארוים? ווי אזוי קענסטו מיר דאָס זאָגען? איך האָב שוין איינמאָל עפּעס פאַרזוכט פון דעם, וואָס ער ברענגט אייך? טפוי!

— נו, און היינט וועסטו אויכעט ניט פאַרזוכען? — האָט די קליינע שטאָלץ געפרעגט און זיך אַ ווערפעלע געטאָן קאָקעטיש און בייז.

בלומע האָט געפיהלט, אַז עס שטיקט איהר עפּעס צווישען ביידען, צווישען אָט דעם פּאָרעל. מאָמענטענווייז האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז עפּעס אַן אַלט, גאָר אַלט גרויס קינד, עלטער פון דער אַלטער און קינדערשער פון דער צעהן־יעהריגער שוועס־טערל... עפּעס האָבען זיי זיך, זי מיט דער קליינער, געביטען מיט די ראָלען און ס'האָט זיך פאַרבייגעטראַכט, ווי דאָס שרה'לע,

ווען זי, בלומע, איז אוועק חתונה האָבען, איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, און איצט... עפּעס אזוי מאָדנע... זי האָט געזאָגט צו דער אַלטער:

— וויפיל נעכט וועט זי דאָס פאר היינט באדארפען שלאָפען מיט איהם, הא?...

פאר דער אַלטער איז דאָס ניט געווען קלאָר:

— וואָס?

אָבער פאר בלומע'ן איז דאָס, פון איהר געזאָגטע, פונקט אזוי אונקלאָר געווען ווי פאר דער מוטער און זי האָט זיך ווידער דערפיהלט אין דער זעלבער לאַגע, אַז זי איז אַלט און קינדעריש און נאריש...

— דאָס איז דאָך דיין זאַך פון אַלע יאָהרען, אַז ווען עפּעס אַ יום־טוב, דארפסטו איהם פארשטערען.

בלומע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זשוק, וואָס די אַלטע האָט אָנגעטשעפּעט אויף דער ברוסט, און דאָס אַליין האָט איהר שוין איבערצייגט, אַז ביי דער מאַמען איז יום־טוב... פון יאָהרען און יאָהרען, אזוי לאַנג ווי זי לעבט, געדענקט זי אָט די זשוק־שפּילקע מיט די זילבערנע פיסלאך, וואָס האָט זיך אַלע מאָל באַוויזען אויף דער מוטער'ס ברוסט, ווען עס איז געווען יום־טוב. זי האָט איהם, אָט דעם זשוק, עטליכע יאָהר ניט געזעהן, נאָכ'ן פאָטער'ס טויט. איצט האָט ער זיך ווידער באוויזען. הייסט עס, אַז עס קען שוין ביי איהר ווידער זיין יום־טוב; אַז עס האָט זיך שוין אומגעקערט צוריק דאָס פריהערדיגע... אַז עס האָט זיך גאָרניט געענדערט...

— אוי, זעה נאָר, כ'האָב גאָר ניט געזעהן: האָסט זיך אָנגעטאָן דעם זשוק, האָסטו זיך אָנגעטאָן?

— נו, איז וואָס? — האָט די אַלטע געפרעגט, און געזאָגט צו דער קליינער:

— שרה'לע, גיב איהר אַ פּייג!

די קליינע האָט געפאָלגט, און גלייך אָפּגעשטעקט דער גרויסער שוועסטער אַ דאַר־פינגערדיג בלאַס פייגעלע. זי האָט עס

זעהר גערן געטאָן, די קליינע, ווייל זי האָט געשפּירט און באמערקט, אַז די שוועסטער פאַרהאַלט זיך ניט פריינדליך צו איהר און צו איהר יום־טוב. און אַ דאַנק דעם, האָט זי געהאַט אַ שלעכט האַרץ אויף דער שוועסטער און האָט זי אויסגעמידען, זיך פאַרהאַלטען צו איהר מיט אַ געוויסער האַרטקייט און פאַרגעסענקייט און מיט יענער זעלבסטווירדע און עגאָאיזם, וואָס קינדער זיינען אַזוי פעהיג צו באווייזען, ווען ווער פון זיי ווערט די הויפּט־פיגור אין שטוב, און צוליב וועמען פון זיי עס ווערט אַ יום־טוב געמאַכט.

בלומע האָט אָנגעכאַפּט אָט דאָס פיינגען הענטעל, עס איינגעקוועטשט אין איין האַנט און מיט דער צווייטער אריינגעוואָרפען פיינע עטליכע פעטשלאַך. די קליינע האָט געשפּרונגען און גע־טאַנצט און זיך געבריקעט ווי אַ יונג ציגעל. בלומע האָט זי גע־טאָן אַ שטויס אָפּ פון זיך און די קליינע האָט זיך צוואַויינט.

— דו ביזט גאָר משוגע היינטיגען אָוועגד, דו הערסט? געה אין משוגעים־הויז, געה! האָסטו געזעהן אַזעלכעס! האָט זיך צוגעטשעפּעט צום קינד, ווי אַ סליאַטאַ. זי האָט איינגענומען דער קליינער, זי געגלעט און געקושט: — געה ניט צו איהר, קריך ניט צו איהר, שטעה ניט אין איהרע ד׳ אמות. זעהסט דאָך שוין, אַז ס׳איז איהר היינט אריין אַ מאַרקאַל אין קאָפּ אריין.

די קליינע איז אַנטשוויגען געוואָרען און געקוקט אויף דער שוועסטער מיט בייזע, פאַרוויינטע, גלאַנציגע אויגען, האָט גע־וואָרטשעט פאַר זיך און זיך געבלאָזען און צום סוף פייערליך גע־זאָגט:

— מיר וועלען איהר גאָרניט געבען וואָס מאַסיו ראַבינאָ־וויטש וועט ברענגען. איאָ, מאַמע, גאָר ניט? און זיך פאַר־נומען רייצען מיט דער שוועסטער:

— אָט ס׳טו זעהן, אַז ער וועט מיר ברענגען אַ בראָנזלעטעל, ס׳טו זעהן!

— ער וועט שוין גאָר היינט ניט קומען! — האָט בלומע פון איהר זייט זיך געוואָלט רייצען מיט דער קליינער... — ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז טאָמער וועט זיין אַ שלעכטע פּאָגאָדע

וועט ער ניט קומען און וועט נעכטיגען ביי זיין ברודער, — און איז צוגעלאָפען און געטאָן אַ דרעה איין דעם לאָמפּ.

— אַן עבירה קעראָסין, ער וועט שוין במילא ניט קומען!...

שרה'לע האָט געטאָן אַ טאַנץ ארויף אויף אַ בענקעל און געטאָן אַ דרעה ארויס דאָס פלעמעל, אַז עס האָבען זיך געגעבען אַ ציה ארויס אריבער'ן גלעזעל פייערדיגע ריטער, פון וואָס דאָס גלעזעל איז גלייך אין עטליכע ערטער פאַררויכערט געוואָרען. די אַלטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן און איינגעדרעהט דאָס פייער, אראָפּגעכאַפּט און בייז אראָפּגעשטעלט דער קליינער אויף דער ערד אראָפּ:

— געה מיר אויכעט צו אַל די גוטע יאָהר! אָנגעמאַכט אַ חתונה! ווער האָט דיך געבעטען, ווער? און אַלץ זי (אויף בלומען), אַלץ איבער איהר!

און נאָך אַלעמען האָט בלומע אַליין ניט געוואוסט וואָס זי וויל. זי האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון וואָס זי האָט צו דער מוטער און צום קליינעם שוועסטערעל. איין זאַך איז איהר קלאָר געווען, אַז זי איז באַליידיגט פון דער נאַטור און פונ'ם מאַן, וואָס האָט זי אָפּגענ'גט, און אַ דאַנק אָט דעם יום־טוב, וואָס דאָס פאָרעל האָט געמאַכט, האָט זי שאַרפער, בולט'ער דאָס וועהטאָג פון דער באַליידיגונג פאַרשפּירט. זי האָט ניט געקוקט אויף דער אַלטער ווי אויף איהר מוטער, נאָר ווי אויף אַ פרוי — אַ פרוי, וואָס האָט אַ קינד (אַז זי אַליין איז אויך איהר'ס אַ קינד, האָט זי אין די מינוטען פארגעסען). און מיט דעם פיהלט זיך בלומע עפּעס גאָר אנדערש ווי אַ טאָכטער אנטקעגען אַ מאַמע קען זיך פיהלען... זי, בלומע, וואָלט האָך שוין אויך געקענט האָבען (ווען זי וואָלט געקענט) אַזאַ טעכטערעל ווי די מאַמע. און אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט עס ניט, פיהלט זי, אַז די מוטער פאַרהאַלט זיך צו איהר ניט ווי אַ מוטער דאַרף זיך פאַרהאַלטען צו אַ טאָכטער. ס'איז עפּעס ניט אַזוי... און דאָס פאַרדריסט איהר. עפּעס אַזוי ווי יענע וואָלט זיך געהאַלטען גרעסער פון איהר און זיך געפיהלט בעסער... דאָס האָט איהר פיל מאָל איבערצייגט ווי די אַלטע

האַלט זיך חוצפה'דיג אַנטקעגען שכן און אַהן חרפּה און בושה געניסט זי פאַר איהם אין די אויגען פון אַלעם דעם, וואָס ער ברענגט פאַר דער קליינער. אָבער ווען זי, בלומע, וואָלט אַ קינד געהאַט, וואָלט שוין די מאַמע איהרע ניט געהאַט אַזאַ צוטריט צו ראַבינאָוויטש'ען... דעמאָלט וואָלט זי געהאַט דעם צוטריט... כאָטש זי דאַרף איהם ניט, זי האַסט איהם, אַט דעם נאַרישען, אַלטען, פעטען בחור... און טאַקע, וואָס איז דאָס מיט איהם? צי איז ער אַזאַ נאַר, וואָס ער לאָזט זיך דרעהען פון דעם פּאַרעל אַ מוח, צי גלאַט אַ מענש אָהן אַ כאַראַקטער?... דער שוואַרץ יאָהר וויים איהם!... אַט דאָס איז אין גאַנצען וואָס איהר פאַרדריסט אויף איהם... לאָזט זיך דרעהען אַ מוח פון אַן אַלטער אידענע און פון אַ קינד... פּאַסיגער און גלייכער וואָלט דאָך געווען פאַר איהם זיך צו לאָזען פון איהר דרעהען אַ מוח... כאָטש זי וויל עס ניט, זי איז דאָך ניט אַזאַ זלידנע ווי די מאַמע און דאָס שוועסטערעל... טאָ וואָס באַדאַרף זי איהם, אויף וואָס? זי באַדאַרף איהם טאַקע ניט, נאָר איהר וואָלט אַנגענעהמער געווען, ווען ער זאָל ארויס־קוקען פאַרדרעהט צו זיין פון איהר איידער פון זיי... פון דער קליינער, וואָס איז אַ קליינע, אַ קינד, און פון דער אַלטער וואָס איז אַן אַלטע... ווען זי, בלומע, וואָלט אַ קינד געהאַט, וואָלט דאָך שוין די אַלטע אַ באָבע געווען...

בלומע האָט מיט פאַרגעניגען געקוקט אויף דעם פאַרדרייבער־טען גלעזעל. זי האָט אין דעם געזעהן עפּעס אַ שטערונג, עפּעס אַ פלעק אויף יום־טוב.

— נעם שוין, געה שוין טרינקען טיי, — האָט בלומע גע־זאָגט צו דער אַלטער. — נעם טרינק, וועסט זיך שוין היינט אויף קיין ביסקוויט ניט דערוואַרטען...

די אַלטע האָט אַ בייזען קוק געוואָרפען אויפ'ן סאַמאָוואַר, וואָס זי האָט שוין צוויי מאָל פאַר דער צייט דערגאָסען און צוויי מאָל אונטערגעוואָרפען קויהלען, און איצט האָט מען געדאַרפט אַ דריטען מאָל דאָס טאָן. ער איז שוין געשטאַנען אין אָפּגעקיהל־טער שטילקייט, דער סאַמאָוואַר. פון צייט צייט אַראָפּגעלאָזט אַ

פונק און ערגעץ־וואו פון אויבען געצויגען אַן איינטאָניג זמר׳ל, ווי ער וואָלט זיך באקלאָגט אויף ווינציג פייער, און וואָס ער קען נעבאך ניט אָנהאלטען זיין היציגע און קאָכעדיגע נשמה. און אויפ׳ן יום־טוב׳דיגען טיש האָט זיך געשפּירט אַן אומעט פון ליידיגקייט, פון בלויזער ריינקייט, פון די גלאַנציגע גלעזער, וואָס זיינען געשטאַנען גרייט אויפ׳ן טיש און געוואַרט מיט לעפּעלאך אינוועניג, אָנגעפּילט צו ווערען. און דאָס ווייסע טישטוך, ערשט פון וועש ארויס, איז געלעגען אין אייגענער ווייסקייט און פאַר־זונקען אין זיך געבעטען, מען זאָל עפּעס אָנוואַרפען און אָנשטעלען אויף דעם. די אַלטע האָט מיט אַ פאַרביטערטער האַרץ און מיט אַ טריפ׳ן האַלז געקוקט אויף דעם גאַנצען טיש און האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז ראַבינאָוויטש וועט ניט קומען. זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַליין אַ קוק צו טאָן, וואָס ס׳הערט זיך אין דרויסען, צי איז טאַקע דאָס וועטער אַזוי שלעכט, אַז דאָס זאָל אָפּהאַלטען ראַבינאָוויטש׳ן צו קומען... ניין, זי האָט עס ניט געזעהן, ס׳איז נאָר געפאַלען אַ געדיכטער שניי.

זי איז צוגעגאַנגען צו שרה׳לען און זי אַ גלעט געטאָן:

— האָב קיין מורא ניט, ער וועט קומען. אויף צו להכעיס איהר, וועט ער קומען.

די קליינע האָט זיך אונטערגע׳גנב׳עט און דערלאַנגט דער שוועסטער הינטען אַ זעץ און אָפּגעצויגען פון ווייטען און זיך אַוועקגעשטעלט קוקען אויף איהר מיט נצחון און מיט גרייטקייט אָנצונעמען אַ קאַמף מיט דער שוועסטער.

בלומע׳ן האָט דער קלאַפּ ניט וועה געטאָן, ס׳האָט איהר נאָר פאַרדראָסען וואָס די קליינע האָט פאַר איהר קיין אָפּשיי ניט... אַ שטייגער, ווען מ׳האָט אַ מאַן, אָדער ווען זי האָט אפילו אַ קינד און ניט קיין מאַן, וואָלט די קליינע ניט געהאַט קיין העזה איהר אַ זעץ צו טאָן... יאַ, דאָס איז זיכער... אַזוי איז דאָס, און אַנדערש קען עס ניט זיין... ווייל אייגענטליך וואָס איז זי?... זי איז אַלט אַכט, דאָס ניין און צוואַנציגסטע יאָהר, און איז אַ מענש ניט־אַהער און ניט־אַהין, ניט יונג און ניט אַלט... אַן אלמנה איז שוין

פיל בעסער צו בלייבען, פיל אנגענעהמער ווי א גרושה... אלס אלמנה וואלט זי געווען א יונגע אלמנה, און וואס אינגער אלץ בעסער, אלץ מעהר האפנונגען האט געקענט זיין צו קריגען א צווייטען מאן. אבער א גרושה? פארקעהרט, וואס אינגער איז עפעס נאך ערגער, די חרפה גרעסער... און די איינזאמקייט? די איינזאמקייט פון א גרושה איז עפעס פיל שווערער און פיל איינזאמער ווי די איינזאמקייט פון אן אלמנה, אט ווייל „ער", יענער לעבט. א שוידערליכע, א שרעקליכע איינזאמקייט פון האָ־בען ערגעץ א גע'גט'ען מאן און אליין וואוינען מיט א מוטער און מיט א שוועסטערעל... און איהר האט זיך גערדאכט, אז ווען דער טאטע וואלט געלעבט וואלט זי זיך ניט געפיהלט איינזאם... אהן דער מוטער אינגאנצען וואלט נאך בעסער געווען... אזא מין לאגע גאר, וואס ווען ס'וואלט אויפ'ן ארט פון דער מאמען א טאטע געווען וואלט זי פיל בעסער געפיהלט.

זי האט זיך מיט א וויינענדיג הארץ אפגעדרעהט מיט'ן פנים צום פענסטער און אנגעשפארט דעם שטערן אן דער קאלטער שויב, געקוקט ווי עס שנייען זיך גאנצע וועגט מיט שניי אנטקעגען דער שיין פון די ארומיגע פענסטער אין הויף, און געזעהן ווידער ווי אויף די רינעס און געזימסען וואקסען שווערע פלאסטען און דאר־טען אויף דער ערד וואקסט א ווייסער אומעט...

זי האט א טראכט געטאן וועגן ערגעץ אוועקגעהן, אוועק־געהן... זיך ארומדרעהען אין גאס און זיך באגעגענען מיט פרעמדע אונבאקאנטע מענשען וואס קענען זי ניט און ווייסען ניט, אז זי איז א גע'גטע און אז זי איז גע'גט דערפאר וואס זי האט צעהן יאהר נאך דער חתונה קיין קינדער ניט געהאט. אט ווי זי האט איהם אין דר'ערד, אט דעם אלטען בייכיגען בחור, פונדעסטוועגען קרענקט עס איהר וואס ער ווייסט עס. און ווי זי מאכט זיך פון איהם קיין צימעס ניט, וואלט איהר דאך פיל אנגענעהמער געווען ווען ער זאל דאס ניט וויסען...

דער וועק־זייגער וואס איז געשטאנען אויף דער קאמאד, דער זעלבער וועק־זייגער וואס זי האט באקומען דרשה־געשאנק צו דער

חתונה, האָט אָנגעהויבען צו קלינגען, האָט זיך עפּעס פּלוצים אזוי ווי אויפגעכאַפּט פון זיין זייגער־שלאָף און אָנגעהויבען וועקעריש צו קלינגען רעש׳יג און מיט אימפּעט, איז פּאַר בלומען דאָס אזוי אומגעריכט געקומען. און מאָדנע, אַ היבשע צייט איז איהר ניט איינגעפאַלען אַז ס׳האָט ווער געקענט אָנשטעלען דעם זייגער ער זאָל קלינגען, נאָר ס׳האָט זיך געגלויבט אַז דאָס איז געקומען פון זיך, אַז דער דרשה־געשאַנק זייגער האָט זיך אָפּגעקליבען פּונקט אַזאַ מאָמענט, כדי צו דערמאָנען איהר אָן דער חתונה און אָן דעם חתן׳ס קרוב, וואָס האָט דעם זייגער געשענקט, און נאָך פילע זאַכען וויכטיגע און ניט וויכטיגע... וואָס קעהר זי זיך איצט אָן מיט אָט דעם מענשען, מיט „זיין קרוב״, וואָס האָט די מתנה געגעבען? און דאָך איז איהר געבליבען אַ זייגער פון איהם, וואָס האַלט אין איין קלאַפּען די רגע׳ס און אַלע שעה די שעה׳ן.

— ווער האָט עס אָנגעשטעלט דעם זייגער ער זאָל קלינגען? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַרדראָסיגען טאָן ביי דער מוטער.

— וואָס־זשע, דאָס אַרט דיר שוין אויכ׳עט? — האָט די אַלטע פון איהר זייט אויך געפרעגט מיט פאַרדראָס.

— איך פרעג: נאָך וואָס?

די אַלטע איז געוואָרען מילדער און געענטפערט, אַז דאָס האָט זי אָנגעשטעלט דעם זייגער ער זאָל קלינגען צו דער צעהנטער שעה, ווייל פּונקט אין דער שעה איז שרה׳לע, צו מזל און צו לאַנגע יאָהר, געבוירען געוואָרען, און פאַרענדיגט די ערקלערונג, האָט זי ארומגעכאַפּט די קליינע און זי צוגעדריקט צו דער ברוסט און פאַרגליווערט געוואָרען הינטער דער שטילקייט פון דער גאַנצער שטוב און הינטער דער „מוזיק״ פונ׳ם וועק־זייגער. בלומע האָט מיט קנאה זיך צוגעקוקט צו דעם בילד און אַליין אינגאַנצען זיך געפיהלט פרעמד און אָפּגעריסען פון דעם פּאָרעל. זי האָט געוואָלט אָפּהאַלטען דאָס קלינגען, נאָר אין דעם מאָמענט איז צוגעשפּרונגען די קליינע, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם זייגער און זיך אַוועקגעשטעלט מיט איהם ביי אַ זייט טיש, געקוקט מיט צופרידענהייט אויף דעם

קלינגענדען העמערעל וואָס איז בליץ־שנעל געשפּרונגען און גע־קלונגען.

— עפּעס ביזטו גאָר היינטיגען אָוועגט פון די געדאַנקען געריהרט, — האָט די אַלטע געזאָגט צו דער גרויסער טאָכטער. — וואָס אַרט עס דיר אַז דער זייגער זאָל קלינגען, אַז דאָס קינד האָט פון דעם פאַרגעניגען?

קלאָר האָט עס בלומע אויך ניט געוואוסט. אָבער ס׳האָט איהר יאָמערדיג וועה געטאָן... עפּעס האָבען זיך דאָ אַזוי פיל זאַכען מיט אַמאָל צונויפגעמישט, אַז זי איז ניט געווען אימשטאַנד זיך אויסצופּלאָנטערען פון דעם פּלאָנטער. עפּעס האָט זיך צו־נויפגעמישט די חתונה מיט׳ן גט׳ן זיך און מיט דעם איצטיגען. און וואָס איז דען איצט פאָרגעקומען? עפּעס אַ סך, זעהר פיל, און צוזאַמען מיט אַלע איבערלעבענישען האָט געפּרעסען דאָס האַרץ איהרס און דעם מוח אַזאַ מין נאַרישקייט און אַזאַ מין אונזין ווי דאָס וואָס דער זייגער איז עלטער פון שרה׳לען... עלטער מיט אַ יאָהר פון שרה׳לען... און דער איינציגער געדאַנק האָט אַזוי געפּרעסט דאָס געמיט איהרס... עפּעס האָט זי פאַר זיך אַ מין טיפע באַליידיגונג געפיהלט אין דעם וואָס שרה׳לע איז אינגער פאַר איהר, בלומע׳ס, זייגער מיט אַ יאָהר צייט, וואָס זי האַלט איהם אין די הענט און מאַכט זיך עפּעס אַ שפּילכעל מיט איהם... זי האָט נעבעלדיג געפיהלט, אַז דער זייגער איז אַ שטיק לעבען איהרס, אַ שטיק לעבען פון עלף יאָהר, און די קליינע, וואָס איז אינגער מיט אַ יאָהר פונ׳ם זייגער, האַלט אָט דאָס שטיק לעבען איהרס אין די הענט, אָט דאָס שטיק לעבען וואָס איז עלטער פון שרה׳לען מיט אַ יאָהר...

זי איז צוגעשפּרונגען און ארויסגעריסען פון איהרע הענט דעם זייגער, און גלייך איז ער ביי איהר פאַרשטומט געוואָרען. שרה׳לע האָט זיך קאַפּריזנע צוואָוואָרפען און צושפּרונגען מיט יענעם קאַפּריז, וואָס אַ קינד ווען מ׳מאַכט צוליב דעם אַ יום־טוב קען באַווייזען ווען מ׳שטעלט עס מיט עפּעס ניט צופרידען:

— מאַמע!

א פערטעל אויף עלף איז געקומען דער אזוי אונגעדולדיג-ער־ווארטעטער. ער איז אריינגעקומען א ווייסער און זיך געטאָן א טרייסעל אָפּ, איז ער גלייך שווארץ געוואָרען און צואוואָרפען און צושפריצט ארום זיך שניי מיט נאסקייט. יאָ, אָן אַנדערש מאָל וואָלט ער געקענט כאפען א פּסק פון דער אַלטער. זי וואָלט איהם צוריק ארויסגעשטויסען פון יענער זייט טיר און וואָלט איהם געהייסען דאָרטען, פון יענער זייט, זיך אָפּטרייסלען. איצט האָט זי איהם דאָס מוחל געווען און ס'איז גלייך אַוועק דער פּאַרדרוס פון לאַנגער ווארטעניש, דערזעהענדיג איהם אָן אַנגעלאָדענעם מיט פּעקלאך וואָס זי מיט דער קליינער האָבען זיך גלייך גענומען איהם פון זיי אויסצולאָדען. נאָר די קליינע האָט יאָ א פרעג געטאָן:

— וואָס אזוי שפּעט?

די פּעקלאך זיינען געהאנגען אויף די קנעפּ פון זיין שווערען ווינטער־מאנטעל, און דאָס פּאָרעל האָט אראָפּגעריסען פון איהם די פּעקלאך מיט'ן זעלבען ברען ווי קליינע חברה רייסען אמאָל עפּעל פון בוים...

— מאָסיו ראבינאָוויטש, איהר האָט מיר געבראכט א בראָנז־לעטעל?

די מוטער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף איהר, זי זאָל צייט האָבען ביז מאָסיו ראבינאָוויטש וועט זיך אויסטאָן, און אַליין האָט זי קיין צייט ניט געהאַט און זיך גלייך פארנומען צו צופּליקען און צו צורייסען די פּעקלאך וואָס זי מיט דער קליינער האָבען אָנגע־וואָרפען אויפ'ן טיש און גלייך אויפ'ן אָרט געכאַפּט א שמעק און א לעק, זיך ניט פאנאנדערגעקליבען וואָס איז גוט פריהער און וואָס שפּעטער. בלומע האָט עס צוגעקוקט און ס'האָט איהר געפלאמט דאָס פּנים. זי האָט זיך אריינגעשניטען צווישעןביידען און געזאָגט:

— ער האָט עס דאָך פאַר אייך געבראכט, ער וועט עס ניט טראָגען פארקויפען. וואָס איז דאָס פאַר א כאפּעניש וואָס? ס'איז דאָך א חרפּה און א בושה.

דאָ האָט זיך מאָסיו ראַבינאָוויטש געוויזען פון זיין צימער היימיש, שטוביג און בייכיג, און געטאָן אַ ציה אַרונטער דעם קאַמזויל וואָס האָט אַראָפּגעשטאַרצט פון בויך אַראָפּ מיט צוויי שפּיצען, און האָט מיט דעם באַוויזען, אַז ער איז גרייט צוצוטרעטען צום יום־טוב און צום טיש און זיך אַ וויש געטאָן מיט'ן טיכעלע די גרויסע נאַסע וואָנצעס און איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער, זי אויפגעהויבען אונטער די פּאַכוועס און זי געהאַלטען אַ היבשע צייט אויף אויסגעצויגענע הענט העכער פון זיך, האָט ער אַרויסגערעדט צו איהר:

— אַ, שעלמאַ דו! זעהט ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט.

און אַראָפּגעלאָזט די „שעלמאַ" און זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקעל, האָט ער זיך געהייסען אַ קוש טאָן. די קליינע האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ פינגערעל די וואָנצעס און זיך פאַרקרימט:

— אַי, ביי אייך זיינען נאָס די וואָנצעס!

און ניט געטראַכט האָט זי מיט איהר יום־טוב'דיגען פאַראַרויף און אַראָפּ, און דער גרויסער בעל־גוף איז געשטאַנען אַ צושמאָלצענער און אונבאַוועגליך און אַריינגעקוואָלען אין איהר. ענדליך האָבען זיך ביידע צוקושט און ער האָט איהר גראַטולירט מיט איהר געבורטסטאָג און גענומען און פאַרלעגט איהרע אַ האַנט אַהינטער האָט ער דאָרטען הינטען איהר עפּעס אָנגעטאָן, און זי, דערזעהענדיג אין אַ ווייל אַרום איהר הענטעל באַצירט מיט אַ בראַנזלעטעל פון זילבערנע „צעהנערלאַך" (צעהן גראָשענדיגע), האָט זי אַ שפּרונג געטאָן פון גרויס פרייד און אַרומגעכאַפּט זיין האַלז און נאַקען, האָט זי זיך איהם אָנגעהאַנגען און ער האָט זיך איינמאָל און אַ צווייטען מאָל דורכגעטראָגען איבער דער שטוב.

באַוויזען דער מוטער די מתנה, האָט די אַלטע אָנגעקוואָלען און גערופען ראַבינאָוויטש'ן צום טיש מיט אַזאַ טאָן ווי דאָס עסען צו וועלכען זי רופט איהם וואָלט איהרס געווען און זי וואָלט מיט דעם כיבוד איהם געוואָלט אָפּדאַנקען. זי האָט אָט אַזוי געזאָגט טאַכעל גענומען ווישען און רייבען די וואָנצעס אַהין און צוריק, צו איהם:

— נו, מאָסיו ראבינאָוויטש, געהט שוין צום טיש. איהר מוזט שוין אודאי זיין הונגעריג.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף בלומע'ן און געפרעגט אויף איהר שטעהן וואָס זי שטעהט אזוי.

מאָסיו ראבינאָוויטש האָט געוואָלט, אז בלומע זאָל אויך געניסען פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעבראכט, און ער האָט שוין צוליב דעם געמוזט פארפיהרען מיט איהר א שמועס:

— פאר וואָס מאכט איהר ניט קיין אימעניגעס, הא? איז איינמאָל וואָלט איך אייך געבראכט א שעהנעם פרעזענט און צווייטענס וואָלט איך אייך צוגעווינשעוועט...

— מיר פעהלט עס ניט! — האָט בלומע מיט רוגז אָפּגעענטפערט.

— מאָסיו ראבינאָוויטש, נו זעצט זיך שוין צום טיש, נו! — האָט די אַלטע אין איין אָטעם גערופען, צולעגענדיג דאָרטען אויף טעלער און טעלערלאך די אַלע גוטע פליישיגע און געזאַלצענע און געדרויבערטע הערינג און פישלאך וואָס ער האָט געבראכט.

— אָבער אז מ'זאָל אייך ווינשען א שטיינער א... ווילט איהר אויך ניט? — האָט ראבינאָוויטש פאָרטגעזעצט דעם שמועס זיינעם מיט בלומע'ן.

— ניין, איך וויל ניט!...

— אָבער ווען איהר וואָלט געוואוסט אז ס'וועט מקוים ווערען?...

די אַלטע האָט א וואונק געטאָן צו דער קליינער זי זאָל רופען מאָסיו ראבינאָוויטש'ן צום טיש, און די איז צוגעשפרונגען צו איהם, איהם גענומען שלעפען פאר א האנט:

— מאָסיו ראבינאָוויטש, קומט שוין צום טיש עסען! — און אזוי מאָדנע, מיט אזא שעלמישען און נצחונ'דיגען קוק געקוקט אויף בלומע'ן און קלוג סארקאסטיש צוגעשמייכעלט.

— קומט, מאדאם פינגערהוט! — האָט ראבינאָוויטש פארבעטען בלומען.

זי האָט געדאנקט, געזאָגט אז זי וויל ניט, אז זי איז ניט

הונגעריג, אז זי האָט ערשט ניט לאנג געגעסען, און די אַלטע האָט באַשטעטיגט די רייד איהרע, און דאָס האָט בלומען ארויסגעבראכט פון געדולד:

— ס'איז דאָך אַ ליגען, מאַמע. איך האָב דאָך ניט געגעסען. האָסט מורא, ס'וועט פאַר דיר ניט סטייען?...

די אַלטע האָט זיך געווענדעט צו ראַבינאָוויטש'ן:

— זעהט איהר, מאַסיו ראַבינאָוויטש, איך האָב אייך געזאָגט אַז מיט איהר טאָר מען זיך ניט טשעפּען... אָט אזוי אַלע מאָל פון פּיצעלוויז אָן ווען ס'איז נאָך געווען אַ קליין באַנעמעניש־על...

— מאַמע, דאָס איז דאָך אויך אַ ליגען. איך בין ניט געווען אזוי אַלע מאָל.

— אַלע מאָל, יאַ! — האָט שרה'לע באַשטעטיגט דער מוטער'ס רייד...

דער אַלטער פופציג־יעהריגער בחור האָט געפיהלט אַ מאָדנעם אָפּשיי פאַר בלומע'ן און האָט זיך אַלע מאָל אַנטקעגען איהר ניט גוט געפיהלט מיט זיין פופציג־יעהריגער בחור'שאַפט. ער האָט באַמערקט ניט איינמאָל, אַז זי איגנאָרירט איהם און פאַרזוכט קיינמאָל ניט וואָס ער ברענגט אין שטוב אריין פאַר דער קליינער... פאַר דער קליינער?... ער ברענגט און געגוג... ס'איז די יאָהרען, וואָס אַ מענש מוז זיין צוגעבונדען צו אַ הויז, צו אַ שטוב, מוז זיין ארומגערינגעלט מיט אַ ווארימער פאַמיליען־סביבה, וואָס האָט זיך דאָ אזוי צוגעפּאַסט פאַר איהם עפּעס ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ... שווינער, אַ קינד. מיט דער „שווינער" און מיט'ן „קינד" געהט עס ניט שלעכט, אָבער... די „ווייב" האַלט זיך אזוי, אַז ער קען זי אפילו אויף אזוי פיל פאַר קיין ווייב ניט מאַכען ווי ער האָט פאַר זיך פון דער אַלטער אַ שווינער געמאַכט און פון שרה'לען אַ קינד.

— זי וועט היינט ניט זיין דאָס וואָס זי איז אַלעמאָל, — האָט מאַסיו ראַבינאָוויטש געזאָגט און דערביי ארויסגעכאַפּט פון דער הויזען־קעשענע אַ פּלעשעלע מיט אַ רויטער פליסיגקייט און

דאָס אַ טרייסעל געטאָן. — אָט דאָס, אַז זי וועט נאָר אַ שמעק טאָן . . .

בלומע האָט זיך געפונען אין אַ זעהר אונבאַקוועמער לאַגע. איהר ניט וועלען געהן צום טיש איז ניט געווען דער מאָטיוו פון אַ וועלכען־עס־איז רוגז, וואָס זי זאָל האָבען אויף וועמען געהאַט, נאָר פשוט איהר פרויען־זעלבסטווירדע האָט איהר ניט דערלאָזט צו געניסען אין זכות פון דער קליינער שוועסטערעל... אויף וויפיל זי איז געווען אויפגעבראַכט אויף דער עלטער פאַר איהר זלידנע־רישען כאַראַקטער, האָט זי דאָך אין דעם איינגעזעהן גאַנץ נאַטיר־ליכעס וואָס זי געניסט אין זכות פון דער טעכטערעל... אָבער זי, אַ שוועסטער, אַ פרוי אין די יאָהרען... זי האָט דאָך אָבער וועגען דעם ניט געקענט רעדען און קיין אַנדער אורזאַך אויף זיך איינצור־שפּאַרען און ניט געהן צום טיש האָט זי ניט געהאַט... דאָס איז דאָך עפּעס אַ יום־טוב. דאָס איז דאָך ניט דאָס וואָס ער ברענגט אַמאָל עפּעס אַזוי זיך צווישען יאָ און ניין און זי וויל ניט פאַר־זוכען, און ער וועט דאָך מיינען, אַז דאָס באַיקאָטירט זי איהם, טאָ וואָס־זשע האָט זי אין איהם? גאָרניט. טאָ פאַר וואָס זאָל ער מיינען אַז זי האָט עפּעס יאָ צו איהם...

— אַז מיר גלוסט זיך ניט עסען!

— נו, איז ניט עסען. ווער וועט אייך דען נויטען עסען? וועט איהר ניט עסען, וועט איהר עפּעס נאַשען, וועט איהר נעמען אַ ביסעלע ליקער, טרינקען לחיים און פאַרבייסען און שווין.

און זי אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט האָט ער זי אַ שלעפּ געטאָן צום טיש און זי באַזעצט, האָט ער גלייך געכאַפּט און אָנגעגאָסען אַ גלעזעלע און דאָס איהר אריינגעקוועטשט אין האַנט אריין און גלייך פאַר זיך אָנגעגאָסען און אָנגעקלאַפּט אין איהר גלעזעל און באַפוילען אויסצוטרינקען. זי איז גערן געווען איהם צו פאָלגען, נאָר האָט זיך געשעמט... די אויגען איהרע האָבען זיך פול מיט קינדערשער בושה אָנגעגאָסען און זי האָט דערפיהלט אַ וואַרימקייט אין פּנים. זי האָט זיך געפיהלט אַזוי נאַריש און קינדעריש ווי זי וואָלט די אינגסטע און קלענסטע אין שטוב געווען...

— טרינקט איהר פריהער! — האָט זי געזאָגט, ניט װעלענדיג דאָס זאָגען, אָבער זאָגען עפּעס האָט זי געמוזט...

מאָסיו ראַבינאָװיטש האָט ברייט פאַנאַנדערגעפּענט דאָס מויל, אָפּגעטיילט מויל פון װאָנצעס און אַרייַנגעשטעקט דאָס גלעזעלע אין מויל אַריין, און אַ װיילע האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איינגעשלונגען דאָס ביסעל משקה מיט'ן גלעזעלע. בלומע האָט אויף איהם געקוקט, און ס'איז שוין געװען אַזאַ לאַגע, אַז ניט טרינקען האָט זי ניט געקענט, װייל ניט טרינקען װאָלט געװען נאָך ערגער װי יאָ טרינקען... זי האָט אויך מיט איינמאָל איבערגעקעהרט דאָס גלעזעלע און האָט זיך פאַרכלינעט און פאַרהוסט. מאָסיו ראַבינאָװיטש האָט איהר גלייך אונטערגערוקט אונטער דער נאָז צו פאַרבייסען:

— פאַרבייסט גיכער!

נאָכדעם האָט מאָסיו ראַבינאָװיטש שוין אָנגעגאָסען פיר גלעזלאַך און בלומע האָט אויטאָמאַטיש גלייך מיט אַלעמען צום צװייטען מאָל דאָס גלעזעלע אין האַנט גענומען און אַלע פיר האָבען זיך צוקלאַפּט מיט די גלעזלאַך (דאָס האָט אַלץ מאָסיו ראַבינאָװיטש געקאָמאַנדעװעט) און געטרונקען לחיים, און אויסגעטרונקען דאָס צװייטע גלעזעל איז גלייך צו דערקענען, אַז בלומע האָט זיך געביטען, אַז זי איז אַריינגעפאַלען אין אַן אַנדער שטימונג. אין די אויגען האָט אויפגעשיינט אַ פרעהליכער לעבעדיגער גלאַנץ און די באַקען האָבען זיך צופלאַמט.

די אַלטע האָט פיין אַריינגעריבען. זי האָט געאַרבייט אויף ביידע באַקען און די אויגעלאַך איהרע זיינען אַרומגעלאָפען איבער די טעלער מיט זשעדנעקייט פון אַן אויסגעהונגערטער חיה... זי האָט געװאָרפען מיט די אויגעלאַך און ניט געװאוסט װאָס פריהער צו כאַפּען פאַר זיך, און געכאַפּט, װאָס גיכער אַריינגעפּרעסען, ניט אַזוי פון הונגער װי צוליב דעם ס'זאָל װעמען ניט אָנקומען מעהר װי איהר...

בלומע האָט דאָס אַלעס געזעהן און באַמערקט, אָבער אַ דאַנק די צװיי ביסלאַך געשמאַקען זאַפטיגען און שטאַרקען ליקער האָט

זיך גלייך עפּעס געענדערט דאָרטען אין איהר אינערליכען מוח־אַפּאַראַט און ס'האָט זיך עפּעס אַזוי דאָרטען פאַרדרעהט, אַז איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ניט זי זעהט עס אָט דאָס וואָס זי זעהט, נאָר אַז זי געדענקט עס... אַ זאַך אַ פאַרגאַנגענע... זי איז געזעסען ביי אַ פרעמדען טיש, מיט אַ פרעמדען מאַן, אַ פרעמדער מאַמע און אַ פרעמד קינד... ס'הייסט, ס'איז טאַקע געווען איהר מאַן, איהר קינד, איהר מאַמע, נאָר... פרעמד! מאָרנע פרעמד!...

— מאָסיו ראַבינאָוויטש!...

— יאָ, מיין טייערס. אפשר נאָך אַ קאַפּיטשקע?

זי האָט דאָס ניט געמיינט. זי האָט גאָרניט געמיינט, גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן „מאָסיו ראַבינאָוויטש", געפיהלט אַן אינערליכע באַדערפניש אַ וואָרט צו לאָזען פאַלען און ניט האָבענדיג וואָס ווייטער צו זאָגען האָט זי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, „יאָ", אַז זי וויל נאָך אַ קאַפּיטשקע.

מאָסיו ראַבינאָוויטש איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. אָט מיט דער גאַנצער באַשיידענהייט זיינער איז ער דאָך גערן געווען, אַז ס'זאָל זיך איהר פאַרדרעהען דאָס קעפּעל, און דאָס אליין פאַר זיך איז שוין עפּעס אַ געווינס פאַר איהם... ער האָט קיין שלעכטס ניט געטראַכט, אָבער דאָך וואָלט ער גאַנץ צופרידען געווען ווען פון איהר זייט וואָלט זיך עפּעס געוויזען... ער האָט ניט געטראַכט אין וואָס פאַר אַ פאָרמע און ניט קאָנטראָלירט די פאַרלאַנגען זיינע ביז וואַנען וואָלט ער געוואָלט זאָל עס דערגרייכען... שוין אין דעם רוף, וואָס זי האָט איהם געגעבען, אין דעם אליין האָט ער שוין געשפּירט עפּעס אַ צוזאָג, עפּעס אַ דערנעהנטערונג צו זיך...

— גיט איהר ניט! — האָט די אַלטע געוואָרענט, — זי וועט שכור ווערען. זי איז אַזוי אויך געגנוג צודרעהט.

בלומע האָט מיט איינמאָל איבערגעקעהרט דאָס גלעזעלע בראַנפען און האָט זיך אַזוי מאָדנע קינדעריש אַ קרים געטאָן צו ראַבינאָוויטש'ען, און איהם איז דאָס אַזוי געפעלען געווען, אַז ער האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— בראוואָ! בראוואָ! בראוואָ!

די קליינע האָט זיך אזוי מאָדנע ערנסט, מיט דער ערנסטקייט פון א גרויסער, פארקוקט אויף דער שוועסטער און געזעהן, אז מאָסיו ראבינאָוויטש גיט איהר, דער שוועסטער, אפּ צופיל אויפמערקזאמקייט, האָט זי זיך איהם ארויפגעכאַפּט אויפ׳ן שויס און געקוקט אויף בלומען פּארריסען און נצחונ׳דיג. און דאָ איז געשעהן עפּעס אונערוואַרטעטעס: בלומע האָט זי פּלוצים געגעבען א שלעפּ אראָפּ פון מאָסיו ראבינאָוויטש׳ס שויס און האָט זיך אליין באזעצט אויף איהר אָרט. די קליינע איז געשטאַנען א לענגערע צייט און שטארק באוואונדערט דער גרויסער שוועסטער, וואָס האָט איהר פּלאַץ פארנומען, און פּונקט אזוי ווי זי האָט איהם געהאַלטען ארומגענומען מיט א האַנט ארונטער, פארלעגט ארום זיין האלז און נאקען, אזוי האָט די שוועסטער איהם געהאַלטען. זי האָט אויך א קוק געוואָרפען אויף דער מוטער: וואָס וועט די מוטער זאָגען אויף דעם? און ענדליך אויסגעשריען:

— מאַמע!!!

— אַ, ס׳פּארדריסט דיר, דו קליינע שלמא דו, ס׳פּארדריסט דיר!... — האָט מאָסיו ראבינאָוויטש זיך גערייצט מיט דער קליינער, און איינצייטיג איז געוועזן צו דערקענען, אז ער ווייסט ניט ווי זיך צו באנעמען צו דער נייער זיצעריין, וואָס האָט זיך באזעצט אויפ׳ן שויס אויף זיינעם... ער האָט זיך געפיהלט זעהר אונבאַהאָלפען און ווי ווייט מעגליך אויסגעמידען איהר א קוק צו טאָן אין פּנים אריין... ער האָט ניט געוואוסט (ס׳הייסט געפיהלט האָט ער) צי זאָל ער זיך באנעמען צו איהר ווי צו דער קליינער? און אזוי ניט געטראכט האָט ער זי א העצקע געטאָן אויפ׳ן פוס און איהר אריינגעקרעהט אין אויער אריין:

— קוקורעקו!!

זי האָט אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, די קליינע. אָבער דאָך האָט זיך געפיהלט פּארדרוס אין דעם געלעכטער אפילו. זי האָט זיך אָן אָנגעבלאָזענע אָפּגערוקט צו דער מוטער און ארויפגעלעגטביידע הענטלאך אויף דער מוטער׳ס אַקסעל, האָט זי איהר

אזוי ארום רוהען ניט געלאָזט, זי געטאָרקעט, עפּעס געמורמעלט אָהן ווערטער. די אַלטע אָבער איז געווען גאַנץ גלייכגילטיג צו דער גאַנצער געשיכטע... ס'האָט זי אַבסאָלוט ניט אינטערעסירט ווער ס'זיצט אויף מאָסיו ראבינאָוויטש'עס שוים... זי האָט זיך פאַר זיך זעהר גוט געפיהלט און זי האָט שטיל אריינגעזונגען דער קליינער אין פּנים אריין:

„זיינען מיר געגאַנגען זעמעלאך קלייבען, זעמעלאך קלייבען, האָבען מיר באַגעגענט אַ מויד. מויד, דו מויד, מויד וואָס דו גיסט? מויד גיט איהר צאָפּ, מויד'ס צאָפּ, הינדיק'ס קראָפּ, הון'ס איי, האָהן'ס קרעה, זעמעלאך צוויי, זעמעלאך צוויי".

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט געפּאַטשט אין געשריען מאָסיו ראבינאָוויטש און אַ העצקע געטאָן בלומע'ן אויפ'ן פוס האָט ער אונטערגעכאַפּט דער אַלטער'ס לידעל:

„זיינען מיר געגאַנגען זעמעלאך קלייבען, האָבען מיר באַגע־געגנט..."

— מ־מ־מ! — האָט שרה'לע געשטורכעט דער אַלטער און געמורקעט און די אַלטע האָט איהר גוטמוטיג, פון אייגענעם גוט זיך פיהלען, געענטפערט:

— ש־ר־ר־ר.

— איך וויל שלאָפען! — האָט די קליינע אַ שפּרונג געטאָן און דערביי אַ גיפטיגען קוק געוואָרפען אויף דער שוועסטער.

די אַלטע האָט איהר געשיקט צו מאָסיו ראבינאָוויטש'ן און האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין דאָרטען געבעט דאָס בעט און שרה'לע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן:

— איך וועל היינט ניט שלאָפען מיט מאָסיו ראבינאָוויטש'ן!

איבער עפּעס, און אפשר דערפאַר וואָס ביי איהם אויפ'ן שוים איז בלומע געזעסען, צוליב דעם אפשר האָט זיך מאָסיו ראבינאָ־וויטש ניט הערענדיג געמאַכט וועגען דעם גזר, וואָס שרה'לע האָט ארויסגעגעבען אויף איהם... אַ געפיהל אַז ער קען ניט רעאַגירען אויף דעם אין דער צייט, ווען ביי איהם אויף די הענט זיצט... סיי ווי, צי זי זיצט ביי איהם אַלס קינד אָדער אַלס פרוי, האָט ער

עם געמוזט דורכלאָזען און זיך ניט מאַכען הערענדיג. בלומע האָט איהם אָבער אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט:

— נו, ס'אַרט אייך גאָר ניט, הא?

און האָט איהם אַריינגעשניטען אַ טיפען בליק אין פּנים אַריין: אָ, ס'איז זיין גליק וואָס ער ערלויבט זיך גאָרניט... וואָלט ער זיך נאָר עפּעס־וואָס ערלויבט, וואָלט זי איהם אַריינגעכליאַפּעט אין באַק אַריין, אַז ער וואָלט איהר שוין געהאַט צו געדענקען... אָבער ער האָט זיך גאָר ניט ערלויבט, און דאָס האָט זי ווידער גע־קרענקט און באַליידיגט.

— גיט מיר נאָך אַ ביסעלע בראַנפען! — האָט זי באַפוילען ראַבינאָוויטש'ען.

— גיט איהר ניט! — האָט די אַלטע געזאָגט.

— וואָס? האָסט מורא, ס'וועט פאַר דיר ניט בלייבען? — האָט בלומע געענטפערט, און פּלוצים זיך צולאַכט און געזאָגט צו ראַבינאָוויטש'ען: — איהר ווייסט, אַז אין אַ חודש אַרום איז ביי שרה'לען נאָך אַ מאָל אימענינעס?

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט זיך צולאַכט:

— וואָס־זשע, זי איז צוויי מאָל געבוירען געוואָרען?

— נו, ס'איז אייער מזל וואָס די מאַמע איז ניט קיין הוהן. ווייטער וואָלט איהר געמוזט פּראַווען צוויי מאָל אימענינעס אין יאָהר: איין מאָל, ווען זי האָט דאָס איי געלעגט, און דאָס צווייטע מאָל, ווען שרה'לע האָט זיך אויסגעפּיקט פון'ם איי.

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט זיך צוזונגען:

— זיינען מיר געגאַנגען זעמעלאך קלייבען, זעמעלאך קלייבען, האָבען מיר באַגעגענט אַ הוהן, הוהן'ס איי, האָהן'ס קרעה...

— אייער קרעה! — האָט בלומע אַ זאָג געטאָן.

— נו, און וואָס וועט איהר מיר געבען? — האָט ראַבינאָ־וויטש ביי בלומען געפרעגט.

— זי קען אייך געבען אַ קרעה... — האָט די אַלטע איהר אַריינגעשטאָכען...

בלומע האָט פאַרוואָרפען דעם קאָפּ איהרען אויף ראבינאָ־וויטש'עס אַקסעל און האָט זיך צוכליפּעט...

---

אַ וויינענדיגע, אַן אויפגערעגטע, איז בלומע אריינגעלאָפען צו מאָסיו ראבינאָוויטש'ען אין צימער און האָט זיך דאָרטען אַנידער־געוואָרפען אויף דער סאָפע מיט'ן פּנים אַראָפּ. שרה'לע האָט לאַנג ניט געטראַכט, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך, אויסגעטאָן דעם יום־טוב און איז אריינגעשפּרונגען אין ראבינאָוויטש'עס בעט אריין... און... זי האָט זיך צולעגט ווי אַ באַלעבאָסטע, ווי אַ ווייבעלע, מיט אַ גוט נצחון'דיגען געפיהל, וואָס זי ליגט אין בעט, און די שוועס־טער — אויף דער סאָפקע... כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז די שוועס־טער קען ניט ליגען מיט מאָסיו ראבינאָוויטש'ען, ווייל זי איז אַ גרויסע, און פונדעסטוועגען האָט זי ניט געוואָלט איינשטעלען, ווייל... היינטיגען אָווענט פיהרט זיך די שוועסטער אַנדערש אויף... אַ גאַנצען אָוועגט אזוי... פריהער זיך געבלאָזען און האָט זיך גע־לאָזען לאַנג בעטען ביז זי איז צוגעגאַנגען צום טיש. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעפיהרט ווי אַ קינד מיט דעם וואָס זי האָט זיך באַ־זעצט ביי מאָסיו ראבינאָוויטש'ן אויפ'ן שויס, און נאָכדעם האָט זי זיך צוואויינט... איז איבער דעם אַליין האָט שוין די קליינע מורא געהאַט איהר צו פאַרטרויען און האָט זיך באַצייטענס אריינ־געכאַפּט צו ראבינאָוויטש'ען אין בעט אריין.

געלעגען איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע, די קליינע אין בעט, די גרויסע — אויף דער סאָפע, און דער אַלטער, בייכיגער בחור האָט זיך ארומגעדרעהט צווישעןביידען, און איבער דער גרויסער ניט געקענט געהן אין בעט אריין מיט דער קליינער, און זי, די קליינע, האָט איהם ניט געלאָזט אָטעמען:

— מאָסיו ראבינאָוויטש, קומט שוין שלאָפען!

— באַלד, באַלד, — האָט ער געזאָגט צו איהר, און אַליין ניט געוואוסט, ווען דער באַלד קען ארויסקומען, ווייל דאָס האָט זיך אין גאַנצען געווענדט אָן בלומע'ן. און זאָגען איהר, זי זאָל געהן דאָרטען, צו זיך אין בעט אריין שלאָפען, האָט ער איבער

עפעס ניט געקענט... ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען וועגען איהר... צי האָט זי מיט עפּעס אַ מיין אַריינגעכאַפּט זיך צו איהם אין צימער, צי זי האָט גאָר ניט געטראַכט... אויב מיט עפּעס אַ מיין, איז אודאי פעהלט איהם דאָ שׂרה'לע, ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען. און אויב אזוי גלאָט זיך איבער אַ פּשוט'ען קאַפּריז, איז זי איהם דאָך, די גרויסע, איבעריג... און טאָמער ווערט זי גאָר אַנטשלאָפען?... וועט אַנטשלאָפען ווערען, און ער וועט פאַרבלייבען און ניט וויסען וואָס און ווען...

ער האָט איהר רוהען ניט געלאָזט, אמאָל געפרעגט ביי איהר איין זאַך, אמאָל אַ צווייטע:

— געבען אייך אַ ביסעל וואַסער, בלומע?

— אייך דרעהט זיך דער קאָפּ, בלומע?

און די קליינע האָט איהם געשלעפּט און געריסען ביי די פּאָלעס:

— אַי, קומט שוין שלאָפען!

זי איז געלעגען רחבות'דיג צושפּרייט, די קליינע. דאָס אויבערשטע האַלבע גופ'על האָט אַרויסגעשטעקט פון דער קאָלדרע, מיט די נאַקעטע הענטלאַך און מיט די צעפּלאַך אויפ'ן קעפּעל, וואָס זיינען געווען אַרומגעפלאָכטען אין אַ קרענצעל. זי האָט אפילו די רויטע סאַמעטקע ניט אַראָפּגענומען פון שטערענדעל, נאָר אזוי, מיט דעם יום־טוב'דיגען קעפּעל, זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט אריין און זיך געפיהלט אזוי יחוס'דיג, האַנאַריסטע און געקוקט אויף דער שוועסטער פון אויבען אַראָפּ, ווי עס קוקט אמאָל אַ ווייבעלע, וואָס ווייס, אַז זי האָט גרויס ווערט, און עס אַרט איהר ניט, ווען זיינע אַ געליבטע פון פריהערדיגע יאָהרען קומט צו איהם... פאַרקעהרט, זי פיהלט גאָר עפּעס הנאה דערפון...

— וואָס לעגט איהר זיך ניט שלאָפען, מאָסיו ראַבינאָוויטש? — האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערען דער אַלטער'ס קול. — וואָס קוקט איהר דאָרטען אויף איהר?...

גאָר אַ קלייניגקייט: ניט קוקען אויף איהר... געה לעג זיך מיט דער קליינער ווען די גרויסע ליגט אַנטקעגען... ס'איז איהם

אזוי פריקרע געווען, אזוי מאָדנע פריקרע. און זאָגען דער קליי־נער, אז זי זאָל פארלאָזען דאָס בעט, דאָס האָט דאָך אודאי און אודאי ניט געטויגט... ס'איז איהם געווען זעהר שלעכט, טאַקע נעבאך זעהר ביטער. ער האָט זיך איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פוןביידע צימערען און זיך פאר־ענטפערט פאר דער אַלטער: ווי אזוי קען ער געהן שלאָפען, אז זי ליגט דאָרטען?

— איהר שעמט זיך פאר איהר? מ'לעשט אוים דעם לאָמפּ, און אוים, פּטור אַן עסק...

וואָס האָט די אַלטע געקענט באגרייפען, וואָס איהם דריקט דאָרטען? דאכט זיך, וואָס איז דאָס אַזעלכעס אויסלעשען דעם לאָמפּ? נאָר ער וואָלט מיט אַ גרינגערען הארצען געקענט ארוים־געהן מיט אַ לאָפּעטע אין דרויסען און שארען דעם שניי, איידער אויסלעשען דעם לאָמפּ... אַ קלייניגקייט נו, אויסלעשען דעם לאָמפּ, זי לאָזען ליגען אין דער פינסטער, אָנגעטאָן, ניט וויסענדיג, צי זי שלאָפט יאָ, צי זי שלאָפט ניט, און אַליין הינטער איהר נאָז אראָפּוואַרפען די הויזען און זיך באַלעגען מיט דער קליינער...

— זי וועט זיך איבערליגען, ס'וועט איהר מסתמא באַלד איבערגעהן.

און אז ס'איז אריבערגעגאנגען דער „באַלד", און נאָך עטליכע „באַלד'ען", וואָס יעדער איינציגער פון זיי האָט געדויערט צעהן און פופצעהן מינוט, האָט די אַלטע גערעדט צו איהם און אזוי געזאָגט:

— אמעהר ווייסט איהר וואָס? לאָזט זי דאָרטען איבער און געהט לעגט זיך דאָ ביי איהר אין בעט... ווייל וואָס וועט איהר טאָן, אז זי וועט אזוי אָפּליגען אַ גאַנצע נאַכט?

דער פּלאַן איז געווען ניט קיין שלעכטער, און דאָך זיך גוט מאכען מיט דעם ניט שלעכטען פּלאַן האָט ער ניט געקענט... אָט ווי ער איז ניט געווען קיין איבערגעשפיצטער, האָט ער בחוש פאר־שטאַנען, אז ער קען אַזעלכעס ניט טאָן, אז ס'וועט עפּעס זיין אַ באַליידיגונג פאר איהר, ווען ער וועט זי פּלוצים אָט אזוי אַ ווי ער

שטעהט און געהט און אזוי ווי זי ליגט אויסגעצויגען, אז ער וועט נעהמען און זי פארלאָזען... אפשר פיהלט זי זיך עפּעס ניט גוט... אפשר נויטיגט זי זיך אין אַ גוט וואָרט.

— נו, און וואָס וועט זיין מיט דער קליינער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— די קליינע וועט איהר אַריבערנעמען אהערצו.

ניין, ס'איז געוואָרען ערגער, ס'האָט אַלץ ערגער ניט געטויגט... הייסט עס, זי לאָזען אַליין ביי זיך אין צימער... פאַרנעמען מיט זיך די קליינע...

— קומט שוין שלאָפען! — האָט די קליינע שוין גערופען מיט אַ וויינענדיג קול.

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט אַרומגעשטעקט דער קליינער מיט דער קאָלדרע. ער האָט עס געטאָן ווי אַ טאַטע און מיט'ן זעלבען מאַניער ווי אַ מאַן דעקט צו זיין ליב, צאַרט ווייבעלע... אין זיין אַלט־בחור'שען וועזען האָט זיך ווירקליך געצאַפּעלט אַ צווייענדיג געפיהל, ווייל אַ דאַנק אָט דעם צושטאַנד, אין וועלכען ער איז אַריינגעפאַלען, האָט זיך דערוועקט אין איהם אַ בענקשאַפט צו ביידע, אי צו אַ ווייבעל, אי צו אַ קינד... די לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז שוין גאָר ניט געווען עהנליך ניט אויף קיין בחור'שער און ניט אויף קיין שכנ'שער... ער איז געבליבען אָהן אַן אָרט, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען, ווי אַן אייגענער מענש, ווען ער פאַרקאָכט עפּעס אין שטוב צווישען אייגענע... ווער עס האָט דאָס גליק (אָדער דאָס אומגליק) צו האָבען אַ ווייב מיט אַ שוויגער און מיט אַ קינד... יאַ, עפּעס עהנליכעס האָט זיך געפלאָנ־טערט אין זיין מוח. ער איז דאָך אויך ניט אין גאַנצען ניכטער געווען... ער האָט זיך אָבער אויף אַ ווײַלע ניט געקענט קאָנצענ־טרירען, ווער ס'קען דאָ זיין די שוויגער און ווער די ווייב... פון אַלע דריי איז גאָר געלעגען די קליינע ביי איהם אין בעט... די גרויסע האָט זיך דאָ באַלעגט אַנטקעגען, און יענע דאָרטען, די אַלטע, האָט איהם גערופען ער זאָל זיך לעגען ביי בלומע'ן אין בעט,

וואָס געפינט זיך געגען דער אַלטער... ווער ווייס, אפשר... אפשר מיינט זי אויך עפּעס...

איינגעדעקט דער קליינער, האָט ער זיך גלייך אויסגעדרעהט און זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צו דער גרויסער:

— בלומע, איהר שלאָפט?... אפשר וואָלט איהר אריבער־געגאַנגען צו מיר אין בעט, און איך וואָלט זיך דאָ געלעגט אויף דער סאָפע?...

ער האָט זיך איבערגעבויגען און איהר געקוקט אין פּנים אריין און געזעהן, אַז זי האַלט פאַרמאַכט די אויגען. האָט ער ניט גע־וואוסט, צי זי שלאָפט, צי ניט, צי זי הערט, צי ניט.

— איך וועל אויסלעשען דעם לאָמפּ, בלומע, און איהר וועט זיך אויסטאָן און זיך לעגען ביי מיר אין בעט, און איך וועל זיך לעגען דאָ אויף דער סאָפקע.

בלומע האָט זיך געגעבען אַ דרעה אויס, געבליבען ליגען מיט'ן פּנים ארויף, פאַרשטעלט די אויגען און דאָס פּנים מיט די הענט, אָפּגעשפּיצט אַן עלענבויגען אין איין זייט, אַן עלענבויגען אין אַ צווייטען זייט און אין אַ ווײלע ארום האָט זי געענטפערט און געזאָגט:

— איהר קענט זיך לעגען... איך וועל ניט קוקען צו אייך... איהר קענט זיך אויסטאָן... איך וועל דאָ ליגען אַ ביסעל... איך קען איצט ניט געהן אין בעט אריין... דאָ איז בעסער... אפשר שפּעטער ביינאַכט וועל איך אַריבערגעהן צו זיך אין בעט.

— אפשר אַ שטיקעל זויערע אוגערקע?

— אָבער וואָסס אַרט אייך פאַר מיר?... לאָזט מיך אזוי... וואָס אַרט אייך, אַז איך בין אַ ביסעל שכור?... איך וויל זיין אַ ביסעל שיכור... איך שטער אייך דען?... אַז איך זאָג אייך, אַז איך וועל צו אייך ניט קוקען... לעשט אויס דעם לאָמפּ, וועל איך דאָך במילא גאָרניט קענען זעהן...

זי איז געלעגען אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, דאַר און שמעליג אריבערגעוואָרפען אַ פוס איבער אַ פוס... הינטער די פאַרמאַכטע און מיט די הענט פאַרשטעלטע אויגען האָט זי דאָך געשפּירט ווי

ס'שטעהט געדיכט און שאָטענדיג נעבען איהר מאָסיו ראבינאָוויטש, מיט היימישקייט און מיט נאָהענטקייט פון אַן אייגענעם, פון... אַ טאַטען, אָדער... פון אַ מאַן... ס'איז אַנגענעהם געווען, און איינ־צייטיג פאַרדראָסען, וואָס ער איז איהר ניט דאָס און ניט יענעס... ער איז דאָך זעהר אַ וואוילער און זעהר אַ צוגעלאָזטער, אָט דער מאָסיו ראבינאָוויטש... נאָר וואָס דען? פאַרוואָס פיהלט זיך עפּעס אַזאַ זיכערע און פעסטע אוממעגליכקייט?... ווייל זי וויל דאָס ניט?... צי ווייל זי מיינט, אַז ער וועט ניט וועלען?...

— געהט, לעגט זיך, מאָסיו ראבינאָוויטש!...

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טוט אַן עולה, וואָס זי ליגט דאָ און וואָס ער געהט צוליב איהר זיך ניט לעגען, אָבער ס'האָט איהר דאָך הנאה געטאָן פון דער עולה... זי האָט מיט איהר פרויען־אינסטינקט געשפּירט, אַז גראָד האַנדעלט ער אַזוי ווי מ'באַדאַרף האַנדלען, דאָס הייסט, אַז ער קען ניט און דאַרף ניט זיך באַלעגען און זי לאָזען אין אַזאַ צושטאַנד אַליין...

— נו, געהט, לעגט זיך דאָרטען, אַז איהר ווילט...

ס'איז איהר ניט געווען אַזוי, אַז זי זאָל ניט קענען געהן צו זיך אין בעט אריין. זי האָט עס אפילו באַגעהרט, ווייל זי האָט זיך גענוויטיגט אין אָפּרוה נאָך אַ גאַנצען טאָג זיצען ביי דער מאַשין, אָבער ס'האָט זיך איהר געגלוסט קאַפּריזעווען, ווערען דער צענטער פון זיין אויפמערקזאַמקייט, און זאָל ער טאַקע דערפון ליידען אויך... זי האָט געהערט ווי די קליינע שרה'לע הערשעוועט ביי ראבינאָוויטש'ן אין בעט, ווי זי וואַרפט זיך דאָרטען און קאָמאַנ־דעוועט און רופט איהם שלאָפען, און געווען מאָמענטען וואָס זי איז אריינגעפאַלען אין אַ נעבעל פון ניט וויסען ווער פון זיי ס'איז עלטער; איהר איז צומאָל דורכגעשפּרונגען אַ געדאַנק, אַז זי, בלומע, איז די קליינע.

מאָסיו ראבינאָוויטש האָט געפיהלט אין איהר טאָן צאַרטקייט און ווייכקייט. זינט ער איז דאָרט אַ שכן האָט ער נאָך ניט גע־הערט זי זאָל רעדען צו איהם מיט אַזאַ טאָן, און דאָס אַליין האָט איהם נאָך מעהר פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרעהט דעם מח זיינעם...

ער איז געווען צו באַשיידען ער זאָל זיך עפּעס ערלויבען, אָבער אַ מענש מיט געפיהלען איז ער דאָך... ווען אַ פרוי באַלעגט זיך ביי דיר אין צימער און זי איז אַ ביסעל פריטשמעליעט און רעדט מיט אַזאַ טאָן, איז... אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן דערצו?... האָט ער אויך גערעדט צו איהר ווייך. האָט זיך אָבער באַקומען (ער האָט עס אליין געפיהלט), ווי אַ טאַטע רעדט צו אַ קינד... און דאָ דערביי ליגט די קליינע און קוקט אויף איהם ווי אַ ווייבעל זיינס שוין לאַנג נאָך דער חתונה, קוקט רוהיג און גלייכגילטיג... אויסלעשען דעם לאָמפּ?... ניין, דאָס וואָלט אודאי ניט געטויגט... לעשט ער אויס דעם לאָמפּ, אַזוי איז נאָך אַלעמען... אַז ס'איז נאָך ליכטיג, קען ער נאָך שטעהן נעבען איהר, נעבען בלומע'ן. ווערט פינסטער — דאַן...

ס'איז פאַר איהם געשטאַנען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון זיין פופציג־יעהריגען לעבען...

פון צווייטען צימער, פון וואַנען עס האָט זיך אַ פּאָר מאָל געהערט דער אַלטער'ס קול, האָט זיך שוין מעהר איהר קול ניט געהערט. די קליינע דאָ האָט אויך אָנגעהויבען צו שליסען די אויגלאָך און ביינאַנד מיט דער שטילקייט פון דאָרטען און מיט דער'ס שליסען די אויגלאָך האָט זיך פלוצים דערשפּירט, ווי ס'האָט זיך אריינגעכאַפּט די נאַכט־שפּעטקייט מיט איהר שטילקייט און רוהיגקייט און ביי די וואַכענדיגע שטיל און נאָגענד געמאָנט דעם חוב זייערען, זיי זאָלען געהן שלאָפען און רוהען.

מאָסיו ראבינאָוויטש איז געשטאַנען צווישען בעט און סאָפע, צווישען דער קליינער און דער גרויסער, און געפיהלט, אַז ער שטעהט קוים איין אויף די פיס, געקוקט אויף בלומע'ן, און איז שטאַרק געוען געווען צו וויסען צי זי שלאָפט. ווען ער וואָלט גע־וואוסט, אַז זי שלאָפט, דאַן איז אַלעס געלייזט, טוט ער זיך אויס און לעגט זיך שלאָפען... ווי זשע אָבער איז, אַז זי שלאָפט ניט?

זי האָט פלוצים אראָפּגענומען די הענט פון איהר פּנים און אויף איהם אַ פאַרטראַכטען, לאַנג־דויערנדען קוק געוואָרפען, און

איינצייטיג האָבען זיך די ליפּען איהרע שמייכלענדיג פאַרקרימט.
— וואָס שטעהסט איהר, וואָס?
— וואו זאָל איך זיך זעצען? — האָט ער געפרעגט.
זיין הילפלאָזיגקייט און באַשיידענקייט האָט איהר טרויעריג געריהרט... זי האָט אויף איהם גרויס רחמנות געקראָגען און אין דעם מאָמענט דערפיהלט, אַז ער איז איהר אַ נאָהענטער מענש. זי האָט איהם אָנגעוויזען ער זאָל זיך זעצען נעבען איהר.
ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר, האָבען זיך די אויגען איהרע פאַרצויגען מיט אַ פאַר'חלום'טער מאַטקייט און מיט עפּעס אַ טיף־געבראָכענער צניעות, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין איהר אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר... אַ מאָדנער אינטערעס פון אָרענטליכקייט איז אויסגעוואַקסען ביי איהר ווען ער האָט מיט זיך און מיט זיין זיצען באַריהרט זי מיט איהר ליגען, און מאָדנע, וואָס גראָד אָט דער צושטאַנד האָט אַרויס־גערופען ביי איהר אַ פאַנטאַסטישען געדאַנק אויסצוטראַכטען אויף זיך אַזעלכעס, וואָס אַן אַנדערע, ווייט ניט אַזאַ צנועה ווי זי, וואָלט קיינמאָל אַזעלכעס ניט איינגעפאַלען... זיך אַרומגעקוקט און זיך איינגעהערט און אַוועקגעשטעלט דעם בליק איהרען אויף שרה'לען, האָט זי טיף אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

---

— איך וואָלט שוין געקענט האָבען אַ גרעסערע טאָכטער פון איהר...
און דערצעהלט, און כמעט אַליין געגלויבט אין איהר דער־צעהלען, אַז זי האָט מיידעלווייז אַ קינד געהאַט און אַז זי געהט אַלע יאָהר אויפ'ן קבר'על, וואו דאָס עופה'לע איהרס איז באַגראָבען געוואָרען... ווי אַזוי קיינער ווייס נאָך ניט פון דעם ביז היינ־טיגען טאָג און זי טראָגט אַליין דעם גרויסען וועהטאָג אין איהר האַרצען...
זי האָט זיך צוואויינט שטיל און ריהרענד, און מאָסיו ראַבי־נאָוויטש, צוזאַמען מיט דעם מיטלייד וואָס ער האָט דערפיהלט צו איהר, האָט איינצייטיג אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט דערצעהלט,

דערפיהלט אַ ליידענשאַפטליכען באַגעהר צו איהר, מיט אַ מעגליכ־קייט דעם באַגעהר צופרידענצושטעלען, אַ דאַנק, ווידער אַמאָל, דעם זעלבען, און האָט זיך גלייך אָנגעהויבען באַנעמען אַנדערש צו איהר... עפּעס אַזוי צוזאַמען ווי ער האָט זי גענלעט אוים מיט־געפיהל צו איהר, האָט ער זיך אָנגעהויבען צוטוליען צו איהר אַלץ ענגער און ענגער. די אומגליקליכע, ליידענדע פרוי האָט אָבער נאָך אַלץ גאָרניט פאַרדעכטיגט. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט גאָר פּלוצים אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און האָט זיך ערשט פון דאָס נייַ באַזעצט האַרט נעבען איהר, האָט זי זיך גלייך געכאַפּט וואָס ער מיינט, און האָט היסטעריש אויסגעשריען :

— דעם לאָמפּ צינדט אָן ! דעם לאָמפּ ! דעם לאָמפּ ! דעם לאָמפּ !

און האָט זיך צעוויינט און צולאַכט.

# קינסטלערישע קאַפּריזען.

דער יונגער מאַלער, פּיליפּ טראַפּ, האָט זיך אויפגעכאַפּט צווישען טאָג און נאַכט מיט אַ פּעסימיסטישער שטימונג און האָט גלייך פוּיעריש אָפּגעשפּיגען ווייט פון זיך אויף דער פּאָדלאָגע. געטאָן האָט ער עס לכתחילה אָהן אַ מיין, נאָר נאָכדעם ווי דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרען, האָט ער עס גערעכט־פערטיגט אַז אַזוי האָט ער געדאַרפט טאָן, באַשמוצען די ריינע פּאָדלאָגע צו וועלכער ער קאָן זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינען, כאָטש אָט די ריינקייט געהט שוין אָן העכער אַ האַלב יאָהר, אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי ער האָט חתונה געהאַט. יע, ער איז געוואוינט געוואָרען אַלע יאָהרען, אַז ביי איהם אין סטודיאָ זאָל זיין אָנגעוואָרפען און אָנגעמיסטיגט, און דאָ איז געקומען אַ מענש און צווינגט אויף איהם ארויף די ריינקייט. יע, ער פאַרשטעהט, אַז ריינקייט איז אַ גוטע זאַך, אָבער ער איז שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו אומאָרדנונג און ער פיהלט זיך צומאָל זעהר און זעהר ניט גוט אין אָט דער אָרדנונג, און ווען איהם געהט ניט די ארבייט, באַשולדיגט ער... ער האָט עס נאָך ניט ארויסגעזאָגט, נאָר סוף כל סוף וועט קומען דערצו און ער וועט עס איהר זאָגען, אַז ביי זיך אין שטוב קאָן זי זיך האַלטען די צימערען אין וואָס פאַר אַן אָרדנונג זי וויל, אָבער זיין סטודיאָ... ס'איז זיינס און עס קאָן קיינער איהם ניט ווערען. ער מוז אַלעמאָל פיהלען, אַז ער איז דאָ איינער, אַז נאָר זיין גייסט שוועבט דאָ ארום און ניט אימיצענס אַנדערש... סוף כל סוף, וואָס געהט עס איהר אין לעבען, וואָס?

ער האָט מיט אַ ברייטען בליק אָפּגעמאָסטען די גאַנצע לײנג און ברייט פון דעם בוידעם, וואָס האָט אויבען, איבער

זיך, בלויז אַ דאַך געהאַט, אַ דאַך מיט פיל שויבען אויפ'ן דאַכיגען רוקען און אַ שטיקעל וואַנט ווידער אין פראָנט, וואָס איז אויך באַשטאַנען בלויז פון גלאָז און שויבען. דער טאָג האָט זיך דאָ לענגער ווי אין געוויינליכע צימערען איינגעהאַלטען, און ס'האָט זיך געפיהלט אַן אומעט פון לאַנגער גסיסה און עפּעס אַ מאָדנע אָפּגעריסענקייט פון מענשען און פון שטאָדט, אָט מיט דעם טאַקע וואָס אומעטום איז שוין נאַכט און עס ברענט פייער, און דאָ ביי איהם אין סטודיאָ לעבט דער טאָג אויס ביז די לעצטע מינוטען זיינע, הויכט אויס דעם לעצטען ליכטיגען שטראַל אין טונקעלקייט.

פון זינט ער האָט חתונה געהאַט איז איהם ערשט ליבער און געשמאַקער געוואָרען אָט די אָפּגעזונדערטקייט, פיהלענדיג אַז צו יעדער צייט ווען ער וועט נאָר וועלען, קאָן ער זיין ניט איינזאַם, און ס'איז איהם אַזוי באַזונדערס אַנגענעם אָט די בין השמשות'דיגע איינזאַמקייט... ער פיהלט, אַז ער איז שוין מעוברת מיט אַ געוויכטיגער זאַך וועגען עפּעס אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז נאָך ווייט ניט קלאָר וואָס דאָס וועט זיין אַזעלכעס. אָבער זיכער איז ער, אַז דאָס וועט זיין עפּעס אַ שטיק פון זיין לעבען און איבערלעבענישען, פון די שטימונגען וואָס ער זאַפּט איין אין זיך אָט אין די אַזעלכע צווישען טעג און נעכט.

פון הינטער דער דינער פאָדלאָגע האָט ער דערהערט ווי עס טופּעט אַרום דאָס יונגע ווייבעל זיינס, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן מיט גרויס פאַרוואונדערונג וואָס ער האָט זי נאָך אַלץ ליב... ווען מ'זאָגט איהם פאַר דער חתונה, אַז ער וועט קאָנען אָפּלעבען מיט אַ פרוי ניט צושיידט אַ האַלב יאָהר צייט און זי ליב האָבען, וואָלט ער עס ניט געגלויבט, און ער האָט דאָך פונדעסטוועגען חתונה געהאַט. זי, דאָס ווייבעל זיינס, האָט אַנדערש ניט געוואָלט מיט איהם זיך צונויפגעהן, ווי נאָר אויף אַ געזעצליכען אופן, און איהם האָט דאָס ניט אָפּגעהאַלטען אָט די געזעצליכע פאַרבינדונג, ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט סאַי ווי קענען פון איהר אַוועקגעהן. און אָט איז

שוין א האלב יאהר פאריבער און ער האט זי נאך אלץ ליב און ער זעהט איין אין דעם עפעס אומנאטירליכעם פאר זיין פראפעסיע און עס פארדריסט איהם אויף זיך הלמאי איז דאס אזוי. א גאנץ האלב יאהר ליבען און ליבען איינע און דיזעלבע. ער שעמט זיך פאר זיך אליין מיט דעם געפיהל און פאר קאלעגען, מיט וועמען ער קומט זיך צוזאמען, בארימט ער זיך, אז ער האט שוין לאנג ניט ליב דאס ווייבעל זיינס און אז נאך אין א חודש ארום וועט ער זי אוועקווארפען.

ער איז אינגאנצען אלט געווען פינף און צוואנציג יאהר, נאר זיין גרויסע פאפולאריטעט, דאס וואס די גרעסטע מענשען ריידען און שרייבען וועגען איהם, גיט איהם עפעס אעזלכעס צו פיהלען, אז ער איז שוין פיל־פיל עלטער, און דערצו נאך אט דאס באהעמישע ניט נארמאלע לעבען פון אריינציהען טעג אין נעכט אריין און נעכט אין טעג אריין אין אינטימע באציהונגען מיט פיל פרויען, דאס האט איהם פריצייטיג דאס לעבען געזעטיגט און ווען ניט די צייט־רעכנונג וואלט ער זיכער געמיינט, אז ער איז מיט א פופצעהן־צוואנציג יאהר עלטער...

דאס אלעס איז שוין אוועק. איצט ווייסט ער ניט, צי מיט דעם וואס ער האט חתונה געהאט, געהט צו איהם א יונג לעבען, צי געהט עס ביי איהם צו עלטער, און וואס איז אט די לאנגע ליבע, וואס האלט אזוי לאנג אן? ווער איז אין דעם שולדיג, אין אט דער לאנג־פארצויגענער ליבע — זי, דאס ווייבעל זיינס, צי ער!

ער האט אפגעשטעלט זיין בליק אויפ'ן מאלברעט, וואו ער האט אנגעווארפען אויפ'ן לייווענט די ערשטע אויבערפלעכליכע ליניעס פון זיין ווייבעל'ס געשטאלט, און ס'איז נאך אלץ געווען ניט דייטליך און נעבעלדיג. ער האט געקענט אויף דיזעלבע ליניעס נעמען און מאלען פון דער פאנטאזיע אן אנדער פרוי... יע, איהם האט זיך געדוכט, אז עס דארף זיין לאנגווייליג צו מאלען די אייגענע פרוי אין דער צייט ווען פאר'ן קינסטלערישען אויג איז דארטען ביי איהר ניטא קיין איבעריגע

אינטערעסאנטע שטריכען, הייסט עס, האָט ער זיך פארנומען צו מאָלען פון אַן אנדער געפיהל צו איהר, פון אַ צווייטען מענשען אין איהם, וואָס האָט זיך צוגעבונדען צו איהר, אַ צווייטען, וואָס האָט מיט קונסט און מיט פארבען ניט צו טאָן, איז אפשר דערפאר די ליבע צו איהר דויערהאַפטיגער... ס'איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז קינסטלער קאָנען לאַנג ניט זיין צוגעבונדען צו איין פרוי.

ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם פלאַשענעם צודעק און אין איין אויגענבליק איז ער געשטאַנען אויף די פיס און אָנשטאָפּענדיג די לולקע מיט טאַבאַק און פאררויכערט, איז ער צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעשטעלט ביים וואַנט־פענסטער, און דער בליק זיינער האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער דעכער, פריש און דין־באַשנייטע, און פון שניי און פון דעכער האָבען ארויסגעקוקט פלאַטשיגע קורץ־געמויערטע קוימענס וואָס האָבען זיך גערויכערט מיט ווינטערדיגען אידיאַטישען אומעט, און דער שניי איז זיך געלעגען אזוי לייזאכדיג צושפּרייט און אַנגע־וואָרפען אין דער ארום־דאַכיגער סביבה ווייסען, קאַלטען, ווינטער־דיגען אומעט.

די הייזער הינטער דעכער און שניי זיינען געווען באַ־לויכטען מיט עלעקטרישע ליכט און לעמפּלאַך; עס האָבען געשיינט פענסטער מיט גרויס־שטאָטישער אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט און מיט באַזונדער אייגענאַרטיג גרויס־שטאָ־טישען לעבען... ער האָט געקוקט און געזעהן ווי דאָ און דאָרטען דרעהט זיך ארום אין דער קעסטעלדיגער ליכט אַ מענש און צוויי און מעהרער, דרעהען זיך, ווי מיט עפּעס פאר־נומען, און דאָך איז ניט צו באַמערקען, ס'זאָל ווער פון זיי עפּעס טאָן, און ס'האָט זיך ביים מאָלער געשאַפען אַן איינדרוק, אַז יעדער איינער איז בלויז פארנומען מיט דעם ארומדרעהען זיך און מיט איבערגעהן פון איין צימער אין אנדערען.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטען מיט איין שורה טרעפּ נידעריגער, וואו ער האָט פארנומען צוויי צימערען, איינעם

צום עסען און דעם צווייטען אויף שלאָפען. אריינגעגאנגען אין עס־צימער, האָט ער גלייך אַ קוק געוואָרפען צו דער טיר, וואָס פיהרט אין שלאָף־צימער. די טיר איז געווען פארמאכט און פון הינטען צווישען דער טיר און פאָדלאָגע איז געלעגען אַ שמאָל פּאַסיקעל, וואָס האָט מיט ליכטיגער שארפקייט אָפּגע־טיילט איין צימער פון צווייטען, ליכטיגקייט פון פינסטערניש. ער האָט געוואָלט אריינגעהן. ער האָט זיך אָבער געכאפּט, אַז ער איז זיך נוהג אַלעמאָל אָנצוקלאַפּען איידער ער געהט אריין. און איצט קלאַפּען האָט זיך איהם ניט געגלוסט... ס'איז דאָך נאַרישקייטען. ס'איז דען פאראַן אַזאַ צייט, וואָס ער זאָל ניט טאָרען אריינגעהן צו איהר? ס'האָט נאָך קיינמאָל נאָך דער חתונה ניט געטראָפען, אַז ער זאָל אָנקלאַפּען און זי זאָל זאָגען אַז מ'קאָן ניט אריינגעהן, און ער קלאַפּט דאָך ניט צוליב דעם; דאָס קלאַפּען האָט גאָרניט צו טאָן מיט'ן אריינגעהן, ס'איז נאָר כדי צו באַווייזען איהר, אַז ער איז נאָך אַלץ דערזעלבער, ווי פאר דער חתונה, און דיזעלבע איידעלע באַציהונג. נו, פּאַסט עס דען פאר אַ פרייען קינסטלער אַזעלבע „פּוילע" שטיק? וואָס איז ער, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופעקטור־געשעפט? אָדער אַ בוכהאַלטער מיט געפּוצטע מאַניערען?... ער האָט געוואָלט ברעכען דעם מנהג. ער האָט זיך צוגעהערט ווי „דאָס" ליופט אַרום מיט פלינקע יונג־ווייבעלדיגע קרעפטיגע פיסלאַך הין און צוריק מיט אַזאַ אימפּעט און דרייסטקייט, פּונקט ווי יעדעס טראָטעלע איהרס און יעדער קלאַפּ, וואָס זי גיט מיט'ן קנאַפּעלע אין פּאַרקעט וואָלט געווען פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט. דאָס האָט אַ היבשע צייט אָנגעהאַלען און פאר דער צייט האָט ער געכאַפּט אַ ישוב צי זאָל ער צי ניט, און באַ־שלאָסען „זאָל", און ראַפּטאָם אָן עפען געטאָן די טיר. דאָס ווייבעל זיינס איז שטעהן געבליבען אַ דערשראָקענע און גוט־מוטיג געזאָגט:

— הויבסט אָן צו ווערען וואולגאַר, מיין ליבער פיליפּ!

און פיליפּ האָט זיך אַ דרעה און אַ קער געטאָן און מיט

אַרטיסטישער ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט געזאָגט, אַז ס׳האָט איהם שוין דערעסען...

— וואָס ? — האָט דאָס יונגע ווייבעל פאַרוואונדערט און אומרוהיג געפרעגט.

דאָס ווייבעלע האָט געהאַלטען אין מיטען טואַלעט, אויס־געפאָרמירט דעם קערפּער אין קאָרסעט, ווי אויסגעגאָסען אין אַ פאָרמע פון האַרטען מעטאַל, און די פיס לאַנג, ביז אַרויף באַזאַקט און אונטען אָנגעשטעקט פינגער און פּיאַטעס אין גלאַנציגע טופעלקעס, מיט הויכע קנאַפּלאַך, וואָס האָט געמאַכט די פיסעלאַך אויסצוזעהען דריבנע און ווייבליך־קינדעריש, קליין און גראַציעז. פון אויבען, העכער פון קאָרסעט, האָט אַרויס־געקוקט אַ האַלב־נאַקעטער ביוסט, נאַקעטע הענט און אַקסעל, און אויף די אַקסעל, אויף אַ לענגליך העלזעל, איז געזעסען אַ שעהן, אָוואַל קעפעל, פאַרקאַמט, פאַרפּוצט און באַשטעקט מיט קעמלאַך און האָר־שפּילקעס. עס האָט אַזוי אויסגעזעהען, אַז קאָפּ און פיס זיינען שוין גרייט זיך צו ווייזען פאַר מענשען, אין דער צייט ווען דער גאַנצער קערפּער האָט נאָר געמעגט געזעהען ווערען פון די פיער ווענט און דעם אייגענעם מאַן. דאָס ווייבעל האָט איהם געבעטען אַרויסצוגעהן.

— האָסט דאָך ניט ליב מיך אַזוי צו זעהן.

ער האָט אַ ציה געטאָן די לולקע און געזאָגט אונטער דער נאָז אין דער לולקע אַריין :

— דערעסען !... ס׳האָט שוין דערעסען !...

— וואָס ? — האָט דאָס יונגע ווייבעל אומרוהיג געפרעגט.

דער מאַלער האָט געזויגען די לולקע, געלאָזט פון מויל גאַנצע וואָלקענס מיט רויך, וואָס האָט ווי מיט אַ דורכזיכטיגען דעק־טוך פאַרשטעלט דאָס גאַנצע פּנים זיינס, און געפרעגט :

— געהסט ערגעץ אַוועק ?

זי האָט איהם פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. זי האָט זיך געפּוצט אין טעאַטער צו געהן מיט איהם, מיט׳ן מאַן, וואָס ער

אַליין האָט געבראַכט בילעטען, איצט פרעגט ער גאָר צי זי געהט ערגעץ.

— וואָסי, דו געהסט ניט?

— מיר גלוסט זיך עפּעס ניט געהן.

— וועל איך אויך ניט געהן! — האָט זי זיך גלייך אָנגעכאַפּט. — וואָס הייסט, איך וועל געהן אָהן דיר?

ער איז זי באַפאַלען קאַפּריזנע און מיט פאַרדרוס:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַרישקייטען, וואָס? אַז איך וויל ניט געהן, ועסטו שוין אויך ניט געהן, פאַרוואָס? דיר גלוסט זיך דאָך יע געהן, טאָ פאַרוואָס עפּעס דאַרפסטו ניט געהן דערפאַר וואָס איך וויל ניט געהן?

— אַז דו פיהלסט זיך ניט גוט!

— איך פיהל זיך יע גוט. ווער האָט דיר דען געזאָגט, אַז איך פיהל זיך ניט גוט?

דאָס ווייבעל האָט איהם ניט פאַרשטאַנען:

— נאָר וואָס דען?

— מיר גלוסט זיך פּשוט ניט געהן און גענוג. — אַ ציה געטאָן די ליולקע און ווידער גערעדט: — ס'איז דען אַ מוז אַז מאַן און ווייב זאָלען אַלעמאָל טאָן איין און די אייגענע זאַך — אַז איינער געהט אין טעאַטער, מוז דער צווייטער אויך געהן, און אַז דער צווייטער זיצט אין שטוב מוז דער ערשטער אויך זיצען?... דו קענסט געהן און דו דאַרפסט געהן, ווייל דיר גלוסט זיך געהן, און איך וועל ניט געהן, דערפאַר ווייל איך האָב קיין חשק ניט צו געהן, ווייל מיר ווילט זיך בלייבען זיצען אין שטוב..

— פיהלסט זיך עפּעס ניט גוט, פיליפּ?

דער מאַלער איז אויפגעקאָכט געוואָרען:

— ועמען ווילסטו דאָס איינריידען: מיר צי זיך? איך פיהל זיך גוט. נו, איך פיהל זיך זעהר גוט. גאָר גוט; איך פיהל מיך אַזוי ווי איך האָב מיך גאָר קיינמאָל זייט איך לעב אַזוי גוט ניט געפיהלט, גאָר פּשוט, פּראָסט און איינפאַך...

— וואָס?

— פארוואָס איז דאָס דוקא א מוז אלעמאָל מיט דיר צו געהן אין טעאטער אריין און דו דוקא מיט מיר... וואו זיינען אלע באקאנטע דיינע, וואָס דו האָסט געהאַט ביז דער חתונה?...

— ביזט אייפערזיכטיג, פיליפ?

דער מאָלער איז פון מינוט צו מינוט אלץ שטארקער אין זיין ראָלע אריין:

— ניין, פארקערט, איך מיין אז... איך מיין פארקערט, פארוואָס זאָלסטו מיט וועמען אנדערש ניט געהן... כסדר מיט מיר, תמיד מיט דיר!...

דאָס ווייבעל איז געוואָרען היסטעריש:

— האָסט מיך שוין ניט ליב, פיליפ!

און דער מאָלער איז געוואָרען ארטיסטיש אויפריכטיג:

— איך וויל, אז דו זאָלסט וויסען, און ס'איז בעסער, אז דו זאָלסט עס וויסען וואָס פריהער, אז איך בין ניט בעסער און וויל ניט זיין בעסער פון אלע אנדערע... דאָס געהט אלעמאָל באנאנד, צוזאמען מיט דער קינסטלערישער אינטואיציע... זיי, די קינסטלער, אונזערע מאָלער, זיינען ניט שולדיג אין דעם, וואָס זיי זיינען אזעלכע וואָס קאָנען זיך ניט צובינדען צו א ווייב ווי א בוכהאלטער אָדער א זייגער־מייסטער... פארשטעהט זיך, אז איך נעם ביי דיר ניט צו דאָס רעכט זיך אויפצופיהרען ווי דיר געפעלט... איך וויל דיר אין דעם ניט שטערען... מאָן און ווייב, אפילו ווען זיי האָבען זיך ליב, טאָרען ניט באגעהן דיזעלבע נארישקייט, וואָס עס באגעהט אן אייגענטימער פון א ברונעם, ניט צולאָזענדיג קיין פרעמדען מענשען שעפּען וואַסער פון דעם ברונעם פון זיינעם. מיט דעם וואָס ער טוט אזוי, האלט ער אָפּ דעם צופלוס פון פרישער וואַסער און די שטעהענדיגע וואַסער פארלירט מיט דער צייט איהר לויטערקייט און דעם טעם איהרען.

דאָס ווייבעל, פון דער נאַטור אַן ארטיסטין, ווי אלע יונגע,

שעהנע ווייבלאך, און פיהלענדיג זיך שטארק געטראפען פון מאן'ס האנדלונג, האט טיף אין זיך אריין די ליבע וואס זי האט געפיהלט צום מאן, אריינגעטריבען און איינס און צוויי האט זי זיך אויסערליך אינגאנצען פארענדערט.

— ביזט גערעכט! — האט דאס ווייבעל מיט א מינע פון קאלטקייט און מיט אן אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט צום מאן געזאגט.

— זעהסט! — האט דער מאלער געזאגט מיט איינגעהאל־טענעם פארדרוס, וואס דאס ווייבעל גיט איהם אפ גערעכט.

— זעהסט, דו פארשטעהסט עס אליין אויכעט...

— יע... איך האב צו דיר גארניט, ווען דו גיסט מיר דיזעלבע פרייהייט, וואס דו געהסט נעמען פאר זיך...

און אנגעטאן זיך, האט דאס ווייבעל האסטיג דעם מאן און די שטוב פארלאזט און איז אוועק צו איהרער א באַ־קאנטער, און ער איז אוועקגעגאנגען אין א קאפע, און מ'איז זיך צוזאמענגעקומען צוועלף אזייגער ביינאכט. און ביידע ברענענדיג פון ליבע און ליידענשאפט איינס צו דאס אנדערע, האבען זיי איינס דאס אנדערע גענארט: זי האט איהם דער־ציילט, ווי זי האט פרייליך פארבראכט די צייט מיט איינעם, און ער, ווידער, האט איהר דערציילט ווי ער האט געהוליעט מיט איינער, און ביידענס הערצער האט געפרעסען פארדרוס און אייפערזוכט, מ'האט זיך אבער איינס פאר דאס אנדערע ניט ארויסגעוויזען, ביידע האבען געמאכט אזעלכע אנשטעלען, אז זיי זיינען צופרידען און גליקלאך פון זייער נייעם שטייגער לעבען, וואס זיי האבען כלומרשט אנגעהויבען צו לעבען...

# דער מערדער.

הערר אדוואָקאַט! ווי עס איז צו זעהן פון די צייטונגען און פון פארשידענע סברות, וואָס מענשען טראָגען ארויס טאָג־טעגליך נאָך יעדער זיצונג אין געריכט, זעה איך ארויס, אז אייער קליענט וועט דעם משפט פארשפּילען. אלע באווייזע זיינען געגען איהם; ער איז דער מערדער פון דער מיידעל... עס איז אפילו אמת, אז דער פּראָקוראָר פון איין זייט און די עקספּערטיזע פון דער צווייטער זייט באַנוצען זיך מיט זעהר שוואכע ארגומענטען. דער ערשטער וויל איינמאָל פאר אלע מאָל אָנבינדען די געשוואָ־רענע ריכטער אַזאַ מין אומגעלומפּערטע זאַך, אז דאָס קוויטעלע, וואָס מ'האָט ביי איהם געפונען אין קעשענע, זאָל זי האָבען אָנגע־שריבען אונטער זיין דיקטאטור... איך וויים ניט, צי אַזאַ מין טיף־פּסיכאָלאָגישער... יע, ער קריכט טאקע פון דער הויט ארויס, ער פאַרשטעהט, אז די גראָבע קעפּ פון די געשוואָרענע ריכטער וועלען אַזאַ זאַך ניט קענען באַנעמען, ווייל ס'איז דאָך אַזוי: וואָס איז דען פאַראַן ערגער פון'ם טויט, וואָס זי, אָט דער קרבן, זאָל דערפאר מורא האָבען, נעמען מיט די אייגענע הענט און זיך אונטער־שרייבען אַ טויט־אורטייל... און ווי איז אייער מיינונג וועגען דעם? איך מיין דאָ, צווישען פיר אויגען, איז דען אַזאַ זאַך מעגליך?

אדוואָקאַט: ביי אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען... ווען, אַ שטייגער, מיר וועלען זאָגען, אז זי איז אין איהם געווען אויסער־געוויינליך פארליבט און אַזאַ פאַל איז גאַנץ מעגליך, איז ניט נאָר ער זאָל האָבען בכח איהר צווינגען אַזאַ קוויטעלע אָנצושרייבען, נאָר ער קאָן איהר אפילו צווינגען מיט דעם היפּנאָז... נו, מיט'ן

כח פון דער ליבע, וואָס זי פיהלט צו איהם, קאָן ער איהר אפילו צווינגען זי זאָל זיך אליין נעמען דאָס לעבען.

הייסט עס, רעכענט די פארטיידיגונג, אַז אזעלכעס קאָן יע פּאַסירען?

אדוואָקאַט: דאָרטען, אויפ'ן געריכט, פארשטעהט זיך, זעהען מיר, די פארטיידיגער, דעם ארגומענט צו צוקלאַפּען, אַז אזעלכעס איז גאָר אוממעגליך.

הייסט עס, אַז ביי אייך, צווישען זיך, איז די פארטיידיגונג איינשטימיג מיט דער באשולדיגונג אין דעם פּרט, נאָר אזוי ווי אייער זאַך איז צו פארטיידיגען, זעהט איהר מיט אלע מעגליכקייטען דעם ארגומענט פון דעם געגנער צו צוקלאַפּען.

אדוואָקאַט: גאַנץ פארשטענדליך... אזעלכע זאַכען קומען זעהר אָפט פאָר... אָבער אמאָל און זעהר אָפט קומט עס פאָר אין אונזער גערעכטיגקייט, וואָס מען פאראורטיילט איינעם אָהן פעסטע באווייזע, אַז ער איז ווירקליך דעם פארברעכען באגאַנגען, ווייל ער איז אריינגעפאלען און ווייל ס'איז ניטאָ און מ'קאָן ניט אויסגעפינען קיין אנדער אורזאַך צוליב וואָס פאר אַ צוועק עס זאָל האָבען דאָס פארברעכען באגאַנגען דוקא אַנאַנדערער און ניט דער. אָט, אַ שטייגער, ווי דאָ אין דעם פאַל. ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז קיין רויב־מאָרד איז דאָס ניט. אלע וואָס האָבען זי געקענט, זאָגען איינס און דאָס זעלבע, אַז דאָס האָט ניט געקענט זיין, ווייל זי האָט קיינמאָל קיין געלד ניט געהאַט... איז וואָס־זשע דאַרף מען זוכען... געפינט מען אַ קוויטעלע, יע, איז דאָך שוין, דאַכט זיך, גענוג. איז ניין, קומען צוגעהן מענשען, וואָס האָבען גענוג געלערנט און געשטודירט און צעהנדליגער יאָהרען זיך געגריבעלט אין דעם מענשען'ס גייסטיגען אפּאַראַט, וואָס מ'רופט אָן פּסיכאָלאָגיע, און זאָגען: ניין, אַז אָט דער באווייז פון'ם קוויטעלע איז נאָך אליין ניט גענוג. יע, ס'איז טאַקע איהר האַנדשריפט, און פונדעסטוועגען איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָרד, ס'הייסט, אַז זי איז ניט געשטאָרבען פון איהרע אייגענע הענט, נאָר פון פרעמדע הענט... הויבט זיך אָן אונטערזוכונגען,

און אַז מ'זוכט, געפינט מען. צי זיי זיינען אַלעמאָל ריכטיג, צי ניט — מ'געפינט. האָט מען אויסגעפונען, אַז ניט לאַנג איידער דער מאָרד איז פאָרגעקומען... איהר ווייסט דאָך וואָס... געפונען אַ קוויטעלע, אַז איבער איהם, איבער דעם און דעם מענשען נעמט זי זיך דאָס לעבען...

אַנטשולדיגט, הערר אַדוואָקאַט, אויב ער האָט איהר ווירקליך, איך מיין, ווי איהר אַליין דערלאָזט עס, אַז דאָס קוויטעלע איז געשריבען געוואָרען אונטער זיין ווירקונג, טו ווי זשע האָט ער געקאָנט אַליין זיין אייגענעם נאָמען אריינשטעלען?

אַדוואָקאַט: דאָ קאָנען זיין צוויי סברות: איינמאָל, אַז זי האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אריינשטעלען קיין פרעמדען נאָמען, אַז אַ פרעמדער, אַן אומשולדיגער זאָל אריינפאַלען אין אַ פאַרברעכען, וואָס אַ צווייטער איז באַגאַנגען, און, צווייטענס, איז דאָ גאַנץ מעגליך, אַז מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט געהייסען אריינ־שטעלען דעם נאָמען זיינעם, אַז מיט דעם אַליין, האָט ער געקלערט, וועט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּקירעווען פון זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון דער גערעכטיגקייט... נו, אַז איבער איהם, איז וואָס קומט איהם דערפאַר?... פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַליין איז קיין באַווייז ניט, כאָטש מיר אַליין גלויבען אין דעם. ערגער האַלט עס דוקא מיט'ן צווייטען ארגומענט פון דער עקספּערטיזיע, אין וואָס דוקא מיר גלויבען ניט, אָבער וואָס איז פאַר די געשוואָרענע ריכטער פיל איבערצייגענדער. איך מיין דאָס, וואָס זיי באַווייזען, אַז פון אַליין זיך אַראָפּוואַרפען ביז אַ צווייטער וואַרפט אַראָפּ איז פאַראַן אַ געוויסער אונטערשייד.

יע, הערר אַדוואָקאַט! דאָ, אויף דער לעצטער באַהויפּטונג, שטרענגט די פאַרטיידיגונג אָן אַלע איהרע כוחות צו באַווייזען, אַז מ'קאָן אַזעלכעס ניט וויסען אויף קיין פאַל... יע, פאַראַן אַן אינ־זשעניר אויך... ווער האָט עס איהם אַרויסגערופען, דאָס געריכט? אָט וואָס פאַר אַ דומהייט. ער האָט אייך דאָרטען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אויסגערעכענט וויפיל סעקונדען אַזאַ משא (אַ משא, ניט קיין מענש) קאָן פליהען פון אַזאַ מין הויך ווי די בריק איז,

און וויפיל מאָל אַזאַ משא (אַלץ אַ משא) קאָן זיך פאַר דער צייט פון פליהען איבערדרעהען נאָך די געזעצען פון פיזיק, ביז וואַנען, הייסט עס, זי קומט צו, פאַלט אויפ'ן צענטער פון דער מאַגנעטישער צוציהענדער קראַפט, וואָס ווערט אָנגערופען ערד. אָבער לאָמיר דאָ לאָזען דעם אינזשיניער אָן אַ זייט. מיר דאַכט זיך, אַז ביידע צדדים האָבען פון איהם גאָר ניט פאַר זיך געלערענט, ווייל ס'איז ניט מעהר ווי לעכערליך צו ריידען פון אַ מענשען, וואָס פליהט אין אָפּגרונט און צושרייבען איהם די אייגענע פיזישע געזעצען ווי אַ שטיק אייזען וואָלט פון אַזאַ הויך געפלויגען... אָבער מיך אינ־טערעסירט אייער מיינונג. אין דעם פאַל זייט איהר ביי זיך, צווישען זיך מיין איך, אין דעם אויך איינשטימיג...

אַדוואָקאַט: איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך מיר, געזאָגט, אַז מיר קאָנען אַזאַ זאַך אויף קיין פאַל ניט פעסטשטעלען. אַזעלכע דיאַגנאָזען מאַכען פשוט לעכערליך די עקספּערטען פון דער באַ־שולדיגונג, ווען יעדער איינציגער זעלבסטמערדער, וואָס געהט זיך אַראָפּוואַרפען פון דער בריק, ווען ער וואָלט אונז גערופען און געזאָגט: קומט, וועט איהר זעהן ווי איך וואַרף זיך אַראָפּ, וואָלטען מיר געהאַט פאַרשידענע עקזעמפּלאַרען פון אַרט און וויזע ווי אַזוי זיי וואַרפען זיך, און ווי אַזוי איינער וואַרפט זיך, אַזוי פאַלט ער אַנדערש, הייסט עס, פון אַ צווייטען, וואָס האָט זיך אויף אַן אַנדער אופן אַראָפּגעוואָרפען... אַזעלכע זאַכען, טענה'ען אונזערע עקס־פּערטען, האָבען מיר דאָך קיינמאָל ניט געזעהן און אַזעלכע וועלען אונז קיינמאָל ניט רופען, מיר זאָלען עס געהן צוקוקען... איז דערפאַר זאָגען מיר, אַזוי ווי מיר ווייסען ניט ווי איינער וואַרפט זיך, דערפאַר קאָנען מיר קיינמאָל ניט וויסען ווי אַזוי ער באַדאַרף פאַלען... ס'איז גאָר מעגליך, אַז איינער אין לעצטען מאָמענט, טאַקע גאָר אין לעצטען, ווען דער זעלבסטמערדער וואַרפט זיך שוין, אַז דאַמאָלסט, אין דעמזעלבען מאָמענט, האָט ער חרטה און מאַכט עפּעס אַ באַוועגונג זיך צוריקצוכאַפּען. און אַזאַ באַוועגונג קאָן אַמאָל ברייגנען דערצו, אַז אַזעלכער זאָל שוין גאָר אַנדערש פאַלען, אַנדערש ווי אַן אַנדערער פאַר איהם, צי נאָך איהם, וואָס האָט

קיין חרטה ניט געקראָגען... איך מיין, אַז די גאַנצע גערעכטיגקייט און די געזונטע לאָגיק איז דאָ אויף דער אַנדער זייט...

אַנטשולדיגט, הערר אַדוואָקאַט! איהר האָט זיך פאַרביטען מיט די יוצרות. איך וויל זאָגען אָט וואָס: אַז דוקא דער ערשטער אַרגומענט, וואָס איהר זייט ביי זיך איינשטימיג מיט דער באַשול־דיגונג, איז מיין מיינונג, אַז איהר באַדאַרפט ניט זיין איינשטימיג... דאָס קוויטעלע איז געשריבען געוואָרען אָהן וועמעס עס איז וויר־קונג... גאַנץ איינפאַך, די גרעסטע צאָהל זעלבסטמערדער לאָזען איבער נאָך זיך קוויטעלאַך, וואו זיי גיבען אָן די אורזאַכען, וואָס ס'האָט זיי געטריבען צו דעם שוידערליכען טאַט... דאָס קוויטעלע זאָג איך, האָט זי אָנגעשריבען אָהן ווע‏מעס עס איז וויסען און זי איז טאַקע געגאַנגען אויסצופיהרען אויף זיך אָט דעם גרויזאַמען אורטייל, וואָס זי האָט אויף זיך אַרויסגעגעבען און דורכגעגאַנגען, איז עס דאָך פאַרט דורך פרעמדע הענט.

אַדוואָקאַט: ווי אַזוי ווייסט איהר דאָס?

הערר אַדוואָקאַט! איך וויל, איהר זאָלט מיך רוהיג אויס־הערען. דאָס וועט זיין בעסער פאַר אייך און נאָך פיל בעסער פאַר דעם באַשולדיגטען... אין אייער לאַנג־יעהריגער פראַקטיק, הערר אַדוואָקאַט, האָט שוין ניט איינמאָל, גלויב איך, אַזעלכעס געטראָפען, אַז ביידע צדדים, די פאַרטיידיגונג און די באַשולדיגונג, דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט און ביידע האָבען ניט קיין פעסטע באַווייזע, ניט פאַר און ניט געגען, און ווי איהר האָט פריהער אַליין גאַנץ ריכטיג באַמערקט, מוז אַזעלכער, וועמען מ'האָט שוין אין די הענט, באַשולדיגט ווערען נאָר דערפאַר, ווייל קיין אַנדערער איז ניטאָ. גאַנץ ריכטיג. אָבער עס טרעפט, אַז גאָר פּלוצלונג קומט עפּעס אַ שיין פון אַזאַ זייט, וואָס מ'האָט זיך גאָרניט געריכט, און באַלייכט דעם גאַנצען גאַנג פון דעם אומקלאָרען פּראָצעס. איז דערפאַר בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט מיך רוהיג און געדולדיג אויסהערען.

אַדוואָקאַט: מיט פאַרגעניגען אויב דאָ האַנדעלט זיך נאָר... שולדיג... בכלל וואָס הייסט עס אַזעלכעס שולדיג... דירעקט

איז ער זיכער ניט שולדיג... איך מיין, אַז ער האָט עס ניט געטאָן מיט זיינע הענט, ווי די באַשולדיגער זיינע ווילען עס באַווייזען.. אָבער אומדירעקט איז ער יע שולדיג... אָבער פאַר אַזעלכע, פאַר אומדירעקטע שולדען, ווערט מען ניט באַשטראָפט... ווייל אומ־דירעקט זיינען מיר אַלע, אַלעמאָל שולדיג אין איטליכען פאַר־ברעכען, וואָס אַ פאַרברעכער באַגעהט... אָבער איך בין דאָך ניט געקומען פילאָזאָפירען אַהערצו צו אייך... ער, אָט דערזעל־בער, וועמען איהר פאַרטיידיגט, איז, הייסט עס, שולדיג אויף אַזוי פיל, וואָס אַ דאַנק איהם איז זי געשטויסען געוואָרען צו דעם טרויעריגען טהאַט. ס'הייסט, איך זאָג, אַז מאָראַליש איז ער יע שולדיג, ווערליג איהר זאָגט, אַז עס איז אויסגעפונען גע־וואָרען נאָך אַן אונטערזוכונג... נו, יע... פאַר אַזעלכע זאַכען קומט מען אָבער אָפּ מיט אַ גאַנץ קליינער שטראָף און אַמאָל ווערט מען גאָר איגנאָנצען באַפרייט... כאָטש איך פערזענליך באַגרייף ניט, וואָס עס איז דער חילוק יע דירעקט, צי ניט דירעקט, זי איז דורך איהם געטריבען געוואָרען צו דעם שוידערליכען אַקט, איז דען אַ חילוק, צי ער האָט עס געטאָן מיט די אייגענע הענט, ציט ניט?...

אדוואָקאַט: אנטשולדיגט, איהר זייט געקומען וועגען עפּעס אַנדערש...

יע... יע, ריכטיג... ס'איז זיכער, ווי איצט איז טאָג, אַז ער האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צום מאָרד, און איך בין זיכער, אַז ער האָט אפילו ניט אָנגעהויבען צו וויסען פון דעם, ווען זי איז דאָס געגאַנגען טאָן.

אדוואָקאַט: אַנטשולדיגט, וואָס איך שלאָג אייך איבער. איהר רעדט עפּעס מיט אַזאַ זיכערהייט... פון וואַנען ווייסט איהר עס?...

דאָס איז איינע פון די אומצאָהליגע פאַרדרייטע זאַכען, וואָס עס קומען פאָר אין לעבען... דאָס איז זעהר אַ פאַרדרייטע זאַך, הערר אַדוואָקאַט. און איך ראַט אייך, מיך געדולדיג אויסצו־הערען. אין אייער פּראַקטיק קאָן דאָס אייך אַמאָל צוניץ קומען...

איך מיין צו זאָגען אָט וואָס: אויב, לאָמיר אָננעמען, אַז עס קומט איהם צו באַשטראָפען פאַר זיין אומדירעקטען אַנטייל אין דעם טויט פון דער מיידעל, דאַן מוז ער באַלוינט ווערען אין אומדירעקטען אַנטייל, וואָס אַ דאַנק איהם, בין איך געראַטעוועט געוואָרען פון טויט... איך מיין צו זאָגען, אַז ווען ניט דער צופאַל, וואָלט אָט דער מענש, וואָס רעדט דאָ איצט מיט אייך, שוין איצט ניט געלעבט, און אַז נאָר אַ דאַנק דעם צופאַל, איז ער לעבען געבליבען. מענשען מיט פאַטאַליסטישע איבערצייגונגען וואָלטען דערפון געלערענט וואָס זיי איז נויטיג צו באַרעכטיגען זייער פאַטאַלען גלויבען... איך אַליין, ווייל איך בין אַליין די פּערזאָן, קאָן דערפון גאָרניט לערנען. לערנען איז נאָר גוט, קען מען נאָר פון אַ זייטיגען פּערזאָן, פון אַ צופאַל, וואָס ס'טרעפט מיט אַ זייטיגען, און ניט מיט זיך... וועמען עס טרעפט אַזעלכע אויסערגעוויינליכע זאַכען אַליין, ווערט איהם דער קאָפּ זיינער פאַרדרייט אין אַזאַ מין קאַראַהאַד, אַז ער קאָן שוין בכלל גאָרניט טראַכטען... דער קאָפּ ווערט טעמפּ פון אַ געשעהענעם פאַקט און דער פאַקט אַליין איז אַלעס ביי איהם... איהר קוקט מיך אָן, זעה איך. אייך איז ניט קלאָר. נו, א... אין דעם פאַל אינטערעסירט אייך אפשר ניט אָט דאָס גאַנצע געדריי... איהר דאַרפט האָבען פאַר אייער זאַך וואָס מעהר קלאָרקייט... יע, איך פאַרשטעה דאָס, אָבער אין דעם בין איך גאָרניט שולדיג. שולדיג איז דער צופאַל. איינצייטיג וויל איך אייך שוין זאָגען, אַז איך האָב זי געראַטעוועט פון טויט... זי האָט מיך אומדירעקט מציל געווען פון טויט און איך זי — דירעקט.

אַדוואָקאַט: איהר האָט אַליין נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איך באַדאַרף וואָס מעהר קלאָרקייט. איהר האָט עס זעהר גוט פאַרשטאַנען. איינצייטיג זעה איך, אַז וואָס ווייטער פּלאָנטערט איהר זיך טיפער אריין און איך וויים שוין אייגענטליך ניט וואָס איהר ווילט. נאָך אייך קומט אויס, אַז איהר האָט זי געראַטעוועט און זי אייך ,און ס'באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז די טויטע לעבט... איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען, אַז דאָ האַנדעלט זיך אום

דעם לעבען פון א מענשען. איז אויב איהר האָט עפּעס אריינ־צוטראָגען צו באַלייכטען די זאַך, אַז דער באַשולדיגטער זאָל באַפרייט ווערען, וויל איך אייך מיט'ן גרעסטען פארגעניגען און מיט פיל דאנקבארקייט אויסהערען...

אַנטשולדיגט מיר... איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך בין ניט שולדיג אין דעם פּלאָנטער... אין לעבען טרעפען אלעמאָל אַזעלכע זאַכען, וואָס דעם גרעסטען משוגענעם וועט עס ניט איינ־פאַלען אַזעלכעס צוצוטראַכטען.

אדוואָקאַט: אין אונזער פאַך אינטערעסירען מיר זיך ניט מיט טיפע, פארדרייטע וואָרצלען, וואָס דער בוים האָט אין דער ערד און ציהט דערפון זיין יניקה. ווענדיג אזוי, וואָלטען מיר געדאַרפט ציהען א פּראָצעס יאָהרען לאַנג און מיר וואָלטען זיך קיינמאָל פון איהם ניט אויסגעפּלאָנטערט. יעדע גוואַלט־טאַט, יעדער מאָרד האָט זיך זיינע פארדרייטע וואָרצלען, און ניט פאר אונז און ניט פאר דער גערעכטיגקייט איז דאָס וויכטיג. איהר מוזט דאָך פארשטיין, אַז דאָס געריכט איז ניט קיין לאַבאָראַטאָריע, קיין שטודיום, וואו מ'זאָל זיך אוועקשטעלען אַנאַליזירען די טיפע פאַרדרעהענישען אין דעם מענשען'ס פּסיכאָלאָגיע. פארגעסט ניט, אַז מיר האָבען פאר זיך צוועלף געשוואָרענע ריכטער, און דאָס זיינען מענשען פון פאָלק. דער גרעסטער טייל פון זיי אָהן בילדונג... מיר פאר זיי האָבען דעם בוים, דעם פאקט, נאָט, אָט האָט איהר איהם! אַנדערש, פארשפּילען מיר דעם פּראָצעס...

נו... ווי אַזוי איהר ווילט זיך... אויב איהר ווילט, קענט איהר מיך אויסהערען, און אויב איהר ווילט ניט — ניט... איך קען אַנדערש ניט, אַנדערש ווי דאָס איז פאָרגעקומען, קען איך עס אייך ניט איבערגעבען... איז, אויב איהר האָט געדולד...

אדוואָקאַט: נו, יע, ביטע, ביטע.

הערר אַדוואָקאַט! איך וויל, אַז איהר זאָלט זיך אויף א מינוטקעלע פּאָרשטעלען אַזאַ בילד: שטעלט זיך פאָר אונזער שטאָדט... אונזער שטאָדט צעהלט ביי א האַלבען מיליאָן איינ־

וואוינער, יע? לאמיר זאגען, אז גרויס איז די שטאדט פינף ענגלישע מייל אין דער ברייט, צעהן אין דער לייננ... אומגעפער אזוי, יע?... און לאמיר זאגען ,אז ערגעץ אין דער מיט שטאדט געפינט זיך א בריק, א דרייסיג אדער פערציג פוס די הויך. איצט לאמיר זיך נאך פארשטעלען, ווי צוויי מענשען (מיר וועלען זאגען א זכר און א נקבה), איינער אין איין עק שטאדט, דער צווייטער אין א צווייטען עק שטאדט, און די ביידע מענשען זיצען און טראכטען וועגען זעלבסטמארד. ס'איז ביינאכט. די גאנצע שטאדט שלאפט, און נאר די צוויי מענשען, פרעמדע, ווייטע, וואס קאנען זיך ניט, וואס האבען זיך אויף זייער לעבען ניט געזעהן, אט די ביידע טראכטען ווי פטור צו ווערען פון'ם לעבען, און ביידע קומען צו איין און דעמזעלבען באשלוס, צו שטארבען מיט איין טויט, זיך אראפוואַרפען פון דער בריק, געהען זיי ביידע ארויס פון די הייזער. איינצייטיג געהען זיי, איינער פון איין עק שטאדט, דער צווייטער פון צווייטען עק שטאדט, ביידע מיט איין געדאנק און מיט איין באשלוס, וואו און אויף וועלכען אופן פטור צו ווערען פון'ם לעבען. און אט אזוי געהענדיג, דערנענטערען זיי זיך איינער צום אנדערען, און ביידע קומען זיך צונויף ביי דער בריק. ער פון איין זייט, זי פון א צווייטען זייט. ער, לאמיר זאגען, פריהער מיט א פאר מינוט און זי שפעטער...

אדוואקאט: איהר דערציילט עס פון זיך?

נו, פארשטענדליך, ווי דען אנדערש? ס'איז דאך קלאר, אז אזוי און ניט אנדערש האט עס געמוזט זיין. אנדערש וואלטען מיר זיך איינצייטיג ביי דער בריק ניט געטראפען... יע... איז אין דעם מאמענט, וואס איך האב זי באמערקט... אבער בעפאר מוז איך אייך אין א פאר ווערטער איבערגעבען, וואס מיך האט געטריבען צו באגעהן זעלבסטמארד (וואס איך בין, א דאנק דעם צופאל, ניט באגאנגען) מיין געליבטע איז פלוצים דורך אן אומגליקס-פאל אזוי שוידערליך אומגעקומען... איז אט פון ערשטען מאמענט, ווי איך האב יענע פון צווייטען עק בריק דערזעהן, האט

זיך מיר גערדאַכט, אַז איהר געשטאַלט האָט זיך צו מיר באַוויזען... נאָר פאַרענדערט ביז ניט צו דערקענען, און איך בין געווען זיכער, אַז זי איז ספּעציעל געקומען כדי מיך אָפּצוהאַלטען פון דעם שרעקליכען טהאַט... איך האָב מיך אַראָפּגעזעצט און לעבעדיגער־הייט בין איך אַריבער אין אַן אַטמאָספערע פון... האָב ניט געלעבט דאַמאָלסט, ניין, דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער צו־שטאַנד... אַ צושטאַנד פון פּאַראַליזירטען עקסטאַז פאַר עפּעס אַ נייעס פאַר דעם, וואָס איז העכער פון לעבען און ווייט פון דעם באַגריף, וואָס מ'האָט וועגען טויט... איך בין געווען אין דעם מאָמענט ניט טויט און ניט לעבעדיג, אָדער פאַרקערט, איך בין געווען ביידע זאַכען... פאַר דער צייט, פאַרשטעהט זיך, האָט זיך יענע געמאַכט אַ טריט נאָך אַ טריט און איז ענדליך שטעהן געבליבען האַרט אָנגעשפּאַרט נעמען דער אייזערנער פּאַרענטשע... שטעהט זי אַזוי און קוקט זיך אַראָפּ אויף דעם אָפּגרונט, וואָס שפּרייט זיך פון אונטען. פון איהר אַראָפּקוקען איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען נאָך וואָס זי איז אַהין געקומען אין אַזאַ שפּעטער שעה.. איך בין געזעסען געקאָרטשעט אין קראַמפּען פון אומגעדולדיגער ערוואַרטונג. ענדליך האָט זי אַרויפגעשטעלט איין פוס דאָרטען צווישען לעבער און אייזען און געוואָלט אויפהויבען דעם צווייטען פוס, דאָ בין איך אונטערגע־שפּרונגען...

אדוואָקאַט: אויסערגעוויינליך אינטערעסאַנט... און איהר אַליין, זאָגט איהר, זיינט מיט דעם זעלבען ציל אַהין געקומען?

דאָ, העררר אדוואָקאַט, ערלויבט מיר אַביסעל אַראָפּצוגעהן אָן אַ זייט... אויב ס'איז פאַר אייך ניט אינטערעסאַנט אַלס פּראָפעסיאָנאַל, וועט עס גלאַט אַזוי זיין פאַר אייך אינטערעסאַנט. איך וויל דאָ באַמערקען אָט וואָס: אַ שטייגער, אַ מענש, וואָס האַלט זיך ביי דאָס לעבען זיך נעמען, פרעגט זיך, וואָס האָט אַזאַ מענש אין אַזאַ מאָמענט זיך צו שרעקען?... ס'איז דאָך פּשוט ניט צו באַגרייפען... ערגערעס פון'ם טויט איז דאָך שוין ניטאָ... וואָס איז דען די גאַנצע מורא אין אונז, אָט דאָס דערשרעקען זיך,

לאָמיר זאָגען, פאַר אַ פּלוצלונגען קלאַפּ, וואָס איהר דערהערט נעבען זיך? דאָס איז דאָך דער באַהאַלטענער שרעק פון דעם לעבעדיגען אינסטינקט פאַר'ן טויט, וואָס מ'פיהלט איהם תמיד אין זיך... איך שטעל מיך פאַר, און דאָס קען מען זיך גאַנץ לייכט פאָרשטעלען, אַז אַ מויז האָט מורא פאַר אַ קאַץ נאָך איידער זי האָט זי ווען עס איז מיט איהרע אויגען אָנגעקוקט... זיכער, ווייל די קאַץ איז דער נאַטירליכער משחית איהרער, און זי האָט מורא זיך צו באַווייזען אויף דער ליכטיגער שיין נאָך איידער זי האָט איהר מלאך המות געזעהן... נו, יע, פאַרשטענדליך... אָבער ווען מ'האַלט שוין דערביי, ווען איינער געהט צו דעם אליין ארויסגעגעבענעם אויף זיך אורטייל, טאָ וואָס זשע בלייבט איהם נאָך זיך צו שרעקען? באַווייזט עס דען ניט, אַז ערגעץ טיפער פון'ם געדאַנק און נאָך טיפער פון אַלע יסורים, וואָס איינער ליידט, וואָס פיהרט איהם צו זעלבסטמאָרד, איז עפּעס פאַראַן נאָך טיפערעס, וואָס וויל קיינמאָל, קיינמאָל ניט שטאַרבען. באַווייזט עס דען ניט, אַז אפילו ביי דעם אָנגעווייטאָגסטען און פאַרביטערסטען זעלבסטמערדער איז ניט אַלעס אין איהם מסכים מיט'ן באַשלוס צו שטאַרבען. פאַראַן, הייסט עס, נאָך טיפערע זאַכען, וואָס פיהלען נאָך מעהר פון הארץ און דעם מוח... וואָס דענקען ניט, אָבער פיהלען... דאָס איז דאָס וועזען, דאָס טיפע וועזען אין אונז, וואָס ליגט אפשר אויך אפילו אין אונזערע פיאַטעס. און דאָס אומבאַוואוסטזיניגע און אַלעמאָל דאָס קליגסטע, וואָס וויל אונטער קיינע אומשטענדען ניט שטאַרבען... איך דערצעהל עס אייך אָנטקעגען דעם, וואָס ווען איך האָב זי אַ כאַפּ געטאָן, האָט זי איינגאַנצען אַ ציטער געטאָן... איך האָב זי געכאַפּט ביי די פיס, און זי, געפינענדיג זיך אויבען, מיט איבערשווערקייט פון איהר קערפּער, האָט געקענט זיך אַריבערוואַרפען פון יענער זייט, און איך וואָלט זי ניט געקענט געוועזען איינהאַלטען, האָט זי זיך אָבער אינסטינקטיוו אָפּגעוואָרפען אויף צוריק און אַראָפּגעשפּרונגען לעבען מיר. כ'האָב איינציייטיג אַ פייערדיגען פּלעם אין באַק אַריינגעקראָגען...

אַדוואָקאַט: אויסערגעוויינליך, אויסערגעוויינליך! איך הער אייך מיט פאַרגעניגען, דערציילט ווייטער.

אַדוואָקאַט: נו, און וואָס איז ווייטער געווען?

און נאָכ׳ן פּאַטש, וואָס זי האָט מיר געגעבען, האָט זי זיך צואוויינט, הערר אַדוואָקאַט... ניין, איך האָב נאָך אַ לעבעדיגען מענשען קיינמאָל ניט געהערט אַזוי וויינען... דאָס געוויין האָט געוויינט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע פינסטערע מזלות האָבען זיך פאַראייניגט און מיט איין שטימע, מיט איין קול אַלע צוזאמען געוויינט, און אַרום אונז... קיין מוטער־נפש... נאַכט און פינסטערניש אַרום און אַרום... אין אַ שפּעטער שעה אין דער נאַכט, מיט אַ פריהמאָרגען, וואָס שטעהט ערגעץ הינטער איהר שוואַרצער הויט, און דאָ שטעה איך געבונדען... איך קאָן ניט אוועקגעהן און האָב זי מורא איבערצולאָזען (דאַמאָלסט האָב איך ניט געקענט אַנאַליזירען, אַז זי וועט אַ צווייטען פאַרזוך שוין ניט קענען מאַכען). איינגאַנצען אַן אומבאַקאַנטע, יע, פרעמדע, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן און זעה ניט איצט. דאַמאָלסט, הייסט עס, ווען איך בין נעבען איהר געשטאַנען, האָב איך זי אויך ניט געזעהן. איך האָב נאָר געזעהן, ווי זי צוקט מיט די אַקסלען און געהערט ווי ס׳גיסט זיך אַ יאָמער פון איהר אַרויס, עפּעס אַזוי ווי פון אַ פידעל־מענש, און דאָ... הערט, האָט זיך מיר ווידער... עפּעס אַ טיפען און פינסטערען באַגריף געהאַט, אַז דאָס איז ניט זי... ניט זי, אַ פרעמדע... נאָר „זי״, אַ באַקאַנטע, וואָס איך דערקען ניט... ווידער אַמאָל „מיינע״, אַ פרעמדער אָפּטיילונג פון איהר, וואָס איך האָב ביי איהר לעבען ניט געקענט... איז דאָס געקומען אָט די צווייטע אומבאַקאַנטע העלפט... געקומען אויף דער וועלט צו באַוויינען און צו באַקלאָגען זיך אַליין, דעם פריהצייטיגען טויט איהרען... הערר אַדוואָקאַט! איהר קענט זיך פאָרשטעלען אַ געוויין, וואָס אַ טויטער, ווען ער וואָלט עס געקענט, וואָלט זיך אַליין געקענט באַקלאָגען. אָט אַזאַ געוויין איז דאָס געווען... ניין, מיר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַ לעבעדיגער מענש זאָל אַזוי געוועזן וויינען... נאָר אַ יונגע נשמה,

וואָס בלאָנזשעט און זוכט אַרום איהר יונגען קערפּער, נאָר אַזעלכע קאָן אַזוי וויינען... און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דעם קערפּער, וואָס איך האָב אָפּגעהאַלטען, אַז דאָס איז נאָר אַ דמיון, און איך האָב זי... הערט! איך האָב זי ביים נאָמען אָנגערופען, ביים נאָמען פון מיינער... און דאָ איז עפּעס געשעהן, עפּעס אומפאַרשטענדליכעס, אַזוי גלייך ווי איך האָב דעם נאָמען פון מיין געליבטער אָנגערופען, אַזוי האָט די מיר פאָרווירפע געמאַכט, געבראָכען, פאַרשטעהט זיך, מיט אַ צובראָכען געמיט, פאַרוואָס איך האָב זי אָפּגעהאַלטען דערפון, זי וואָלט שוין איצט פון קיינע צרות ניט געוואוסט, פון קיינע ליידען... וואָס האָב איך געהאַט צו איהר?... איהר לעבען וועט שוין במילא קיין לעבען ניט זיין... איהר לעבען איז אויף תמיד געבראָכען, אַז זי וועט זיך כסדר אַרומדרייען ווי אַ שאָטען צווישען לעבען און טויט, ווי אַ וואהנ־זיניגע מוטער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט איהר טויט קינד אין שויס און קאָן זיך דערמיט ניט שיידען. דאָס לעבען איז שוין במילא טויט אין איהר... זי איז אַ לעבעדיגער טרופּ...

און דערנאָך איז זי אַזוי געפאַלען אויף מיר מיט ביידע הענט אויף מיינע אקסעל און מיט זיך אײנגאַנצען צו מיר צוגע־פאַלען, מיט איהר קאָפּ אויף מיין ברוסט, און ווי איינער וואָס בעט זיך ביי איינעם, ער זאָל איהם לאָזען לעבען, אַזוי האָט זי זיך ביי מיר גענומען בעטען, איך זאָל איהר לאָזען שטאַרבען... איך בין געשטאַנען און אינגאַנצען געפּיבערט און מורא געהאַט זיך צוצוריהרען צו איהר... יע, איך האָב זי ניט צוגעהאַלטען... דער פילאָזאָף האָט שוין געוואַכט אין מיר... איך האָב זי ניט צוגעהאַלטען, און זי האָט זיך דאָך אַלץ געבעטען ביי מיר, איך זאָל איהר לאָזען, איך זאָל זי ניט אָפּהאַלטען, און איך האָב זיך פּאַמעלאַך באַפרייט פון איהר און זי איז געבליבען שטעהן אַזוי איינזאַם, ווי אָפּגעריסען פון דער וועלט און פון לעבען. איך האָב געזעהן פאַר זיך עפּעס אַן אומבאַהאָלפענע, גולם'דיגע מאַסע, ווי עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישען לעבען און טויט און אַזוי שטיל און ביטער אריינגעוויינט אין זיך אריין. און

געזעהן, אז זי יאָגט זיך ניט נאָך אמאָל זיך אראָפּצואוואַרפען, בין איך האַרט צוגעגאַנגען צו איהר און גענומען זי אָנרעדען, אַז אַלעם קאָן זיך נאָך בייטען, אַז עס וועט מיט דער צייט אַלעס אַנדערש ווערען און אַז זי וועט נאָך לעבען אַ גליקלאַך לעבען. ביי די לעצטע ווערטער האָט זי מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די לאַצען און אויסגעשריען:

— שווייגט!

— איהר זיינט פריי! — האָב איך צו איהר געזאָגט, — איהר קענט טאָן וואָס איהר ווילט.

און זיך געוואָלט באַפרייען פון איהר, נאָר זי האָט מיך פעסט צוגעהאַלטען און ניט געלאָזט מיר אַוועקגעהן. דאַן האָב איך איהר ווידער גענומען איינריידען, זי זאָל עס ניט טאָן, און זי האָט ווידער פּראָטעסטירט און מיט געוויין און טענות צו מיר נאָך אמאָל געזאָגט, אַז זי וואָלט שוין איצט גליקלאַך געווען. ווען ניט איך... יע, זי קאָן שוין איצט דאָס ניט טאָן. איהר מוט איז געבראָכען, אָבער לעבען איז דאָך פּונקט אַזוי אוממעגליך, ווי שטאַרבען...

און זיך געוואָרפען אויף מיר מיט אַ געוויין, מיך ארומגע־כאַפּט און זיך געבעטען:

— העלף מיר! העלף מיר!

און מיך געהאַלטען אַרומגענומען און געשטאַנען צוגעדריקט צו מיר, האָט זי זיך געשלעפּט צו דער פּאַרענטשע, געשלעפּט מיך און געצויגען און זיך געבעטען ביי מיר:

— נו, נעם מיך אויף די הענט און טראָג מיך צו אהינצו, נעם מיך! איך בין אַזוי גרינג!

און איבערגעגאַנגען אין אַנאַנדער טאָן: זי פּאָדערט עס פון מיר! איך מוז עס טאָן, ווייל איך בין אין דעם שולדיג... זי וואָלט שוין איצט, ווען ניט איך, אָן אַלעם פּאַרגעסען, דאָרטען, אונטען, וואָלט זי שוין איצט געלעגען און וואָלט שוין פון גאָרנישט געוואוסט.

און אזוי האָט זי מיך צוגעצויגען און צוגעשלעפּט צו דער פּאַרענטשע און דאָרטען שטעהן געבליבען.

— ווי איינער וויל ניט שטאַרבען און שטאַרבט, אזוי וויל איך ניט לעבען און לעב — האָט זי זיך געקלאָגט פאַר מיר, און ווייטער געזאָגט, אזו ווי איינעם איז שרעקלאך זיין ניט זיין נאָכ'ן טויט, אזוי איז איהר שרעקלקאך דאָס לעבען, אין וועלכען זי האָט שוין קיין אָרט ניט... מיט'ן לעבען, וואָס זי האָט געלעבט ביז אהער, האָט זי איבערגעריסען און זי פיהלט איצט, אז אויב זי וועט זיך מוזען צוריק אומקערען צום לעבען, וועט עס עפּעס מוזען זיין א נייע לעבען, א ניי־געבוירענעס, מיט צוואַנציג יאָהר שוין אָפּגעלעבטע און באַשמוצטע.

און ווי א מענש פאַר יציאת נשמה, וואָס איז שוין אינגאַנצען אוועק פון ערדישען לעבען, אינגאַנצען געלייטערט פון זינד, אזוי, מיט אזאַ ווייכקייט און געבראָכענקייקט האָט זי גערעדט און צייטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז צו מיר רעדט עפּעס א שטימע פון אַן אנדער וועלט און פון אַן אנדער לעבען... פון א לעבען אַן אנדערס, וואָס איז צוגעבונדען און וויל זיך אָפּרייסען פון דעם לעבען, וואָס מיר לעבען אין וואָס אונז איז באַקאַנט... אָבער איך האָב נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס זי וויל פון מיר, וואָס זי פאָדערט פון מיר... ניט איך האָב זי שוין געהאַלטען, נאָר זי מיך.

— נעם מיך אויף די הענט, אויף די הענט נעם מיך, — האָט זי זיך ביי מיר געבעטען און געפאָדערט איינצייטיג, און איך האָב זי געפאָלגט און אויף די הענט זי גענומען. און זי האָט מיט איין האַנט מיין האַלז און נאַקען פעסט ארומגעכאַפּט און מיט דער צווייטער האָט זי זיך גענעבען א כאַפּ ביי דער פאַרענטשע, און אזוי האָט זי זיך און מיך איינצייטיג פעסט צוגעצויגען צו דעם געפלאָכטענעם אייזען. איך האָב געפיהלט, ווי זי שטיקט מיך און זי ליגט שוין פון אויבען מיט די פיס אַריבערגעוואָרפען און פעסט פאַרבויגען פון יענער זייט... איך האַלט זי פעסט...

איך האָב זי מורא אָפּצולאָזען , און זי מיך האַלט נאָך פעסטער און דריקט און שטיקט מיין האַלז... — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ, פארשטענדליך, האָט עס געמוזט פּאַרקומען. איך האָב געמוזט מיינע הענט באַפרייען, ניט וועלענדיג פון איהר דער־שטיקט ווערען, און אין דעמזעלבען מאָמענט... — — — — — — — — — — — — — — — —

אדוואָקאט: אַלעס איז אינטערעסאנט און רעכט... אָבער פריהער, איידער די פארטיידיגונג וועט אריבערגעהן צו דער באַשולדיגונג, ס'הייסט, צו באַשולדיגען אַזעלכען, וואָס איז אַליין געקומען אויפצואווייזען זיין שולד, וועלען מיר מוזען אָנקומען צו א ספּעציאַליסט, ער זאָל אונטערזוכען אייער פּסיכישען צושטאַנד, און אויב ער וועט אויסגעפינען, אז איהר זייט נאָרמאַל, דאַן וועט אַלעס וואָס איהר האָט דאָ אָנגעגעבען, ווערען א פאַקט, דאַן וועט אויף זיך די פארטיידיגונג נעמען די מיה אויף דעם אָרט פון יענעם אייך צו פארטיידיגען... מאָרגען, אכט א זייגער, איידער מיר געהען אוועק אין געריכט, בעט איך אייך צו זיין דאָ ביי מיר. דאָ וועט שוין וואַרטען אויף אייך, צו דער באַשטימטער צייט, איינער א באַריהמטער פּראָפעסאָר.

— אַדיע!

אדוואָקאט: אויף ס'ווידערזעהן, מאָרגען אום אכט אוהר.

# אַ באַשערטע זאַך.

ס'איז שוין, זעהט אויס, אזוי באשערט געווען, אז זעלדע איז שוין יאָ אַ כלה געווארען (אַ מיידעל אין די יאָהרען), שיקט גאָט אָן אויף דער וועלט אַ מלחמה, און דער חתן איהרער געהט אוועק דינען.

זעלדע האָט זיך מיט איהם איינגאנצען אַ פּאָר מאָל געזעהן און איז פון איהם ניט געווען צופרידען, צופרידען איז זי נאָר געווען פון דעם, וואָס זי איז אַ כלה געוואָרען, און דערפאר איז זי איהם אין הארצען דאנקבאר געווען.

ווי ס'איז אָבער ארויס אַ קלאַנג, אז מ'וועט נעמען פון זיין יאָהר בלויע בליטען, איז ער אראפּגעפאַהרען זיך מיט איהר אָן עצה האלטען; אפשר זיך מאכען אַ חסרון?... ווייל יענער חסרון, אויף וועלכען ער האָט צוריק מיט יאָהרען באקומען אַ בלויען בילעט, איז שוין היינט קיין חסרון ניט. האָט אָבער זעלדע דערפון הערען ניט געוואלט... איהר האָט זיך דוקא געגלוסט האָבען אַ חתן אַ זעלנער, און אז מ'וועט איהם באפרייען וועט מען קלערען, אז זי האָט גענומען אַ חתן אַ קאליקע. אויף גאָט'ס בעראָט — האָט זי געטראכט, אויב ס'איז איהר טאקע באשערט אזעלכען צו נעמען, טאָ זאָל עס טרעפען אָהן איהר באטייליגונג... זי וועט זיך ניט אָפּוואָרפען פון איהם, אָבער דעמאָלט וועט קיינער גאָר ניט קאָנען זאָגען וועגען דעם... זי האָט דאָך גענומען אַ געזונטען חתן! פארקערט, דאָס וועט נאָך זיין פיינער פון איהר זייט...

— אויב איהר פרעגט ביי מיר אַן עצה, וואָלט איך עס אייך ניט געהייסען טאָן — האָט זי גערעדט צו איהם ניט ווי אַ כלה צו אַ חתן, נאָר ווי זי וואָלט געווען אַ ווייטע באַקאַנטע זיינע

און — ווייטער ווי איהר פאַרשטעהט... ס'איז דאָך א גאָט־זאַך... אויב ס'איז אייך באַשערט...

און דאָ איז זי אנטשוויגען געוואָרען. זי האָט אליין דער־שפּירט אין איהר קול, אַז זי איז ניט אויפריכטיג און האָט מורא געהאט, ער זאָל עס ניט דערשפּירען... נאָר וואס איז זי געווען שולדיג, אַז זי האָט צו דעם מענשען גאָר ניט געפיהלט, אַז ער איז איהר געווען פרעמד... אַז זי האָט איהם גענומען נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זי גענומען, און דערפאַר, וואָס קיין אַנדערער וואָלט זי ניט געוואָלט נעמען... און זי האָט פאַרביסען געטראַכט: ווי אַזוי גאָט וועט פיהרען: וועט ער קומען פון דער פּאָזיציע א לעבעדיגער — איז ער איהר באַשערטער... וועט ער קומען א קאַ־ליקע — וועט זי זיך אויך ניט אָפּזאָגען פון איהם: מסתמא איז איהר באַשערט צו האָבען א חתן א קאַליקע. און ווער ווייסט! — האָט זיך פּלוצלינג אין א ווינקעל מוח א פלעמעל אָנגעצונדען, — אפשר וועט ער גאָר קומען א געזונטער און א שטאַרקער. וועט קומען א העלד מיט מעדאַלען אויף דער ברוסט, און מיט גאָלד און זילבער? און דער חתן, וואָס איז דאָ געזעסען פאַר איהר, האָט שוין כמעט ווי פאַר איהר ניט עקזיסטירט... ערגעץ האָט אויפגעקאָכט א געפיהל צו יענעם, וואָס וועט קומען צו איהר א באַהאַנגענער מיט מעדאַלען און מיט גאָלד און זילבער אין די טאַשען... אפשר פונקט פאַרקערט? אפשר איז גאָר די מלחמה א גליק פאַר איהר! ...

און אין די לאַנג־אויסגעלאָשענע אויגען, וואָס האָבען אויס־געזעהן ווי צוגעלעגענע קאַרשען, האָט זיך א פייערל געוויזען, און די שיין פון דעם פייערעל האָט זיך צוואָרפען איבער איהר גאַנ־צען אַלט־מיידעלשען פּנים, און אויסגעזעהן האָט זי אינגאַנצען ווי א חורבה, אין וועלכער ס'האָט זיך ביי־נאַכט פּלוצלינג א מענש מיט א ברענענדיגען לאָמפּ באַוויזען...

און דער חתן איז נעבאַך געזעסען א דערשלאָגענער, איהם איז די גאַנצע זאַך אויסגעקומען משונה, וואָס ער איז געקומען זיך אַן עצה האַלטען מיט דער, מיט וועלכער ער איז ערשט באַ־

קאַנט צוויי חדשים, און שטעלט אויף איהרע רייד, מעהר ווי אויף יענע, וועלכע ער קען שוין צעהנדליגער יאָהרען...

— הייסט עס, זאָגט איהר, אז ניט? — זיינען געווען די לעצטע ווערטער זיינע.

און זי האָט פייערדיג געענטפערט, אז ניט — גלייך ווי זי וואָלט אויף אַן אמת אין דעם מאָמענט אינגאַנצען וועגען איהם געטראַכט. איהר איז שטאַרק געפעלען געוואָרען, וואָס ער פרעגט ביי איהר וואָס צו טאָן מיט זיך, וואָס ביי איהר אין די הענט ליגט דער גורל פון א מענשען, פון א יונגען מענשען...

* * *

זעלדע איז אַלע פריהמאָרגען געגאַנגען אויף דער פּאָסט פרעגען אויף בריף. זי איז געגאַנגען שטאָלץ, מיט א פרעהליך מוטיג געזיכט — גלייך ווי איהר חתן וואָלט ערגעץ אויף א גוטער שטעלע געווען. דאָרטען, אויפ'ן בריקעל פון דער פּאָסט, זיינען געשטאַנען נאָך פיל מיידלאך און ווייבלאך, אידען און אידענעס, וואָס האָבען אויך געוואַרט אויף בריף פון זייערע חתנים, מאַנען, זין, וואָס זיינען אויף דער פּאָזיציע. ביי א גרויסען טייל פון זיי זיינען די פּנים'ער שוין געל געווען פון אומגעדולדיגען וואַרטען, די אויגען האָבען געבלאַנדזשעט, די הענט זיינען געהאַנגען, ווי איבעריגע. רוהיג איז נאָר געשטאַנען זעלדע. פאַר איהר איז גענוג געווען, וואָס זי איז איצט גלייך מיט אַלע, וואָס זי האָט אויך אַ חתן, און וואָס זי באַקומט בריף. און ווייל דאָס איז ביי איהר געווען דער עיקר, האָט זי אַלע מאָל געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, אַז קיינער אינטערעסירט זי ניט, אַז זי איז אינגאַנצען פאַרטאָן אין זיך און פאַראינטערעסירט מיט יענעם, פון וועמען זי באַקומט די בריף.

דער אינהאַלט פון די בריף איז אַלע מאָל געווען איין און דערזעלבער: אָט איז ער דאָ, אָט איז ער דאָרטען און איז געזונט און שטאַרק, ער האָט אפילו פאַרגעסען צו פרעגען אויף איהר געזונט, און דאָס האָט זעלדע'ן שטאַרק פאַרדראָסען. ס'איז אויסגעקומען, אַז מיט איהר קאָן דאָ קיין זאַך ניט טרעפען, און

אויב אפילו יאָ, איז עס געוואָרען אויך ניט וויכטיג, וויכטיג איז ער, וויכטיג איז זיין לעבען, זיין געזונט... ניין, זעלדע איז קיין מאָל ניט צופרידען געווען פון די בריף; זי האָט עפּעס געזוכט וועגען זיך, זי האָט געזוכט יענע ווערטער, וואָס א חתן דאַרף שרייבען צו א כלה. זי האָט געזוכט א צאַרט וואָרט, א וואַרים וואָרט, און דאָס איז ניט געווען, און דערפאַר איז אַלע מאָל נאָכ'ן לייענען די בריף געבליבען ביי איהר א טעמפּער פאַרדראָס.

ענדליך האָט זי אויפגעהערט צו באַקומען בריף. און מערקווירדיג: זי האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, אז ער געפינט זיך אין אַזאַ אָרט, וואו זיין לעבען איז יעדע סעקונדע געשטאַנען אין געפאַהר, זי האָט זיך נאָר געקלערט, אז ער האָט איהר פּשוט אויפגעהערט צו שרייבען. און ווייל זי איז אזוי אין דעם זיכער געווען, האָט זי אַלעמען געוואָלט איינרעדען, אז זי קלערט ניט אנדערש, אז ער איז נאָר גע'הרג'עט געוואָרען... און טיף אין הארצען האָט זי געוואָלט, אז בעסער זאָל זיין אמת דאָס, וואָס זי וויל יענעם איינרעדען, איידער ס'זאָל זיין אמת, וואָס זי האָט פאַר יענעם באַהאַלטען...

פונדעסטוועגען האָט זי ניט אויפגעהערט צו געהן טאָג-טעג־ליך אויף דער פּאָסט. זי איז געגאַנגען דערפאַר, וואָס דאָרטען זיינען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען שוין לאַנג קיין בריף ניט באַקומען, און זיי זיינען דאָך געגאַנגען אויף דער פּאָסט.

ענדליך האָט זי א בריף באַקומען, און א קוק וואַרפענדיג אויפ'ן אדרעס, האָט זי צו איהר גרויס פאַרוואונדערונג באַמערקט, אז דאָס איז ניט דעם חתנ'ס האַנטשריפט. זי האָט איהם אויפ'ן אָרט אויפגעריסען און ווידער דערזעהן א פרעמדע האַנטשריפט. דאָס האַרץ האָט איהר אַזוי אָנגעהויבען צו קלאַפּען, אין די אויגען צו שווינדלען, און ניט געקאָנט קיין איין וואָרט איבערלייענען. זי האָט, ווי יעדער איינציגער אין אַזאַ פאַל, געוואָלט אין איין אָטעם געבען א לייען איבער דעם בריף. און מהאי טעמא האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען אפילו איין וואָרט צו כאַפּען. און האָט זי גע־כאַפּט אָ וואָרט, איז עס עפּעס געשטאַנען באַזונדער, און געוואָל־

גערט האָט זיך עס אין מוח ווי אַ קנעפּעל אין אַ טיש־קעסטעל, וואָס איז גאַנץ נויטיג און שטענדיג איבעריג — ווייל מ'האָט עס ניט צו וואָס צו צונייהען.

זי איז פּאַוואָלינקע אַראָפּגעגאַנגען פון בריקעל, האַלטענדיג איןביידע הענט דעם בריף. זי האָט דאָס מאָל שוין קיין געדולד ניט געהאַט איהם טראָגען אַהיים און ערשט דאָרטען לייענען. אָבער אָפּגעהענדיג אַ פּאָר טריט, איז זי שטעהן געבליבען. וואָס איז דאָס „אומבאַקאַנטע געשעצטע פריילין", אַ וואָרף געטאָן די אויגען אויפ'ן אונטערשריפט: אַ פרעמדער נאָמען, אַ פרעמדע פאַמיליע. געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פון דער מיט... ניט פאַרשטענדליכע ווערטער, וואָס האָבען ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט יענעם, פון וועמען זי האָט דעם בריף ערוואַרט, און ניט מיט איהר.

„קענענדיג זיך מיט אייער חתן, —האָט זי ווייטער אָנגעהויבען לייענען, — מיט וועלכען מיר האָבען זעהר גוט געלעבט"... ניין, זי איפּערט עטליכע שורות. „איך בין עלענד, ווי אַ שטיין". נאָך וואָס איז דאָס? נאָך וואָס שרייבט עס איהר יענער?... נאָר וועגען חתן, וואָס? ניין, זי קאָן ווייטער ניט לייענען, דאָס האַרץ צאַפּעלט און גלייכצייטיג שפּרינגען די עטליכע איבערגעלייענטע ווערטער אין מוח... מאָדנע ווערטער, וואָס איינער אַן אומבאַקאַנטער שרייבט צו אַ כלה פון זיין באַקאַנטען...

די אַלע, וואָס האָבען דאָרטען גלייך מיט איהר געוואַרט אויף בריף, זיינען זיך שוין צוגאַנגען און געבליבען איז פּוסט דאָס בריקעל און דאָס געסעל, וואו די פּאָסט האָט זיך געפּונען; ווער ס'איז אוועק מיט בריף און ווער אָהן בריף; ווער מיט גוטע בשורות, ווער מיט שלעכטע, נאָר קיינער איז שוין אין געסעל ניט געווען. נאָר איין זעלדע האָט זיך געדרעהט. יאָ, זי האָט באַקומען אַ בריף, נאָר ניט פון איהר חתן, דער בריף איז פון איהר חתנ'ס אַ באַקאַנטען, און וואָס ער שרייבט איהר — ווייסט זי ניט, און האָט עס מורא צו וויסען. און איבער איהר קאָפּ איז געהאַנגען אַ גרויער האַרבסטיגער הימעל, וואָס האָט געטריפט מיט איינצעלנע

קאַלטע טראָפּענס, און אַרום און אַרום איז די גאַנצע נאַטור געווען אַזוי פּוסט, נאַקעט און טונקעל.

זעלדע האָט איינגעהילט די הענט מיט דעם בריוו אין שאַל און איז מיט האַסטיגע טריט אַוועקגעגאַנגען אַהיים, און ווי זי האָט נאָר די טיר געעפענט, האָט זי די מוטער, וואָס איז געשטאַנען ביים פּריפּעטשיק, געפרעגט:

— נו, האָסט אַ בריוו?

זעלדע האָט ניט געענטפערט און איז גלייך פון קיך אריינגעגאַנגען אין שטוב אריין. די מוטער איז איהר נאָכגעגאַנגען מיט'ן קאָך־לעפעל און דאָס צווייטע מאָל געפרעגט:

— האָסט אַ בריוו?

זעלדע האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די שאַל און די מוטער, דערזעהענדיג ביי איהר אין האַנט אַ בריוו, האָט שוין דעם ענטפער באַקומען. נאָר, זעהענדיג זעלדע'ס צוטראָגען פּנים, איז זי געוואָרען נאָך אומרוהיגער, ווי עס וואָלט אינגאַנצען קיין בריוו ניט געווען. זי איז צוגעגאַנגען הארט צו איהר און, פאַרקוקענדיג דער טאָכטער טיף אין די אויגען אריין, שטאַמלענדיג געפרעגט:

— וואָס שרייבט ער?

איהר האָט זיך געגלוסט באַלד ענטפערען, אַז דאָס שרייבט אַן אַנדערער, ניט „ער", און וואָלט עס געזאָגט, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָס דער „אַנדערער" שרייבט.

— איך האָב אַ בריוו, — האָט זי שטיל ווי פאַר זיך געמורמעלט, — נאָר איך האָב עס נאָך ניט געלייענט, איך וועל עס פריהער פאַר זיך איבערלייענען.

און זעלדע האָט גענומען „פאַר זיך" לייענען דעם בריוו. זי האָט זיך געפּלייסט, זיך איינגעהאַלטען מיט אַלע כחות ניט שפּרינגען, ניט איבערהיפּען. דער אינהאַלט פון בריוו איז געווען פאָלגענדער: „ער", דער, וואָס שרייבט דעם בריוו, האָט מיט „איהם", מיט זעלדע'ס חתן, אין איין ראָטע געדינט. זיי האָבען זעהר גוט געלעבט איינער מיט'ן אַנדערען. ער, דער חתן, האָט איהם גע־

לייענט אַלע בריף, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער כלה, און די בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו דער כלה.

— לאָמיר שוין הערען, וואָס שרייבט ער! — האָט די מוטער אומגעדולדיג אויסגעשריען, דערקענענדיג אויף דער טאָכטער'ס פנים, אַז דאָס איז ניט קיין פרעהליכער בריף.

זעלדע האָט שוין אַליין אויך דאָס געדולד פאַרלאָרען, נאָר זי האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן איהר באַשלוס לייענען כסדר. „ער איז געוועזן זעהר אַ פיינער און אָרענטליכער יונגערמאַן", — האָט זי וויטער געלייענט. „געוועזן!" — האָט דאָס וואָרט אַ שפּרונג געטאָן אין מוח, און זי האָט זיך גלייך ארייגעוואָרפען אין בעט מיט אַ געוויין.

— וועה צו מיר! געראַניעט? — האָט די מוטער צאַפּלענדיג געזאָגט.

אין דעם מאָמענט איז אריינגעקומען לייזערקע, זעלדע'ס ברודערל, אַן אָפּגעצויגען דאַר בחור'ל, וואָס האָט געדאַרפט שטעהן צום פּריזיוו און וואָס האָט געהאַט אַן אויסזעהן ווי אַ „טיטשקע" אין הארבסט, ווען מ'רייסט פון איהר אַרום די פּאַסאַליעס. ער איז אריינגעקומען און גאַרניט געפרעגט, גלייך ער וואָלט שוין גע־וואוסט, וואָס דאָ איז געשעהן, און איז ניט שטאַרק איבערראַשט געוואָרען פון דער שוועסטער'ס געוויין — ווייל ער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט זיינע צרות. ער איז פּאַוואָלינקע צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער, ארויסגעשלעפּט פון איהר האַנט דעם בריף און איהם שטיל פאַר זיך אָנגעהויבען לייענען.

— איך וויל אויך הערען! — האָט די מוטער אויסגעשריגען.

נאָר לייזערקע, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע אייגענע צרות, האָט ווינציג אַכט געלעגט אויף דער מוטער'ס גע־שריי און האָט זיך גאַנץ רוהיג געלייענט דעם בריף. די מוטער, זעהענדיג דאָס רוהיגע פּנים זיינס, האָט שוין נעבאַך געדולדיג געוואַרט, ביז לייזערקע וועט ענדיגען דאָס לייענען און וועט איהר אַלץ אָפּדערצעהלען, וואָס דאָרטען שטעהט געשריבען.

— נו? — האָט זי געפרעגט, ווען יענער האָט דעם בריף אַוואָרף געטאָן אויפ'ן טיש.

— עפּעס אַן אידיאָט! — האָט ער אויסגערופען, זיך אָפּ־שטעלענדיג מיט אַ לאַנג דוויערענדיגען קוק אויף דער שוועסטער.

— אידיאָט? — האָט מיט אַ פרייער מינע געפרעגט די מוטער און נאָך אַ ווײַלע טראַכטען צוגעגעבען: דאַנקען גאָט... אָבער וואָס שרייבט ער פאָרט?

— ווער שרייבט?! — איז לייזערקע איז כעס געוואָרען.

— איסקודאָוואַ! ער לייענט דעם בריף און פרעגט מיך, ווער ס'שרייבט, — האָט די מוטער מיט אַ פאַרדראָסיגער איראָניע געזאָגט.

און לייזערקע, זייענדיג אינגאַנצען פאַרנומען מיט זיך, און מיט זיינע צרות, האָט ניט לאַנג געטראַכט און אויסגערופען:

— דאָס שרייבט ניט „ער", נאָר אַן אַנדערער!...

— אַן אַנדערער?... וואָס פאָרט?

— פאַרשטעהסט ניט וואָס? — איז לייזערקע אין כעס געוואָרען.

— אַ גזר האָט מיך געטראָפען! — האָט די אַלטע אויסגע־שריען, אַ פּאַטש געבענדיג זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ. — אָבער לייען! לייען, איך וויל הערען!

און דאָס בחור'ל — ווייל ער האָט זיך געהאַט זיין אייגען פּעקעל צרות — האָט זיך רוהיג געלייענט דעם בריף, און די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבען געוויינט. געשריבען האָט יענער, ווי אַזוי ער האָט „איהם" אַליין מקבר געווען לויט'ן אידישען דת, נאָר וועגען זיך האָט דער פאַרפאַסער פון בריף פיל מעהר געשריבען, ווי וועגען „יענעם". געשריבען האָט ער, אַז ער האָט אין דעם גע־הרג'עטען פאַרלאָרען דעם איין און איינציגען פריינט זיינעם; ער איז עלענד ווי אַ שטיין, ער האָט פאַרלאָרען אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע — ווייל דער שונא האָט פאַרנומען די שטאָדט, אין וועלכער זיינע פריינט און באַקאַנטע געפינען זיך. נו, האָט ער

ניט צו וועמען צו שרייבען און אַהן דעם איז דאָס לעבען אויף דער פּאָזיציע, וואָס איז אַזוי אויך ביטער, פּשוט אומדערטרעגליך; אַלזאָ, בעט ער זעהר דער פרייליין, זי זאָל איהם שרייבען (ווען זי וועט זיך באַרוהיגען פון איהר אומגליק, וואָס האָט איהר גע־טראָפען), פון טיפען הארצען בעט ער. און גלייך ווי ער וועט באַקומען דעם בריף, וועט ער איהר ענטפערען.

— נו, וואָס דאַרפסטו ווייגען? — האָט דער ברודער געזאָגט צו דער שוועסטער. — אפשר איז גאָר יענער דער באַשערטער?...

* * *

אין א פּאָר טעג ארום האָט זעלדע געענטפערט דעם אומ־באַקאַנטען אויף דעם בריף, און מאָדנע: אָנשרייבענדיג עטליכע ווערטער, האָט זי דערשפּירט, אז צו איהם, צו דעם אומבאַקאַנטען גלוסט זיך שרייבען ניט דאָס, וואָס זי האָט על פי שכל באַדאַרפט שרייבען צו אַן אומבאַקאַנטען, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איהר האָט זיך קיין מאָל ניט געגלוסט שרייבען צום חתן. דאָס הארץ איהר'ס איז געווען פיל מיט רחמנות צו דעם, וואָס איז ווייט פאַר־וואָרפען געוואָרען פון זיינע קרובים און פריינט, צו דעם איינזאַמען און עלענדען, צו וועמען איהר עלענד הארץ האָט אַזא בענקשאַפט דערפיהלט... און אפשר איז דאָס טאַקע באַשערט אַזוי געווען? — האָט זיך ערגעץ אין א ווינקעל מח א געדאַנק אויפגעכאַפּט... אפשר? ...

און איז אַוועק מיט דער פּען. זי האָט ניט געטראַכט, וואָס צו שרייבען, ס'האָט זיך פון זיך געשריבען. יעדעס וואָרט איז געווען דורכגעדרונגען מיט וואַרימקייט, בענקשאַפט און צערט־ליכקייט, זי האָט ניט געקלערט, וואָס דערפון וועט זיין, זי האָט זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען איהרע געפיהלען, און אַרויס איז א שעהנער זאַפטיגער בריף, וואו אַן עלענד הארץ האָט זיך אויפ'ן צווייטען אָפּגערופען...

אין אַכט טעג אַרום האָט זעלדע אָנגעהויבען געהן אויף דער

פּאָסט, טאָג־טעגליך איז זי אהין געגאנגען, און אלע, וויסענדיג, אז איהר חתן איז גע'הרג'עט געווארען, האָבען געשטוינט: פון וועמען ווארט זי עס ווידער בריף? נאָר איהר, זעלדען, איז שוין איצט קיינער ניט אָנגעגאנגען, זי האָט נאָר געקלערט וועגען „יענעם" און האָט באַקומען בענקענדיגע ליכטיגע אויגען...